STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05341

# VILNE

B. Daymondshteyn

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ווילנע

## („דריי דורות“)

### די ליידן און ליבעס פון ברוכן

— פון —

**ב. דיימאַנדשטיין**

קלמן מרמר אַ מתנה
פֿון ב. דימאַנדשטיין
טאָהאַנגאַ קאַליפֿאָרניע
18/5-52

טאָהאַנגאַ, קאַליפאָרניע
תשי״ב 1952

פאַרלאַג: ........
„ליטעראַרישע העפטן“

# WILNE

## (THREE GENERATIONS)

*The Loves and Sorrows of Boruch*

☆

צום אָנדיינק
פון די אומגעקומענע מיינע חברים
פון ווילנע

☆

Copyright by
B. DIMONDSTEIN
10143 Montair Ave.
Tujunga, Calif.
1952

★

ATLAS TYPESETTING CO.
221 San Fernando Bldg.
Los Angeles (13) Calif.

# פּראָלאָג

ברוך האָט פון זיין יוגנט אָן זייער ווייניק גליק געהאַט, ניט ווי אַנדערע קינדער. ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ הו-האַ לעבן. זיין מוטער האָט ער ווייניק אָנגעזען, ווי אַנדערע קינדער. געווען אַ פאַרדינערין. דערפאַר האָט ער אָנגעזאַפּט אין זיך אַ חיה-אינסטינקט, אַז דאָס לעבן איז האַרט און מען דאַרף קעמפן פאַרן עקזיסטענץ. פון זיין קינדהייט אָן האָט ער פאַרנומען, באַגריפן, מער ווי פאַר זיין עלטער.

ער האָט אַלץ, אַלץ געוואָלט האָבן, טאָן, און האָט אַלץ געטאָן. פון קינדהייט אָן האָט ער געוואוסט, אַז ער איז ניט ווי אַלע אַנדערע קינדער. ער האָט זיך געהאַלטן העכער פון יעדן קינד — אַ גרויסער!...

צו 12 יאָר, נאָך אַ קאַמף מיט זיין פאָטער, וועלכער האָט אים ניט פאַרשטאַנען; זיין רבי, וועלכער האָט אין אים דערזען אַ בונטאָוושטשיק. קלעפּ האָט אים דערוואַרט — איז ער אַוועק פון זיינע עלטערן און איז אַריין אין דעם יונגן בונד און איז געוואָרן אַ בעל-מלאכה. ער האָט אין אַ פּאָר חדשים דערגרייכט אין דער אַרבעט, וואָס אַנדערע דערגרייכן דאָס ניט אין יאָרן. ער ווערט אַ פירנדיקע פיגור: שאַפט זיין אייגענעם „קרוזשאָק” מיטן נאָמען: „גרופּאַ בודושטשיך סאָציאַליסטאָוו” (די גרופּע פון צוקונפטיקע סאָציאַליסטן) און ווערט דער גייסטיקער פירער.

די „עס-עראָווצעס” האָבן אים אויפגענומען און פיל געהאָלפן. מען האָט געשיקט לערער און לערערינס צו זיין קרוזשאָק (קרייז). מען האָט זיי געלערנט דעם אַלף-בית פון מאַרקסיזם און אַנדערע וועלטלעכע וויסנשאַפטן, ווי: אַסטראָנאָמיע, היסטאָריע, די אַנטשטייאונג פון מענטשן, אַפילו דאָס לעבן פון די בינען, און פּאָליטישע עקאָנאָמיע, א.אַז.וו.

ברוך האָט אַלץ איינגעזאַפּט אין זיך, ווי אַ שוואָם — וואַסער. ער האָט געזוכט נאָך און נאָך — אַ טרייב-קראַפט האָט אין אים גערעגט! אין צוויי יאָר צייט האָט ער שוין זיין אייגן ווערקשאַפט פאַרמאָגט מיט אַ נאָמען פון אַ גוטן בעל-מלאכה אין זיין פאַך. ער האָט געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו, ווייל ער האָט ניט געוואָלט עקספּלאָטירן דעם צווייטן. אויך דאָס האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. האָט ער אַוועקגעשענקט זיין ווערקשטאַט צו די „באַווייבטע” אין קאָאָפּעראַטיוו און זיך געוואָרפן אין קאַמף און געאַרבעט ביי אַ צווייטן, ביז, ביז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין ליבעס-חלומות! האָט זיך פאַרליבט אין אַ לערערין פון זיין קרוזשאָק, פיל עלטער פון אים. זי ווערט אַרעסטירט. ער ווערט פאַרמישט מיט אַ שפּיאָן, וועמען ער פאַרשטומט אויף אייביק!... און מיט אַ צווייטער ליבע... ביז ער מוז אַנטלויפן זיך ראַטעווען פון דער שטריק, וואָס האָט געזוכט זיין האַלדז און נאַקן!...

ער האָט תמיד געזוכט דאָס שענסטע, דאָס ערלעכסטע אין לעבן. אַפילו אויב ס׳האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. שטענדיק געווען באַשיידן, ניט געזוכט קיין כבוד. הגם, האָט ער געוואָלט מען זאָל אָפּשאַצן זיין אויפטו, ווייל ער האָט יענעם אימער אָפּגעשאַצט! ער האָט געהאַסט פאַלשע שטופּער, אָפּאָרטוניסטן. ער פלעגט זיי גלייך אַראָפּרייסן, ווי ער האָט זיי נאָר דערקאָנט.

# ווילנע

## דריי דורות

### די ליידן און ליבעס פון ברוכן

## ברוך פאַרלאָזט האַמליע

ס'איז געווען אַ קילער, עסנדיקער פרימאָרגן. ברוך האָט זייער מיד געפילט פון דעם פיבער וואָס האָט פון אים אַרויסגעצויגן, איז זיין קרענק, אי זיין כוח. ער איז זייער אויסגעצערט געוואָרן. זיין שוועסטער איז לעבן אים געזעסן צוויי טעג און האָט אים ניט געלאָזן אַרונטערגיין פון בעט. אָבער ווי נאָר זיין שוועסטער איז אַוועק, האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבן און גענומען אַרומגיין. די ערשטע זאַך איז ער געגאַנגען מיט זיינע באַדערפעניש, און דאָס האָט געמיינט, ער איז שוין געגאַנגען אין גאַס אויף דער פרייער לופט. דער אַפּטריט איז געווען ביי צען אַרשין ווייט פון הויז. די קעלט האָט אים דורכגענומען. ווען ער איז צוריק אַריין, האָט ער זיך צוגעלייגט, זיך אַנגעוואָרעמט און אַרומגעטראַכט, וואָס די לעצטע עטלעכע טעג האָט פּאַסירט.

ער מוז פאַרלאָזן האַמליע; ער מוז ערגעץ אַוועקפאָרן. יאָ, זיין ברודער פלעגט דאָך אויך פאָרן אַרבעטן אין אַנדערע שטעט. ער וועט ניט פאַרלאָרן גיין— האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער איז אַראָפּ פון סאָפּקע. ער האָט זיך דערוואָרעמט און געפילט ניט גאָר שלעכט. ער האָט גענומען איינפּאַקן זאַכן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אין אַ גרויסן טשעמאָדאַן און איז אַוועק צו די עלטערן. ער וועט בעטן ביי דער מאַמען, זי זאָל אים לייען עטלעכע רובל און זאָלן זיי וויסן אַז ער פאָרט אַפּ.

אין גאַס איז געווען כמאַרנע, ווי פאַר אַ שניי. עס האָט געגעסן אין די ביינער. אַ געדיכטע גרויקייט איז געהאַנגען איבער'ן קאָפּ. פאַרגליווערטע אייז איז געווען אויף די טרעטואַרן; מען האָט זיך גערדאַרפט היטן ניט אויסצעגליטשן. ער האָט גענומען מיט זיך אַ קליין קעסטעלע, עפּעס אויפקלייבן ביי דער מאַמען און עסנ־וואַרג פאַרן דרך.

דורכגייענדיק אַ געסל, זייער אַ שמאָלע, וואָס ס'האָט געפירט צו זיינע עלטערן, האָט ער פון ווייטן געזען פאַרקערעווענדיק אַרום צען פּאָליציילייט און זשאַנדאַרן. ער האָט אַ מאָדנעם ציטער דערפילט. עפּעס אַ שרעק איז אים דורך. אפשר איז דאָס פון דער קעלט? האָט אים אַ ציטער געטאָן, האָט ער געטראַכט; איז ווייטער געגאַנגען. אָבער דאָך, האָט ער מאָדנע געפילט—אַ שרעק!... זיינע אויגן האָבן אַלץ נאָכגעקוקט די פאַרשוואונדענע פּאָליציי. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אומ־געקערט און זיי נאָכגעקוקט ביז זיי זיינען פאַרשוואונדן. און מיט אַ פאַרדריקטן געפיל האָט ער געשפּאַנט ווייטער מיט וואַקלדיקע טריט פון שוואַכקייט. ער האָט קוים געעפנט די כוואַרטקע פון הויף, אַזוי שוואַך האָט ער געפילט. די הענט האָבן פשוט געציטערט.

— אָבער אַזוי מוז עס זיין, ווי איך האָב באַשלאָסן: איך מוז פאַרלאָזן האַמליע, היינט!—און האָט געעפנט די שטוב־טיר. זיין פאָטער איז אים אַנטקעגן געקומען און האָט אים געזאָגט, אַז פּאָליציי האָט נאָר וואָס פאַרלאָזן דאָס הויז און מ'האָט אים געזוכט; מ'האָט אים געמאַטערט, אַז ער זאָל אויסזאָגן וואו ער איז, וואו ער

געפינט זיך, דאָס הייסט, ברוך'ן! דער פאָטער, ניט ער וואָלט געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואוסט אַפילו וואו ער איז, נאָר ער האָט פשוט טאַקע ניט געוואוסט וואו ער איז.

דער פאָטער האָט אים געזאָגט און זיך פשוט געבעטן, געבעטן מיט טרערן:

— גיי, ברוך, גיך אַוועק פון דאַנען, פאַר אַוועק וואו דיינע אויגן וועלן דיך טראָגן! פאָר, מיין זון!

— איך האָב קיין געלט ניט—האָט ברוך געזאָגט, און האָט אים געוויזן זיין ליידיקן געלט־בייטעלע—איך בין קראַנק געווען און האָב ניט געאַרבעט! איך האָב ניט אויף הוצאות, טאַטע!

הערשל פלעגט זיך ניט וואַרפן מיט געלט, אָבער איצט האָט ער אויסגעקערט אַלע זיינע קעשענעס און אָפּגעגעבן יעדע קאָפּיקע צו ברוכן. ברוך האָט ניט געהאַלטן שטאַרק פון זיין טאַטן. ער האָט געוואוסט, אַז זיין מוטער האָט אים האַרט און קאַרג געמאַכט, דאָס הייסט, זיין טאַטן. ער האָט געגעבן אַן אָרימאַן גיכער ווי זיין ווייב און קינדער... אָבער איצט האָט ער דערקאַנט זיין טאַטן: די שרעק אין זיינע אויגן פאַר דעם לעבן פון זיין זון, פון זיין קינד. ער האָט אויס־געקערט די קעשענעס, אויב ס'האָט זיך ניט וואו פאַרבאַהאַלטן, פאַרוואַלגערט אין אַ ווינקל אַ גריוועניקל ((אַ זילבערנע 10 קאָפּיקעס). ער האָט אים געזאָגט, אַז דער שפּיאָן איז געווען מיט זיינע אַ קאַרטע, אַ פאָטאָגראַף אין האַנט. ער האָט אים געפרעגט, צי ער קאָן דעם פאַרטרעט? צי ער ווייסט ווער דאָס איז? הערשל האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס איז זיין זון; אָבער ווייסט ער ניט וואו ער איז; ער קומט צו זיי זעלטן, כמעט גאָרניט... פון יאָר צו יאָר! ווי אַ פרעמדער!

ברוך האָט געגעבן דעם פאָטער דעם אַדרעס וואו ער האָט געוואוינט, אים געבעטן ער זאָל דאָרטן גיין אָפּנעמען זיינע זאַכן און אָפּשיקן צו אים, ווען ער וועט אים שרייבן וואו ער וועט זיין, אין אַוועלכער שטאָט, געוויטלעך, דורך אַ צווייטע האַנט, און איז אין געאייל גיך אַוועק.

---

ברוך האָט אין דער שטיל, באַהאַלטענערהייט, מיט ווייניק געלט אין קעשענע, מיט אַ קליין הילצערן קעסטעלע, וואָס ער האָט זיך אַליין געמאַכט פון דינע ברעט־לעך, כדי עס זאָל ניט שווער זיין צו טראָגן, זיך געלאָזן צום וואָקזאַל.

ער איז ניט געגאַנגען מיט דער גלייכער הויפּט־גאַס, וואָס פירט צום וואָקזאַל, נאָר דורך זיגזאַגן, דורך זייטיקע געסלעך, ביז ער האָט דערזען די ליכטיקע גרויסע לאָמפּן, וואָס האָבן פונווייטן ווי לבנהס אויסגעקוקט. ער איז ערשט דאַן געווען איינגעריכטעט עלעקטריע אויפן וואָקזאַל. וואו ער גייט פאָרן, האָט ער ניט גע־וואוסט. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ער מוז זיך היינט היטן, אויסבאַהאַלטן.

אויפן וואָקזאַל איז ער געשטאַנען פאַררוקט, פאַרטוליעט, פאַרשטעלט, אַז מ'זאָל אים ניט אָנזען, ניט באַמערקן. ער איז נאָך געווען שוואַך פון זיין פאַר־קילונג, און די שרעק פאַרן שפּיאָן, פאַר זיין לעבן, האָט אים פאַר אַ ווילע צע־טומלט!... ער האָט נאָר געוואַרט אויף אַ באַן! וואו צו פאָרן?—איז קיין פראַגע ניט געווען... אַבי אַוועק פון האָמליע! ברוך איז ביז איצט אין ערגעץ ניט געווען אַ חוץ האָמליע. ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן און אַנטמוטיקט. ער האָט אַפילו מורא געהאַט צו קויפן אַ בילעט. ער האָט געוואוסט, אימיצער האָט אים געזאָגט, אַז ער קען פאַרהאַנדלען מיטן קאָנדוקטאָר, פאַר אַ העלפט געלט... און געלט האָט ער זייער ניט פיל מיט זיך געהאַט, אַלענפאַלס!...

דער באַן איז געגאַנגען נאָך מינסק!

פון ווייטן האָט ער געזען דעם „פאַראַוויק" (לאָקאָמאָטיוו) אָנקומען מיט די

צוויי גרויסע פייערדיקע אויגן. די סירענע האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אים. די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע, און מענטשן, ווי מוראַשקעס,האָט זיך אים אויסגעדוכט, קריכן אַרום פון די וואַגאָנעס, און אַנדערע מענטשן, ווי מוראַשקעס, זשוקעלעך, קריכן אַרויף... פון קעלט האָט די פּאָרע פון מויל פון איעדן געשלאָגן, ווי זיי וואָלטן געבלאָזן רויך פון אַ פּאַפּיראָס. דער קאָנדוקטאָר איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיך געוואָרפן מיט די אַרבל, די הענט טיף אינעווייניק, אים זאָל וואַרעם זיין, און אַלע ווילע געריבן זיך די אויערן, געהוקעט אין די הענט, און די הענט ווידער צו די אויערן, ווידער צו דערוואַרעמען.

די אַרבעטער פון דער דיפּאָ זיינען צוגעקומען, איינער מיט העמערל, און געקלאַפּט אין די גרויסע רעדער, זיך צוגעהערט צום אָפּקלאַנג, צי ס'איז ניטאָ ערגעץ אַ בראָך אין אַ ראָד. אַנדערע האָבן אַרויפגעוואָרפן שטיקער פלאַכעס האָלץ פאַרן „פּאַראָוויק" צו הייצן. דער באַן האָט געדאַרפט שטיין אַ גאַנצע שעה. דורך די טונקעלע לעמפּעלעך פון די וואַגאָנעס האָט זיך אָנגעזען די הילצערנע בענק. פּויערים מיט די שעפּסענע פּוטערס, אָן אויבערשלאַק, האָבן געררויכערט מאַכאָרקע. אַנדערע האָבן געגריזשעט שוואַרצע ברויט און פאַרביסן מיט חזיר־פעטס. דער לעצטער וואַגאָן איז געווען אַביסל ריינער, שענער. מסתמא, האָט ברוך געטראַכט, איז דאָס ערשטע קלאַס!

אימיצער האָט געפרעגט דעם קאָנדוקטאָר עפּעס. דער קאָנדוקטאָר האָט געענטפערט הויך:

— מינסק! מינסק!...

ברוך האָט זיך אַריינגערוקט אין וואַגאָן און האָט אַ וואונק געטאָן צום קאָנ־דוקטאָר. דער קאָנדוקטאָר האָט גיך פאַרשטאַנען: ס'איז אַ קונד!... איז ער גיך אַרויף. ברוך האָט מיט אים פאַרהאַנדלט, און איז אַריין אין וואַגאָן. דער קאָנדוק־טאָר איז אַראָפּ אַביסל פריילעכער; ער האָט שוין געמאַכט עטלעכע רובל...

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך גענומען אָפּגעבן רעפּעטיציע: די פּאָרע אַרויס־געלאָזן... האָט געכריפּעט און געזשיפּעט. מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די וואַגאָנעס. עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער פייף, ביז דער לעצטער, ווי אַ תקיעה גדולה... דאָס הייסט, אַז ער איז פאַרטיק זיך צו יאָגן, וואו מען וועט אים הייסן גיין... עס האָט זיך גענומען קלאַפּן אין די וואַגאָנעס, אַרויפפליגן פון באַגאַזש. דער קאָנדוקטאר איז אַרויף מיט זיין פייפל, אַ פייף געטאָן, דאָס הייסט: אַלע אינע־ווייניק אַריין... דער פּאַראָוויק האָט זיך צעפּאַרעט מיט אַ געטומל, מיט אַ פּוראַר, און ס'האָט זיך צעשושקעוועט:—שו־שו־שושיו־שיו־שיו־יו... און די רעדער האָבן זיך גענומען קייקלען מיט אַ געקלאַפּ, אַ געטראַסק, אַזש עס האָט פאַרטויבט דעם קאָפּ...

## ברוך פאָרט אָפּ קיין מינסק

דער קאָנדוקטאָר איז צו צו ברוכן אין מיטן פון פאָרן און אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל:— קריך אונטערן באַנק. דער „דעזשורני", דער שוואַרצער טאַטע איז דאָ... גיך אונטערן באַנק!

ברוך האָט זיך אונטערגערוקט אונטערן באַנק. די קעסטעלע אונטערן קאָפּ, אַנשטאָט אַ קישעלע, פאַרדעקט מיט אַ פּויערשער קליידעל, איז ער אַזוי אָפּגעפאָרן אַרום אַ שעה, שפּעטער האָט אים דער קאָנדוקטאָר געהייסן אַרויסגיין. ברוך איז אַרויסגעקראָכן אַ פאַרשמירטער, אַ פאַרשטויבטער. עס האָט אים געשטיקט אין האַלדז, אין האַרצן. ער האָט גענומען ניסן און הוסטן. אַ צווייטן מאָל איז ברוך,

ווען דער עלטערער האָט געדאַרפט אַדורכגיין, האָט דער קאָנדוקטאָר אים גע־היסן אַריינגיין אין אָפּטריט:—„אידי וו'אָטכאָזשו" (גיי אין אָפּטריט־צימער), שטעל זיך הינטערן טיר, ווען איך וועל עפענען די טיר, שאַר זיך צו צום וואַנט. — האָט ער אים געלערנט. און אַזוי האָט ברוך געטאָן, און אַזוי איז עס פּאַר־געקומען...

מיט מזל, אַרום אַכט ביינאַכט איז מען אָנגעקומען אין מינסק. אין מינסק אַרום וואָקזאַל איז געווען די גרעסטע געשעפטן: דער טעאַטער, דער „גובערנאַ־טאָרסקי־דאָם" (דעם גובערנאַטאָרס הויז) איז ניט ווייט פון וואָקזאַל געשטאַנען. אַ ברייטע גאַס, שליטעלעך זיינען אַרומגעפאָרן פאַרקלונגען די גאַסן — מיט ליכט און געקלאַנג.

ברוך האָט אָפּגעשטעלט אַ פּאָר יידן און זיי געפרעגט:

— וואו קאָן מען דאָ איבערשלאָפן היינטיקע נאַכט? — האָט ער זיי געפרעגט, אַ קאַלטער און אַ מידער.

— אָט איז אַ גאָסטיניצע! (האָטעל) האָט אים איינער אָנגעוויזן, איבערן גאַס.

— ס'איז ניט פאַר מיין קעשענע, — האָט ברוך געענטפערט. — אַ „גאָס־טיניצע" איז צו־טייער פאַר מיר!

—טאָ, נאַט אייך אַן אַדרעס, — האָט דער צווייטער ייד אים געזאָגט, און אַריינגעקוקט שאַרף ברוכן אין די אויגן: — דאָ וועט איך גאַרניט קאָסטן, אַ גראָשן ניט! ס'איז אַ ייד וואָס האָט אַן הכנסת־אורחים, אָבער איר וועט דאַרפן שלאָפן אויף דער ערד, אויף דער פּאָדלאָגע דאָרטן; אַ וואוילער ייד, איז דער „דוד דער גוויר", האָט ער צוגעגעבן. גייט, גייט אַהין יונגערמאַן, דאָרטן וועט אייך גאַרניט קאָסטן.

ברוך האָט אים שטאַרק באַדאַנקט און גענומען דעם אַדרעס פון מאַן. דאָס איז געווען ניט ווייט פון דער גרויסער שול, וואו די אַרבעטער קלייבן זיך אַרום, ס'איז כמעט אַן אַרבעטער „בירזשע". דאָרטן טרעפן זיך אַלע אַרבעטער. ברוך איז אַריין אין שול, האָט זיך אַרומגעפרעגט, וואו ס'געפינט זיך דער סטאָליאַר־סקער ווינקל? מען האָט אים אָנגעוויזן, וואו די סטאָליאַרעס פאַרזאַמלען זיך. נאָר קיינער האָט אים ניט געוואָלט נעמען איבערנעכטיקן, ווייל ער האָט קיין פּאַספּאָרט ניט געהאַט. די אַרבעטער האָבן אַ יעדן חשד געווען, ווייל די לעצטע צייט, האָבן שפּיאָנען צו־פיל געמלאָכהעט אין מינסק... אפילו אין שול אָן אַ פּאַספּאָרט, האָט מען אים ניט געלאָזן איבערנעכטיקן. ברוך איז אַרויס אַ פאַר־צווייפעלטער. ווי ער איז נאָר אַרויס פון כוואַרטל (טירל) פון שול, האָט ער דער־הערט געשרייען, און קאָזאַקן לויפן. מען שיסט און מיט די פּיקעס אין לופטן, און אָט, זיינען זיי לעבן אים שוין. ער האָט זיך אין דער גיך אַריינגעכאַפּט אויף צוריק אין כוואַרטקע, און זי גיך פאַרהאַקט, אַליין זיך געוואָרפן אין שניי אַריין. אַ פּיקע האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן דעם אייזערנעם טויער. ער איז אַריינגעלאָפן אין שול אַ האַלב־טויטער, אַ פאַרציטערטער. ער האָט זיי דערציילט, וואָס אין גאַס איז פאָרגעקומען. אַן אַרבעטער איז אַרויס אין גאַס און האָט דערפאַרן, אַז מען האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויפן גובערנאַטאָר. מען האָט דערשאָסן איינעם פון זיינע היטער: (אַ גאָרדאָוואָי), אַ פּאָליציימאַן.

איצט, נאָך מער ווי פריער, האָט מען פאַרדעכטיקט געקוקט אויף ברוכן...

— גייט אייך, — גייט אייך יונגערמאַן, — האָט אים דער שמש געזאָגט, — אָט, זעט איר? — האָט ער אויף אים געקוקט. — גייט אייך אַנדערשוואו!... איך בעט אייך. מיר יידן דאַרפן ניט זוכן קיין צרות. מיר האָבן שוין איבערגענוג...

— וואו זאָל איך גיין? וואו קאָן איך גיין? — האָט ברוך כמעט מיט טרערן געזאָגט. — מען האָט מיך באַגנבֿעט אויפן באַן, — האָט ער אויסגעטראַכט אַ ליגן.

— גייט צו דוד'ן אין הכנסת־אורחים — האָט אויך אים דער שמש געזאָגט. און ער האָט אים געזאָגט ווי צו טרעפן דעם פּלאַץ... ער האָט אים אויסגעמאָלן דעם וועג, אַהין.

— איך גיי דעם־וועג — האָט אַן אַרבעטער געזאָגט — איך וועל אייך צופירן אַהין...

ברוך איז מיט אים געגאַנגען. ער האָט אים אָנגעוויזן דעם פּלאַץ, פון „דוד גווירס" הכנסת־אורחים. ס'איז געווען איין גרויסע שטוב, אין מיטן אַ דאָפּלט־בעט; איבער דער גאַנצער גרויסער שטוב זייַנען מענטשן געלעגן אויפן פּאָדלאָגע, ווער מיט אַ קאָלדרע צוגעדעקט, אַנדערע מיט זייערע מאַנטלען. געשלאָפן איז מען אין די קליידער. מערסטן איז דאָרט געווען אָרימע לייט, נדבה־קלייבער. זיי פלעגן פאַרטרויען דאָס בייטעלע מיט די אָפּגעשפּאָרטע גראָשענס צו רב דודן... דוד פלעגט די זעקעלעך מיט די געלט האַלטן ביי זיך אין בעט, אין ציכל פון קישן.

דוד איז געווען אַ ייד אַ פּולער, מיט אַ שפּיציק בערדל, אַ קיילעכדיקער, מיט אַ גוטמוטיקן פּנים. פלעגט ארומגיין מיט אַ יאַרמעלקע. זיין ווייב איז אויך געווען אַ פולע, אַ שיינע, מיט כיטרע שיינע אויגן, אַ פולן בוזעם און מיט פעטע שמייכלענדע־ליפּן.

— וואָס קאָן איך פאַר אייך טאָן, יונגער מאַן? — פרעגט אים דוד מיט אַ זיס שמייכעלע.

— איך בין ערשט אַראָפּ פון וואַגזאַל און האָב ניט וואו צו זיין, וואו צו נעכטיקן, מען האָט מיך באַגנבֿעט! — האָט ער זיך שוין געהאַלטן ביים גוטן איינפאַל, וואָס אַפּעלירט...

— האָט איר אַ פּאַספּאָרט? — האָט ער ברוכן געפרעגט.

— באַגנבֿעט... אַלץ צוגענומען! אַלעס — האָט ברוך געענטפערט.

דוד האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין ווייב. זי האָט אָנגעקוקט ברוכן, ווי זי וואָלט וועלן אריין אין זיין נשמה. נאָך אַמאָל איבערגעקוקט זיך מיטן מאַן און אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער וואָלט זאָגן: וואָס זאָל מען טאָן? מען קאָן דאָך אין גאַס אים ניט לאָזן דערפראָרן ווערן. ער האָט אים געגעבן אַ שטרויענע קישעלע און אַ זאַג געטאָן:

— וואָס קאָן איך טאָן? דאָס גאָר, וואָס כ'קאָן טאָן פאַר אייך? — נאָר דאָס וואָס ס'איז איבערגעבליבן — און ווייזט אויפן פּאָדלאָגע, און אַ מאַך געטאָן מיט די הענט.

## ברוך פאַלט אַ מידער שלאָפן

ברוך האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צום פּאָדלאָגע, ער האָט גאָר ניט געפילט, אַז ס'איז האַרט און קאַלט. ער האָט זיך צוגעדעקט מיט זיין פּאַלטאָ, און דוד מיט זיין ווייב האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין זייער גרויסער בעט. די שווערע וואָג פון זיי ביידן, האָט די בעט אַזש אַ קרעכץ געטאָן.... ער האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ לעבן אים, ס'איז געוואָרן פינצטער. דוד האָט צו אַלעמען אַ זאָג געטאָן גאַנץ הויך:

— אַ גוטע נאַכט אַלעמען! שלאָפט געזונטערהייט. שלאָפט און האָט גוטע

חלומותן — און אַלץ איז שטיל געוואָרן. עס האָט זיך געהערט דאָס כראָפּן פון די, וואָס האָבן שוין געשלאָפן.

ברוך געדיינקט ניט מער ביז ער איז אויף מאָרגן פרי אויפגעוועקט געוואָרן צו טרינקען אַ גלעזל טיי מיט ראָזעווען ברויט. נאָכ'ן איבערבייס, האָט ברוך זייער באַדאַנקט דער באַלעבאָסטע און איז אַוועק אין שול אַריין, וואו דאָרטן איז געווען די בירזשע פון די ארבעטער .

די גאַס איז ווייס געווען פון די שניי, נאָר אַ זאמדיק שניי־וועג האָט זיך געצויגן איבער דער לייִנג פון די גאַסן, וואָס האָט זיך אָנגעריבן פון די שליטנס און פון די פערדישע קאָפּיטעס. דער הימל איז כמעט בלוי געווען. די זון האָט געשיינט אָבער דער פראָסט האָט געברענט, אַזש ס'איז פארגאנגען אין יעדן אבר.

אין שול האָט מען אים שוין איצט באַדאַנקט, פאר פארהאקן די „כוואַרטקע״, ווען די קאָזאַקן זיינען ווילד געפלויגן. איינער האָט זיך אָפּגערופן: — זיי וואָלטן געוויס אַריין אין שול, און מיר וואָלטן טרוקן ניט אָפּגעשניטן! זיי וואָלטן אונדז צושלאָגן, אפשר צושאָסן. יאָ זיי וואָלטן אַ תל־געמאַכט פון דער גאנצער שול! דער שמש, איז צו, ניט ווי נעכטן, ווען ער האָט אים ניט געלאָזן איבערנעכטיקן: — אַ יישר כוח יונגערמאַן! איר האָט געראַטעוועט די שול. איך האָב גאָרניט געוואוסט, וואָס איר האָט פאר אונדז געטאָן?! די קאָזאקען האָבן צושלאָגן הונדערטער מענשן. יאָ, מיין אייגעענם ברודער האָבן זיי צושפּאָלטן דעם שארבן. יאָ, איצט ליגט ער אין שפּיטאָל אין שרעקליכע וואונדן דאָרטן. זיי זיינען באַרבאַרן די קאָזאקען, דערהויפּט ווען זיי דערזען אַ יידן...

ברוך האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָבן די אַנאַרכיסטן מיט די עסעראָווצעס, געוואָלט דערהרגענען דעם גוברנאַטאָר, פאר אויפהייגען אייניקע פון זייערע גענאָסן. — יאָ, האָט זיך אָפּגערופן איינער פון דער גרופּע־ארבעטער: — ער וועט זיך ניט אַרויסדרייען דער גועברנאַטאָר. ער מעג איצט גומל־בענטשן, אָבער ער מעג אויך נאָך זיך קדיש־זאָגן, ווייל ער לעבט: די אַנאַרכיסטן וועלן אים שוין צורעכט מאַכן!... יאָ זיי וועלן אים פאקן.

ברוך האָט באַטראַכט די גרויסע שיינע שול, פון הינטן די צוויי גרויסע שולעכלעך. דאָרטן האָבן די בעל־מלאכות געהאלטן זייערע מיטינגען... ער האָט געטראַכט: — ביי אונדז וואָלט מען אונדז אַרויסגעיאָגט פון שול, און דאָ לאָזט מען זיי האלטן פארזאמלונגען. ער איז אַרויס פון שול און זיך געלאָזן איבער דער גאַס, וואָס ס'פירט צום וואָקזאַל. אויף די „קאָנקעס״ (טראַמווייען געטריבן דורך פערד). שטייט אַ פּאָליציימאַן פון פּאָרנט און אַ צווייטער לעבן קאָנדוקטאָר פון הינטן. האָט ער איינעם אַ פרעג געטאָן:

—קענט איר מיר אפשר זאָגן, ווארום זיינען אויף די קאָנקעס פּאָליצייען?

—איר זייט אפנים אַ ניט היגער, יונגערמאַן?... האָט ער אים אָנגעקוקט.

—יאָ, איך בין נעכטן געקומען ערשט אַהער.

האָט דער מאַן געזאָגט:—ערשט נעכטן?! נו, פאַרשטייט איך!

—אָבער דאָך! —

—מען זאָל ניט מאַכן קיין עקספּראָפּריאַציעס — „קיין רוקי ווערך״, — די אַנאַרכיסטן — — — די גנבים!...

— אַ, איך פאַרשטיי—האָט אים ברוך איבערגעשלאָגן און איז אַוועק צום וואָקזאַל. ער איז אַריין אין דעם וואָקזאַל, ער האָט אים באַטראַכט, געקוקט פון די זייטן אויב אימעצער ווארפט ניט קיין אויגן אויף אים. יעדן האָט ער פאַר־

דעכטיקט־געמאַכט. דער גרויסער וואָקזאַל איז געווען פול מיט בענק און אַ גרויסער בופעט, וואו די פּאַסאַזשירן האָבן געטרונקען וואָדקע און צוגעביסן מיט וואורשט און געבייטלטע ברויט. דער ריח פון די וואורשט האָט געריסן אין די נאָזלעכער און געדרייצט זיין הונגער. נאָר ער האָט געהאַלטן און געהיט איעדע קאָפּיקע: ער דאַרף היינט אָפּפאָרן. דאָ קאָן ער ניט זיין, דאָ קאָן ער ניט בלייבן. ער האָט ניט קיין פּאַספּאָרט ער האָט וויניק געלט. ער האָט געקויפט פאַר 2 קאָפּיקעס אַ פּאָר קיכלעך און האָט זיך אריינגעכאַפּט אין וואַגאָן. דער קאָנדוקטאָר האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, וואַרשיינלעך, זיי זיינען געניטע, די רוסישע קאָנדוקטאָרן, איז ער צו, צו אים:

—וואו פאָרסטו? — האָט ער אים געפרעגט.

—וואו גייט דער באַן?

—נאָך ווילנע!

—איך האָב אַ רובל ועט זיין גענוג?...

—מער האָסטו ניט?

—ווען איך האָב, וואָלט איך געקויפט אַ שטיקל וואורשט!

—מירן זען! — האָט דער קאָנדוקטאָר געזאָגט און איז אַרויס אין וואָקזאַל.

ברוך האָט נאָך געהאַט אַ צווייטן רובל, וואָס ער האָט אים פאַררוקט אין זיין הויזן־קעשענע, אַז ער אַליין זאָל אים ניט זען, ניט אַזוי גיך געפינען! ער האָט דערהערט די ערשטע סירענע פון „פּאַראָוויק". עס האָט אים אַזש אַ קלאַפּ געטאָן אין הארצן: — ווילנע! ער האָט אַ סך געהערט פון ווילנע, לעקערט האָט דאָרט דערשאָסן דעם גובערנאַטאָר. יאָ, ער האָט געהערט פון ווילנע. דער צענטראַל פון בונד! פילע אַראַטאָרס זיינען געקומען פון ווילנע צו אונדז אין האָמליע. אויך דאָ האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן מיט אונטערן באַנק. נו, וואָס האָט ער געזאָלט טאָן? אנדערע פאָרן גאָר אָן געלט. זיי פאַררוקן זיך אונטער דער באַנק. אָבער ער האָט ניט געוואָלט ליגן די גאַנצע צייט פאַרשטיקט אונטערן באַנק, האָט ער באַצאָלט. ניט געגעסן נאָר באַצאָלט.

## ברוך אין ווילנע

ארום צען אַזייגער ביינאַכט, האָט זיין פוס באַטראָטן זאַוואַלנע גאַס. דאָס איז די גאַס פון וואָקזאַל. ער האָט נאָך אַזאַ קאָכיקע שטאָט ניט באַגעגנט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי גייענדיק אין די שווערע זאַמדיקע שניי פון די פילע שליטעלעך, וואָס רייבן אָן דעם שניי, האָט ער דערזען אַ גרויסן מעבל־געשעפט, אין די פענסטער גרויסע ליכטיקע לאַמפּן, בליץ־לאָמפּן האָבן געברענט! ער איז אַריין אין קראָם, ס'איז דאָרט געווען אַ סך מענטשן. מען האָט גערעדט, געשמועסט. אין אַ ווינקל האָבן צוויי בעלי־מלאכות געשפּילט אַ קערטל. ברוך האָט זיך אָפּגערופן:

—קענט איר מיר זאָגן זייט אַזוי גוט, וואו קאָן מען קריגן ארבעט?

—אַזוי שפּעט אין נאַכט? — האָט אים דער פּאַרוואַלטער געפרעגט. — אין מיטן נאַכט זוכט מען ארבעט?

—איך בין ערשט ארונטער פון וואָקזאַל. און ווידער געזאָגט דעם זעלבן ליגן, אַז מען האָט אים באַגנבעט... מען האָט אים אויסגעליידיקט!...

—פון וואַנען קומט אַ יידי? — האָט אים איינער געפרעגט, אַ מאַן, אַ הויכער, מיט שיינע וואָנצעס, מיט טיפע שיינע כיטרע אויגן: — פון וואַנען אַ יידי?!

—פון האַמליע!

—פון האַמליע? — האָט ער פריילעך אַ זאָג געטאָן: — אַלע גרויסע רע־וואָלוציאָנערן קומען פון האַמליע!...

—אַבי איך האָב געמיינט, אַז די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן קומען פון ווילנע?—האָט ברוך געענטפערט—און געריבן די מאָרדע פון פאַרלעגנהייט.

ארום האָבן זיך אַרומגעקליבן עטליכע סטאָלארעס. ברוך האָט פארשטאַנען, אַז דאָס איז אַ „רעמעסלענער מאַגאַזין", אַ „געזעלשאַפטלעכע" פאַר סטאָליאַרעס!

—ס'ווערט שפעט, — האָט איינער געזאָגט. מען דארף שוין פארמאכן. שוין צייט גיין אַהיים שלאָפן!

—און, וואָס וועט זיין מיט דעם „יונגנמאַן"? ער קאָן דאָך ניט בלייבן אין גאַס! אימיצער דארף אים אהיים נעמען: — העי, אלטער פינקאָס, דו האָסט היינט געקראָגן אַסך ארבעט, נעם אים אהיים, דו דארפסט אַ בעל־מלאכה!

—קענט איר ארבעטן „יונגערמאַן" — האָט יענער אַלטער פינקאָס, אים געפרעגט.

—אַמאָל אַליין געהאַט אַ מאסטערסקאיע, פארקויפט אין „אַ רעמעסליגע קראָם".

—דאָס איז אויך „אַ רעמעסלינע קראָם" — האָט איינער געזאָגט.

—איך זע שוין — האָט ברוך געענטפערט.

—האָט מען אייך באגנבעט, זאָגט איר? אַ פּאַספּאָרט האָט איר? — האָט ער אים געפרעגט.

— אויך דאָס צוגעגנבעט — האָט ברוך כמעט מיט זאָרג געענטפערט.

—דאָס איז שלעכט דאָס איז ניט גוט! דער „סטרוזש" וועט ניט דורכ־לאָזן, ער זיצט ביים טויער, דער „פּשאַק־רעוו" האָט דער סטאָלער געזאָגט. — נאָר קומט! איך וועל אים פארדרייען די קאָפּ, אָדער עפּעס אונטערשטופן... ברוך איז מיט אים אוועק. אים איז גרינגער געוואָרן אויפן הארצן, פון פרייט האָט אים געגומען חלושן דאָס האַרץ.

—דעם אמת זאָגענדיק — האָט ער גענומען שטאַמלען, ווען איך האָב אַ גריי־וועניקל, וואָלט איך אַריין אין טראַקטיר כאַפּן אַ בייס. דער מאָגן אַרבעט אויף די כלים!...

— מיר וועלן עסן אין הויז, ביי מיר. איך האָב נאָך מיין וועטשערע ניט געגעסן! מען זיצט דאָ אָפּ כמעט ביז מען קריגט אַ באשטעלונג פאר עפּעס. נו היינט האָט מען פארקויפט דריי אַלמערס מיינע, האָט מען מיר באשטעלט אנ־דערע דריי! און נאָך אַ פּאָר שטיקלעך־מעבל, וועט זיין פאר אַ חודש אָדער זעקס וואָכן אַרבעט!—האָט אַלטער געזאָגט.

ברוך האָט זיך דערפרייט. ער האָט פּשוט ניט געהאַט געלט פאר אפּצו־עסן אַ מאלצייט. דעם רובל האָט ער געהיט. ער איז געגאַנגען אַן אויסגעהונגער־טער, דאָס קאָם די פיס האָבן זיך געטראָגן. אים האָט געדרייט אין בויך פון הונגער און זיך אפּגערופן:

— איר מוזט לעבן אין סוף פון שטאָט. איז נאָך ווייט צו גיין צו אייך?

— ניין!—האָט אַלטער געזאָגט—איר מוזט זיין זייער הונגעריק. האַ, ברוך?

— האָב געמיינט, ווען איך וועל אַראָפּ פון באַן, וועל איך אריין אין אַ רעס־טאראַן עסן, און אָט, האָט מען מיך באקליידעט, באגנבעט, — האָט ער ווידער דעם ליגן באַנייט. ער האָט זיך שוין צוגעוויינט מיטן ליגן, אַז עס האָט אים אויסגעדוכט, אַז ס'איז אין אַן אמתן. עס האָט אים פּשוט געערגערט!...

ברוך האָט אָפּגעאַרבעט דאָרט, ביי אַלטערן, ביי אַ חודש. ער איז געשלאָפן אויף די „סטרוזשקעס", די אָפּהובלס. צוגעדעקט האָט ער זיך מיטן פּאַלטאָ. צו־קאָפּנס האָט ער אונטערגעלייגט „סטרוזשקעס" און אַרויפגעלייגט זיין רעקל פאַר אַ קישן. קיין סך האָט ער אויך ניט פאַרדינט דאָרטן, אָבער ער האָט דערוואַרטעט פון דער מאַמען אַ פּעקל מיט זיינע זאַכן און אַביסל געלט. ווען דאָס איז אָנגעקומען, האָט ער זיך געדונגען אַ ווינקעל ביי אַ עלטערער פרוי צו שלאָפן אויף אַ סאָפקע. דאָרט איז שוין געווען נאָך אַ קוואַרטיראַנט אין זעלביקן צימער. די פרוי האָט נאָר געהאַט גאָר אינגאַנצן צוויי צימערן. זי האָט נאָך געהאַט צוויי טעכטער דערצו. די פרוי האָט געמאַכט אַ לעבן פון פאַרריכטן און איבערנייען קליידלעך, מאַנטלען פאַר פרויען און קינדער.

צו ברוך'ן האָט אַפּעלירט די פרוי מיט רחמנות. זי איז געווען אַזוי פעט, אַז קאָם וואָס זי האָט געקענט אַ קער־טאָן־זיך. איר פעטקייט איז געקומען ניט פון צופיל עסן, נאָר עפּעס האָט זי געהאַט „אַ דריז", וואָס האָט זי פעט געמאַכט. זי האָט ניט געהאַט פיל מאָל, אַחוץ ברויט מיט וואַסער צו עסן, ברויט מיט טיי. אויב זי האָט אויף שבת עפּעס בעסערס געקאָכט, איז נאָר צוליב די טעכטער דאָס געווען. איין טאָכטער האָט געאַרבעט אין אַ קליי̆טל אויפן מאַרק, וועלכע האָט געקראָגן צען גילדן אַ וואָך. די צווייטע, די קלענערע, האָט זיך געלערנט נייען און אויסנייען אין „באַראָן הירש שול", „אַ רעמעסלענע אוטשילישטשע". די ערשטע איז געווען שטאַרק און הויך; די צווייטע, אַ שוואַכע, קאָם וואָס ס'האָט געלעבט! אָבער זי האָט געקענט זייער גוט רוסיש און זי האָט געהאָפט זי וועט דאָרטן ווערן אַ לערערין פאַר אַנדערע מיידלעך. זי האָט דערציילט ברוכן, אַז דאָרטן אַרבעטן סטאָלאַרעס און אַנדערע פאַכן מלאכות.

## ערב פרילינג

ס'איז קאַלט און נאַס. עס האָט זיך גערוקט צו פרילינג. די שניי ביינאַכט פלעגט ווערן האַרט ווי פאַרגלאָזט. אין מיטן טאָג פלעגט עס ווערן אין ריטשקעס. אָבער ס'איז קאַלט געווען. אַן אייגעגעסענע קעלט. דורך די פאָר שעה וואָס די זון פלעגט זיין, פלעגט זיין בלאָטקעס, אָבער אין שאָטן איז געווען קאַלט, גאָרניט אין קאָנטראַסט צו דער זון־זייט.

ברוך איז שוין מיד געווען פון אַרומגיין זוכן אַרבעט. אַלע טאָג איז ער געגאַנגען אין די זעלביקע גאַסן, ווייל צו פאָרן אויף דער „קאָנקע" האָט ער פשוט קיין געלט ניט געהאַט. וואָס אַ רייזע דאַרף קאָסטן אַהין און צוריק, האָט ער געלעבט אַ גאַנצן טאָג אויף די עטלעכע פאַר קאָפּיקעס. פלעגט ער אַזוי גיין און גיין און קומען אַלע טאָג צו דער זעלבער פאַבריק וואו מען האָט אים מיט אַ חודש צוריק געזאָגט, אַז זיי דאַרפן ניט קיין אַרבעטער. ס'האָט ניט געהאָלפן זיין בעטן כאָטש האַלבע וואָכן, צוויי טעג, אַ טאָג אין וואָך, ביז אַרבעט וועט זיך אָנפאַנגען.

אַ מידער פלעגט ער קומען אַהיים, אַרויפברענגען אַ שטיקל הערינג מיט ראַזשעווע ברויט און אַ טשייניקל טיי. ער האָט קיין האַנטגעלט ניט געדאַרפט לאָזן פאַרן טשייניקל, ווייל מ'האָט שוין אים געקענט. די באַלעבאָסטע האָט אים אַ גלאָז, אַ ספּאָטקע און אַ לעפעלע געגעבן און צושאָקלען מיטן קאָפּ אויף זיין ביטערן מזל:

— איר וועט נאָך געפינען אַרבעט — האָט זי אים געזאָגט. — ס'איז אַ ביטערע צייט הייניקער יאָר. אַפילו איך האָב וויניק וואָס צו טאָן; איבערצוניצעווען אַ יאַקע איז אויך שווער צו קריגן. שוין דריי טעג די נאָדל האָט קיין אַרבעט ניט

געהאַט, און ס'קומט באַלד פסח, כּמעט ערב פסח. פאַראַיאָרן אין דער צייט האָב איך שוין געאַרבעט דורך דער נאַכט אַריין, איך האָב שוין מיין פסח געהאַט אין הויז... נאָר גאָט איז אַ פאָטער, ער וועט צושיקן מסתמא. יאָ, גאָט איז אַ פאָטער!...

ברוך האָט גראַדע געהאַט אַן אַפּעטיט. ער פלעגט אויפעסן דעם פונט ברויט און אָפּלעקן די פינגער פון הערינג־זאַפט. ער פלעגט זיך וואונדערן: ער פלעגט ניט אויפעסן קיין האַלב פונט ברויט אין די גוטע צייטן, און היינט, ווי להכעיס, האָט זיך דאָס אַפּעטיט צעוואַקסן.

ברוך האָט זיך פאַרגעסן רעכענען, אַז ער האָט היינט קיין וואַרעמעס ניט געגעסן און אויסגעגאַנגען וויאַרסטן, און טאַקע דערפאַר האָט ער אויפגעגעסן, ממש פאַרשלונגען אַ פונט ברויט מיט טיי.

נעכט האָט ער שוין ניט געשלאָפן, טראַכטנדיק פון זיין צוקונפט: וואָס וועט זיין מיט אים? שרייבן צו דער מאַמען האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט ערשט געקראָגן פון זיי געלט. ס'האָט אים פאַרדראָסן וואָס ער האָט אויפגעגעבן די אַרבעט ביי אַלטערן, איידער ער האָט געקראָגן אַנאַנדער פלאַץ, אַן אַנדער שטעלע צו אַרבעטן. גיין בעטן זיך פאַר די 4 רובל אַ וואָך, האָט ער זיך געשעמט. אַלטער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט נאָך זיך קומען בעטן די שטעלע צוריק, און דאָס האָט אים ניט געלאָזן דער שטאָלץ, ער זאָל גיין בעטן צוריק די שטעלע. ברוכס כאַראַקטער פון אונטערגעבן זיך, וועט ער בעסער ליידן נויט, הונגער, אָבער ניט אונטערגעבן זיך. אַגב איז ברוך געווען פאַרצווייפלט.

ער איז איינמאָל אַריין אין „רעמעסלעניעם מאַגאַזין". איידער ער האָט נאָך געעפנט דאָס מויל איז דער אויפזעער אים געקומען אַנטקעגן און בייז געזאָגט:

— איר האָט אַלטערן אָפּגעטאָן אויף טערקיש, איר האָט אים איבערגעלאָזן ניט פאַרענדיקט די אַלמערס. ניט שיין!—האָט ער געזאָגט. — ער האָט אייך אַריינגענומען אין הויז און ער האָט אייך אַפילו ניט געקענט.

ברוך האָט צוגעגעבן אַז ער האָט אַ טעות געמאַכט; זייער אַ גרויסן טעות. אַגב—האָט ער צוגעגעבן—איך האָב ניט געהאַט וואו צו שלאָפן און ביים עסן פלעגן די קינדער אַרויף אויפן טיש, און איינמאָל האָט דאָס קלענסטע געלאָזן אַ „שיטערע לאַטקע" אויפן טיש... אַז איך האָב שיעראויסגעבראָכן; און פיר רובל אַ וואָך! פון מיין קוואַרטיר איז אַ ווייטער מהלך, און פאָרן מיט דער „קאָנקע" וואָלט ווידער קאָסטן. אַגב, מוז איך צוגעבן: איך האָב אַ טעות געמאַכט. ער האָט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן יענע נאַכט. ער האָט אַרויסגענומען אַ זילבערנעם רובל און געגעבן דעם אויפזעער, ער זאָל דאָס אים איבערגעבן אַלס מתנה פאַר דער ערשטער נאַכט איבערנעכטיקן. ער וועט צו אים שרייבן און בעטן פאַרגעבונג. יאָ, ער וועט צו אים שרייבן.

ברוך איז אַרויס מיט אַ גרינגער האַרץ. הגם, ס'איז אים גרינגער געוואָרן אין קעשענע, אָבער דאַך, האָט אים די מאַמע געשיקט 25 רובל מיט די זאַכן, וואָס זי האָט אים אַרויסגעשיקט.

ברוך איז געווען פון די זעלטענע כאַראַקטערן. ער איז געווען ווייך און האַרט ווי שטיין. ער האָט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבן. הגב ער האָט געליטן, און די ליידן זיינען געווען שווערע. ער פלעגט זיך אויפעסן פאַר זיין כאַראַקטער, און נאָך מער, אַז ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט רעכט!...

— הערט זיך איין, אַלטער—האָט ער זיך צו אים געווענדעט:—ס'איז מיר שווער אויסצוקומען מיט פיר רובל אַ וואָך, ווייל איך דאַרף צאָלן פאַר קוואַרטיר.

— שלאָפט דאָ, ווער הייסט אייך צאָלן? איך רעכן אייך ניט פאַר קוואַרטיר.

— אָבער איך ווער אַ צעבראָכענער צו שלאָפן אויפן ווערקשטאַט. איך רו זיך ניט אויס גוט. ס'אַרבעט זיך ניט גוט! איך וואָלט בעסער געאַרבעט ווען איך וואָלט גוט געשלאָפן — האָט ברוך געזאָגט.

אַלטער, זיין באַלעבאָס, איז געווען איינגעשפּאַרט, האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן, און געלאָזן ברוכן גיין. אַלטער האָט געוואוסט, אַז די צייט איז אַ שלעכטע. דערפֿאַר האָט ער געזאָגט ברוכן, אַז ער וועט נאָך קומען זיך בעטן צו אים.

און טאַקע דערפֿאַר, וואָס אַלטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך נאָך קומען בעטן, טאַקע דערפֿאַר איז ער געווען איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט גיין צו אַלטערן בעטן זיין שטעלע. ער וואָלט איצט געאַרבעט פֿאַר דריי רובל אַפילו. יאָ, פֿאַר דריי רובל, צו האָבן אַן אָרימען עסן און אַ דאַך איבערן קאָפּ. אָבער גיין צו אַלטערן האָט ער ניט געקענט. ניין, ער קאָן דאָס ניט!

אַזוי פלעגט ברוך אַלע טאָג גיין אין דעם זעלביקן וועג און זיך אומקערן דעם זעלביקן וועג. אויטאָמאַטיש האָבן די פיס זיך געטראָגן אין דעם זעלביקן גאַס־איין, גאַס־אויס, און אַלע נאַכט האָט ער געגעסן די זעלביקע וועטשערע — ברויט, הערינג מיט טיי!...

איין מאָל האָט זיך אים געחלומט אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס און האָט באַגעגנט אַלטערן. אַלטער איז אויף אים בייז געווען: איך וועל דיך ניט נעמען צו דער אַרבעט פֿאַר העלפֿט געלט; אַפילו פֿאַר העלפֿט געלט וועל איך דיר ניט נעמען, ניט לאָזן אַריבערטרעטן די מאַסטערסקאַיע; די שוועל ניט אַריבערטרעטן!

ברוך האָט שיער, דאָס הייסט אויף מאָרגן, געוואָלט גיין צו אַלטערן. ס'איז אים זייער ביטער געווען, נאָר באַכן חלום איז ער שוין ניט געגאַנגען. ברוך האָט זייער געהאַלטן פֿון חלומות. חלומות האָבן צו טאָן מיטווירקלעכקייט, האָט ער געזאָגט צו זיך. איז ער טאַקע ניט געגאַנגען און געהונגערט.

## דאָס לעצטע פֿאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ

ברוך איז פֿאַר אַ לאַנגע צייט געגאַנגען אָן אַרבעט. די לעצטע פֿאַר רובל, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער געהאַלטן שטייף צו משלמ'ען פֿאַר זיין קוואַרטיר. ער האָט ניט געוואָלט פֿאַרלירן די דאַך איבער זיך, איבערן קאָפּ. האָט ער נאָך פֿאַר דער צייט, דאָס איז געווען פֿאַר פּסח, אָפּגעגעבן די געלט פֿאַרן קומענדן חודש דירה־געלט.

זיין באַלעבאָסטע האָט אים הארצלעך באַדאַנקט, ווייל זי, די באַלעבאָסטע, האָט קיין מצה נאָך ניט געהאַט. זי האָט זיך דערפֿרייט און זי האָט געזאָגט צו ברוכן:

— גאָט האָט אייך באַפוילן מיר צו געבן די עטלעכע רובל פֿאַר דער צייט. דאָס וועט מיר — די ערשטע ברייינגען די מצה אין שטוב אַריין. אַ גרויסן דאַנק אייך! אַ האַרציקן דאַנק אייך!...

— גוט איז, אַז מען האָט בטחון, — האָט איר ברוך געזאָגט און איז אַרויס פֿון הויז. גייענדיק אין גאַס, האָט ער געטראַכט: די וועלט איז פֿול מיט ליידן! יעדער, ליידט און האָפֿט און האָט בטחון; כאַל'ט איך אויך קענען האָבן בטחון! כאַל'ט איך אויך צו זיך זאָגן: גאָט וועט מיר צושיקן אַ שטעלע!... כאָטש ברויט און אַ דאַך האָבן. ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן. דאָס איז געווען דריי טעג פֿאַר פּסח. ער איז צוגעקומען צו אַ גרויסן הויז און ער האָט דערזען מענטשן שטייען אין אַ רייע, איז ער צו אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט איז אַזוינס, וואָס

איז דאָרטן? ער האָט געפרעגט ביי איינעם: וואָס פארשרייבט מען זיך דאָ?

— מעות־חיטים, פאַר די וואָס האָבן ניט! אָבער ניט קיין געלט גיט מען דאָ — האָט דער מאַן געזאָגט — מען וועט, מען וועט געבן פסח דאָ עסן. מעות־חיטים גיט מען צו פאַמיליעס, וואָס האָבן היימען מיט ווייב און קינדער. נאָר פאַר „כאָלאָסטיאַקעס״ וועט מען געבן פסח דאָ עסן! דער, וואָס פארשרייבט זיך קריגט אַ בילעט, וואָס גיט אים דאָס חסד... צו עסן פאַר׳ן גאַנצן וואָך פסח.

— ניט מיט אַלעמען? עסן דאָ יונגע אויך? — האָט ברוך מיט התפּעלות געפרעגט!

— געוויס! איר ווילט, פארשרייבט זיך! גייט גלייך אַריין אין ריי! איר אַרבעט ניט? — האָט אים דער יונגערמאַן געפרעגט.

— ניין! איך אַרבעט שוין לאַנג ניט! שוין אַ פּאָר חדשים. ער האָט זיך געשטעלט אין דער ריי. עס האָט אים געברענט אין אַלע זייטן. ער האָט געמיינט אַלע קוקן אויף אים. ער האָט אויף קיינעם ניט אַ קוק געטאָן. ער איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן... ווען ער האָט זיך פארשריבן און געקראָגן דעם בילעט פאַר דאָס פסח אכילה, האָט ער זיך גיך פארשעמט אַרויסגערוקט. ער האָט זיך געשראָקן און געשעמט, טאָמער האָבן אים באַקאַנטע געזען דאָ?...

דריי טעג צו פסח, האָט ברוך געטראַכט ווען ער איז אַ שטיק־וועג אוועק פון דאָרטן: דריי טעג און איך האָב פינף־און־צוואַנציק קאָפּיקעס נאָר. ער לעבט שוין די לעצטע צוויי וואָכן אויף טיי מיט ברויט, און דריי פּאַפּיראָסן אַ טאָג. ווער ווייסט? — האָט ער צו זיך גערעדט — אפשר איז דאָ אַ גאָט? אָט האָב איך געראָטעוועט מיין באַלעבאָסטע, און אָט וועל איך האָבן אַ גאַנצע וואָך צו עסן...

דעם לעצטן טאָג, ערב־פסח, האָט ברוך קיין ביסן ניט געהאַט. מיט די לעצטע פינף קאָפּיקעס האָט ער געקויפט מאַכאָרקע, ער זאָל האָבן פאַר אַ לענגערער צייט צו רויכערן. רויכערן איז ביי אים געווען טייערער פון עסן, הגם אַ פּאַפּיראָס, פלעגט טרעפן, אַז עמיצער פלעגט אים געבן, אַמאָל פון אַ באַקאַנטן. דער בויך ביי אים איז שוין געווען פארמאַרעט. ער האָט מורא געהאַט, אַז די גוטע אכילה וועט אים פארשאַטן זאָל אים כאָטש ניט קראַנק־מאַכן. מען האָט אים דערציילט, אַז מען גיט דאָ אַן אמתן־פסח: מיט פיש, פלייש, אפילו מיט קניידלעך. פונקט ווי מען עסט אין דער היים! עס האָט אים גערייצט!...

ברוך האָט זיך דורכ׳ן טאָג עטלעכע מאָל באַוויזן פאַר דער גרויסער פאָלקס־קיך און געזען פילע צענדליקע שטייען אין דרויסן ביי די טירן, און כאַפּן אויף וואָס די קעכינס וואַרפן זיי צו. אָבער דאָס האָט ברוך זיך געשעמט צו טאָן. הגם אין זיין מאָגן, דעם ליידיקן, האָבן די געדערים געדרייט און געבורטשעט, ווי אַ הונגעריקער בייזער הונט!

דער שניי האָט אונטער דער זון זיך צעשמאָלצן, כמעט צוגאַנגען. נאָר דאָס איבערבלייב, וואָס דורך נאַכט ווערט עס פאַראייזט פון די לעצטע פרילינג פראָסט־קעלט. ווען די זון דערוואַרעמט זיי, ציט זיך אַ שנירל וואַסער, רייסט זיך דורך די נאַך־ניט דערוואַרעמטע אייז און צעפלעשצען זיך אין אַ בלאָטקע, ביז עס שלאָגט זיך דורך אַ דינעם וועג דורך די אייז, און ווייטער גייט אַ גלייכער דינער פאָדעם פון קלאָרן וואַסער, וואָס זילבערט אונטער דער זון.

ברוך האָט פאַררויכערט אַ מאַכאָרקע, וואָס ער האָט אַליין אויפגעדרייט, און מיט אַ טיפן ציי צו פאַרשטילן זיין הונגער, האָט ער אַרויסגעלאָזן אַ שטאַרקן רויך, וואָס האָט אויסגעקוקט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם טעם פון זיין מויל פון דער קאַלטער לופט. ברוך איז געגאַנגען הין און צוריק. ער וואָלט שוין וועלן

אַז ס'זאָל פינסטער ווערן, וואָלט ער זיך אַריינגעגנבעט אין אַ ווינקל פון דער גרויסער עס־קיך און וואַרטן ביז מען וועט געבן וועטשערע: אַ יום־טוב'דיקע, אַ פּסח'דיקע וועטשערע!...

וואָס מער ער האָט געטראַכט פון דער פּסח'דיקער וועטשערע, אַלץ מער האָט דער הונגער געדרייצט. פון ווייטן האָט ער דערזען אַ פאָנטאַן, וואו ס'טרינקען זיך אָן די פערד, איז ער צו, האָט אין האַנט אָנגענומען אַביסל וואַסער און באַנעצט זיינע הונגעריקע ליפּן. ער האָט ניט געוואָלט טרינקען, אים האָט ניט געדורשט. וואָס מער ער האָט געוואָלט זיך פאַרטומלען, אַוועק פון פאָלקס־קיך, אַלץ מער האָבן די פיס אים געטראָגן אַהין: דער טייוול פאַרגינט מיר ניט, אַז איך זאָל אָפּעסן אַ גוטן מאָלצייט. וואָס איך האָב שוין פאַר חדשים ניט געהאַט! שטופּט ער מיינע פיס און רייצט מיין אַפּעטיט ביז צו משוגעת... ער האָט ווידער אויפגעדרייט אַ מאַכאָרקע־פּאַפּיראָס און איז מיט געוואַלד אַוועק אויף זיין קוואַרטיר.

זיין באַלעבאָסטע איז געווען פאַרהאַוועט. איר שווערער קערפּער האָט גע־שוויצט. דער גרויסער אויוון האָט געפלאַמט. אין הויז איז געווען גאַנץ הייס. ברוך, מיד און הונגעריק, האָט איינגעדרימלט און אָפּגעשלאָפן ביז פאַרנאַכט.

וועט איר מיט אונדז עסן וועטשערע? האָט אים די באַלעבאָסטע געפרעגט, און געבעטן. — די קינדער וואָלטן געוואָלט איז זאָלט מיט אונדז עסן היינט, כאָטש היינט, ברוך!

— איך האָב באַשטעלט פאַר אַ גאַנצן פּסח — האָט ברוך געזאָגט — מען דערוואַרטעט דאָך מיר דאָרטן, ספּעציעל פאַר מיר געקאָכט!..

— אַך, די קינדער! — —

— איך מוז גיין: מ'וואַרט שוין דאָרט אויף מיר!

— האָט אַ גוטן פּסח — האָט זי אים געוואונטשן — אייערע פאַר רובל האָבן דעם פּסח פאַרשענערט, ברוך!

— נו, אַ גוטן פּסח. איך וועל היינט קומען אַביסל שפּעטער...— האָט ער איר געזאָגט.

— האָט פאַרגעניגן; גייט געזונט!

ברוך האָט מיט גיכע טריט, כמעט געלאָפן, ווייל ס'האָט שוין גענומען טונקלען און ער האָט געוואָלט זיצן ביי די ערשטע טישן. די וואָס קומען שפּעטער, עסן שפּעטער, ווייל ס'איז ניטאָ אַזוי פיל פּלעצער פאַר די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרשריבן דעם יאָר. — זייער אַסך!... מער ווי אַלע יאָרן, האָט אים איינער געזאָגט... זייער אַ שלעכטער יאָר!...

## ברוך עסט אין פאָלקס-קיך

ווען ברוך איז געקומען ניט ווייט פון קיך האָט ער שוין געזען שאַרפע ליכט. עס האָט געברענט די גרויסע בליץ־לאָמפּן. די טישן באַדעקט מיט ווייסע טיש־טעכער. טעלער, לעפל, לעבן איעדן זיץ. לאַנגע באַנקן, און דער ריח פון די פיש האָט זיך אַזש געהערט פון דרויסן. די רייע איז געווען אַ גרויסע, צו צוויי אין אַ רייע. ס'איז שוין נאַכט געוואָרן אין דרויסן. עס האָט געקלונגען אַ גלעקל, און דער עולם האָט גענומען אַריינגיין, זיך גענומען צוזעצן זיך. ברוך האָט זיך געזעצט. ער האָט געפילט אַז ער קאָרטשעט זיך פון הונגער. האָט ער גענומען אַ שטיקל מצה, וואָס איז געלעגן לעבן זיין טעלער. ער האָט געקייט ווי שעמעדיקעס, מען זאָל ניט דערקענען אַז ער איז אומגעדולדיק. קעלנערינס האָבן געטראָגן די פיש

אויף גרויסע טאַצן און צושטעלט לעבן יעדן אײנעם. יעדער האָט געמוזט ווייזן זיין בילעט. אַ מאַן איז אַרומגעגאַנגען און האָט אָפּגעלעכערט, אַז דער און דער האָט געגעסן אַ מאָלצייט אויף זיין בילעט. האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין בילעטן, האָט מען זיי אַרויסגענומען, געהייסן זיי וואַרטן נאָך אַלעמען. אויב ס'וועט איבערבלייבן וועט מען זיי געבן אין מויל אַריין.

ברוך האָט געשלונגען און געקוקט אויב מען קוקט ניט אויף אים. אים האָט געברענט דאָס פּנים, וואָס ער דאַרף עסן אין אַ פאָלקס־קיך. מ'האָט דערלאַנגט „הון", יויך מיט קניידלעך. אַלץ האָט אַזוי גוט געשמעקט. פון די צוויי פירעקיגע מצות האָט ברוך אַריינגערוקט אַ האַלבע אין קעשענע פאַר מאָרגן איבערפרי. ווייל עסן האָט מען נאָך געגעבן צוויי מאָל אַ טאָג: מיטאָג און וועטשערע. לעבן אים איז געזעסן אַן אַלטער מאַן, האָט ער געזען ווי ברוך רוקט אַריין אין קעשענע די מצה, האָט ער אים געזאָגט, ער זאָל צונעמען זיינע מצה, ער קאָן קיין מצה ניט עסן, ער האָט ניט קיין ציינער. און, וואָס ער האָט שוין איצט געגעסן איז שוין סיווי צופיל פאַר אים. ברוך האָט אים באַדאַנקט. ער האָט זיך ניט געלאָזן בעטן. ער האָט געטראַכט: גאָט איז גוט צו אים היינט. ער האָט אַנגעשטאָפּט די מצה אין די קעשענעס און נאָכן קאָמפּאָט האָט ער זיך שטיל אַרויסגערוקט אין גאַס אַריין. אַ צופרידענער, אַ הונגער־געשטילטער, האָט ער פריילעך געשפּאַנט. עס האָט זיך אפילו אַ פייפן אַרויסגעריסן פון זיין מויל און ביי זיך געטראַכט: אַ טייערע וועטשערע, ניט ערגער ווי איך פלעג עסן ביי מיין מאַמען! אַפילו אַ גלעזעלע ווין דערצו. די ווין איז טאַקע אַריין אין זיינע ביינער און האָט אים צעוואַרעמט זיין זאַטן קערפּער.

ברוך האָט אין בעט ליגנדיק דערפילט דעם פולן מאָגן. האָט אים געשראָקן אַז ער וועט קראַנק ווערן. נאָכן הונגער־טאָג האָבן אים די דאַרע, אויסגעטריקנטע געדערים געמוזט מאַטערן. פּשוט, די אויסגעדאַרטע קישקעס האָבן זיך ניט געלאָזן אַזוי גיך פאַנאַנדערציען, און דאָס האָט אים ממש געמאַטערט. ער האָט געפילט צו ברעכן. ער איז אַראָפּ און גענומען אַ קווערטל וואַסער. ער האָט ווירק־לעך בעסער זיך דערפילט. די וואַסער האָט אַפּנים צעווייקט די שפּייז און ס'איז אים לייכטער געוואָרן צו אָטעמען און די קישקעס האָבן ניט געריפּעט ווי פריער. ער האָט זיך געלייגט אין בעט און איז איינגעשלאָפן.

ס'האָט זיך אים געחלומט, אַז ער זיצט אין דער היים מיט טאַטע־מאַמע, דבורה מיט איר מאַן און כאַשקע די מוזינקע. די ליכט ברענען. דער גרויסער בליצלאָמפּ האָט היינט געברענט. דער גרויסער טיש, וואָס פלעגט אימער שטיין אין ווינקל ווי אַ דלד, איז היינט געשטאַנען אין מיטן שטוב, און אַלע זיינען געזעסן אַרום טיש. ס'איז שטאַרק ליכטיק געווען. עס האָט אים געבלענדט אין די אויגן. — יאָ, צו שטאַרקע ליכט—האָט ברוך געזאָגט צו דער מוטער. דער טאַטע, אָנגעטאָן אין אַ קיטל, אַ העסע־בעט, ווייס און ציכטיק, איז דער טאַטע מיט דער שוואַרצער באָרד, מיט אַ ווייסער יאַרמלקע, ווירקלעך אויסגעקוקט מלכותדיק. אויפן שפּיץ נאָז זיינען געלעגן זיינע קליינע אויגן־גלעזער, און האָט מיט התמדה געזאָגט די הגדה. דבורהס מאַן איז אויך געזעסן לייטיש, ניט וואויל־יונגעריש. זיין שיינער פּנים האָט געלויכטן. דבורה האָט געהאַלטן איר קליין טעכטערל אויפן שויס און גליקלעך איז געווען איר שמייכל היינט. כאַשקע איז אויך געווען אויס־געפּוצט אין אַ ווייסער קלייד מיט אַ ראָזעווון גאַרטל. כאַשקע האָט זיך שוין אָנ־געפּאַנגען אויסשפּילן אַלס פרוי. אירע צוועלף יאָרן האָבן זיך פיל מער אָנגעזען. זי איז געווען קיילעכדיק פול. די מאַמע פלעגט איר שטאָפּן, דער מוזינקע, און זי

איז טאַקע שיין געוואָרן. די מאַמע האָט היינט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ מלכה. איר פּנים האָט געלויכטן; געוואָען פאַרהאַוועט צו צוגרייטן צום טיש. אַלעמען אָנגעגרייט מיט אַ פולער פאַרציע פיש מיט כריין געמישט מיט ווייַן, צו יעדער טעלער פיש. די פיש האָט פאַרשמעקט די הויז מיט שטאַרקן פעפער, ווי זיין טאַטע האָט ליב געהאַט. זיין פאַטערס בייזער פּנים איז מילד געוואָען, אַפילו מיט אַ שמייכל; גערעדט און זיך געוויצלט; ס'איז אַזוי גוט אויפן האַרצן אים געוואָען, אַז ער האָט אַזוי גליקלעך זיין פאַמיליע געזען. ס'האָט נאָר געפעלט זיין ברודער פון לאָנדאָן, וואָלט היינט די גאַנצע משפחה געוואָען... אַלעס איז געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. אַזוי האָט זיין מוטער מיט זיין שוועסטער כאַשקען איינגעאָרדנט. אַלע זיינען געזעסן ווי געסט... דבורה האָט אָוועקגעלייגט איר טעכטערל איידער זי איז געגאַנגען עסן, און האָט ניט צוגעלייגט אַ פינגער, ווי זי וואָלט געוואָען אַ פרעמדע אין שטוב. ניט געהאָלפן.

און אַזוי האָט מען געגעסן און געפילט זיך גליקלעך. נאָכן עסן האָט מען זיך ווידער גענומען צו דער הגדה. כאַשקע האָט אַרויסגעגנבעט דעם אַפיקומן; ברוך האָט איר צוגערעדט צו טאָן דאָס. זי איז געוואָען גליקלעך און געכיקעט צו ברוכן. ברוך האָט איר געהייסן שווייגן, זי זאָל זיך מאַכן אַז זי ווייסט פון גאָרניט, און וועט צום סוף פאַרלאַנגען אַן אַפּויטיקע.

אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער סדר. מען האָט אָנגעגאָסן דעם כוס ווייַן פאַר אליהו הנביא, און אַ פריילעכע איז כאַשקע געגאַנגען עפענען די טיר — און צו איר שרעק מיט אַ געשריי, איז , אַנשטאָט אליהו, אַריין אַ כאַפּטע זשאַנדאַרן! זיין שוועסטער האָט אויסגעשריי̆ען: — זשאַנדאַרן זיינען דאָ!

ברוך, דערהערנדיק דאָס וואָרט „זשאַנדאַרן,‟ האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אונטערן טיש. דער טיש האָט געהאַט צווייענדיקע שונעסקעס. האָט ער זיך אויסגעבויגן מיטן רוקן אַרויף, צום סאַמע אונטערטיש און זיך מיט הענט און פיס געהאַלטן פאַר די אויבערשטע שונעסקעס.

די זשאַנדאַרן האָבן אַלץ צוואָרפן פון טיש און געשריען:

— וואו איז ברוך? דער שפּיאָן האָט אים געזען דורכן פענסטער — האָט דער עלצטער געשריען, און אין דערזעלבער צייט אַריינגעגאָסן אַ גלאָז ווייַן:

— „זשידאָווסקאַיאַ ווינאַ‟— האָט ער טרינקענדיק געזאָגט, און זיך באַלעקט. ווידער אַרומגעקוקט זיך און אַפילו אויפגעהויבן דעם טישטאָך פון טיש און האָט פאַרזען ברוכן; האָט אָנגעכאַפּט אַ פּאָר מצות און זיינען אַוועק.

פאַר שרעק איז ברוך שוואַך געוואָרן. זיינע הענט האָבן אים ניט געקענט אויפהאַלטן און ער איז געפאַלן מיט אַ טראַסק צו דער פאָדלאָגע.

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט! ער האָט דערוואַכט!

ער האָט זיך געריבן די אויגן. די ערשטע ליכטשטראַלן האָבן זיך געוואָרפן ווי שפּיזלען אין זיינע אויגן.

— אַ חלום ! זאָל דאָס זיין צום גוטן — האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי דאָרט האָבן אַ פריילעכן פּסח. זיי האָבן שוין צופיל געליטן איבער מיר. און ס'האָט זיך אַרויסגעריסן: — העלף זיי גאָט, זאָל קיין פאַרשטערטער פּסח זיי ניט זיין!...

ברוך איז שוין מער ניט געשלאָפן. זיין מוח האָט טויזנטער געדאַנקען איבערגעטראַכט און ביי זיך באַשלאָסן דעם חלום צו באַשרייבן פאַר אַן אייביקן אָנדענקען !

יעדן טאָג פלעגט ברוך באַהאַלטן אַ מצה, אַ האַלבע מצה, פאַר פרישטיק, פאַר אָנבייסן. ער האָט גענומען טראַכטן, וואָס וועט זיין נאָך פּסח ? וואו וועט ער

נעמען וואָס צו עסן? ער האָט שוין קיין אָנבייסן ניט געגעסן און געקליבן די מצה אונטער זיין סאָפּקע פאַר נאָך פּסח, כאָטש צו האָבן אַ שטיקל מצה צו שטילן זיין הונגער. ער האָט איינמאָל אַריינגעלייגט אַ שטיקל הון אין קעשענע, אָבער דאָס האָט ער געטאָן די לעצטע טעג, כדי עס זאָל ניט פאַרשמעקט ווערן.

זיין מיט־קוואַרטיראַנט איז אַוועקגעפאָרן אַהיים פאַר פּסח, האָט ער זיך ניט געדאַרפט היטן ער זאָל זען ווי ער באַהאַלט די מצה.

דורך חול־המועד האָט ברוך זיך דורכגערעדט מיט דער באַלעבאָסטעס יינגערער טאָכטער: אפשר קען ער דאָרט קריגן אַ שטעלע אין שולע? ער איז זייער אַ גוטער בעל־מלאכה, האָט ער געזאָגט. זי איז מיט אים געגאַנגען אין קאַנטאָר און מ׳האָט אים געהייסן קומען נאָך פּסח צו דער אַרבעט.

ברוך האָט איצט געקליבן ווי אַ „וועוועריקע״ יעדן ביסן פאַר שפּעטער. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט דאַרפן אַרבעטן און ער האָט ניט קיין קאָפּיקע. פאַר דער באַלעבאָסטע האָט ער זיך געשעמט צו בעטן ביי איר לייען אַ רובל... אפשר האָט זי אויך ניט? זיי לעבן דאָך אַזוי אָרעם...

ברוך האָט זיך אַביסל פאַרבעסערט פון דער וואָך עסן. הגם ער וואָלט געקענט נאָך עסן. זיין הונגעריקער מאָגן האָט געפאָדערט אַ חוב, וואָס ער האָט פריער געהונגערט!... אָבער ברוך האָט געוואוסט, אַז אַ נייער הונגער קומט! ביז ער וועט קריגן די עטלעכע רובל, וואָס ער וועט פאַרדינען.

ס׳איז אויסגעקומען מיטוואָך, ווען ער האָט געדאַרפט גיין צו דער מלאכה. שבת אַרבעט מען ניט. איז פּרייטיק פאַרנאַכט צאָלט מען. דאָס הייסט, ער דאַרף דריי טעג אַרבעטן און לעבן אויף די טרוקענע מצה. דעם ערשטן טאָג האָט ער געהאַט אַ שטיקעלע הון, וואָס ער האָט באַהאַלטן. ברוך האָט געפילט, אַז די כוחות גייען אים אויס. ער האָט שווער געאַרבעט, כדי דער „פּאַרמאַן״, דער מייסטער, זאָל זיין צופרידן מיט אים. און טאַקע האָט דער מייסטער געלויבט זיין אַרבעט אַלס גיך און גוט! ער האָט דאָס איבערגעגעבן דעם אינסטרוקטאָר.

דאָנערשטיק ביינאַכט האָט ברוך אויפגעגעסן אַ האַלבע מצה און איז גלייך שלאָפן געגאַנגען. געזאָגט האָט ער אַז ער פילט ניט געזונט, כדי מ׳זאָל אים ניט שטערן און לאָזן שלאָפן, ווייל צו גריגאָראָוויטשן פלעגן קומען אַסך מיידלעך אין אָוונט. האָט ער דאָס געגעבן אָנצוהערן אַז מ׳זאָל אים לאָזן אָפּרוען. אָבער שלאָפן האָט ער ניט געקענט. ער איז גראָדע פון אָנפאַנג געווען איינגעשלאָפן, נאָר שפּעטער, אַרום 10 אַזייגער, האָט אים גענומען דרייען אין בויך פון הונגער און ער האָט מער ניט געקאָנט איינשלאָפן. גריגאָראָוויטש איז נאָך אַהיים ניט געקומען, האָט ברוך אין דער שטיל פאַררויכערט אַ מאַכאָרקע צו שטילן זיין הונגער. ס׳איז געווען זייער דושנע אין צימער, איז ברוך אַראָפּ און געעפנט די קוואַרטקעלע פון פענסטער, אַ קליין טירעלע אין מיטן דער גרויסער פענסטער. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויסגעלופטערט דער ריח פון די מאַכאָרקע.

אַרום צוועלף אַזייגער איז גריגאָראָוויטש אַריין אין צימער און שטיל זיך געלייגט שלאָפן. ברוך איז נאָך אַלץ ניט געשלאָפן. שפּעטער איז ברוך איינגעשלאָפן מיט אַ דרייעניש אין בויך פון הונגער.

אַ זיסער חלום איז צו ברוכן געקומען: ער איז געזעסן אין טראַקטיר מיט חברה פון ווערקשאַפּט; מען האָט געטרונקען שוואַרצן באָק־ביר און צוגעביסן מיט האַרטע אייער און קאָלבאַס (וואורשט) אַז ס׳איז אַזש צוגאַנגען דאָס האַרץ פון פאַרגעניגן. שוין לאַנג ניט געגעסן אַזאַ וועטשערע, האָט ער געטראַכט. דער חלום

איז צו אים געקומען אַפּנים איידער ער איז אויפגעשטאַנען, ווייל ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין צייט געווען צו גיין אַרבעטן.

גייענדיק צו דער אַרבעט האָט ער געטראַכט פון חלום: אַלץ איז אַ ווירקלעכקייט—הײַנט ווען איך וועל קריגן מײַנע ערשטע שכירות, וועל איך עסן וואָס איך האָב אין חלום געגעסן: שוואַרצע ביר מיט קאָלבאַס. ברוך האָט געהאַט דאָס ברעקל מצה, האָט ער אָנבײַסן ניט געגעסן. ער וועט עסן שפּעטער, האָט ער געטראַכט.—איך האָב אַ גאַנצן טאָג און אַ ברעקל מצה. עס האָט אים געדרייט אין קאָפּ פון דעם געדאַנק וואָס ער וועט עסן בײַנאַכט. ס'איז אים אַזש דער טעם אַדורך זײַן שלינגע. ס'איז אים נאָס געוואָרן אין מויל, ווי בײַ אַ הונט, אַז ער דערוואַרטעט עסן...

ער איז אַדורכגעגאַנגען עטלעכע טראַקטירן און רעסטאָראַנען, פלעגט ער אָפּקערן דעם קאָפּ, כדי ניט צו זען די געבעקס און די געפּרעגלטע פישן און אַנדערע שפּייזן אין פענסטער.

דער הימל איז גראָדע געווען בלאָ. עס איז נאָך געווען אַ קילער פרימאָרגן. ס'איז נאָך אין ווינקלען געווען וואו־ניט־וואו פּאַראייזטע שניי, נאָר ס'האָט געשמעקט מיט פרילינג. עס האָט זיך שוין געזען שפּראָצונגען אויף די בוימער, און פייגעלעך האָבן זיך געפרייט און געטשירעט:—טשיר־טשיר־טשיר....

ווי גוט איז דער פייגעלע: אַ ברעקל דאָ, אַ ברעקל דאָרטן, פון הונגער שטאַרבן זיי ניט.

אויפן וועג האָט ער באַגעגנט נאָך אַן אַרבעטער פון ווערקשטאָט. ס'איז אים פריילעכער געוואָרן. ער האָט אים שיער געבעטן לייען אַ „פּיטאַקל“, נאָר ס'האָט אים די צונג ניט געאַרבעט. ער קאָן אים ערשט צוויי טעג. ניין, ער וועט ניט בעטן! ער האָט אָנגעטאַפּט אין קעשענע דאָס שטיקל מצה, און אַזוי זײַנען בײדע אַרײַן אין „כוואַרטקע“ (טירל) און זיי זײַנען אַרײַן אין ווערקשטאָט.

ברוך האָט זיך אויסגעטאָן. אָנגעטאָן זײַן פאַרטוך. דער גלאָק האָט נאָך ניט געקלונגען פאַר שטעלן זיך אַרבעטן, און אַלע אַרבעטער האָבן גערעדט צווישן זיך. איינער האָט געגעסן אַ הייסן קניש פאַר אָנבײַסן. דער ריח פון די קעז האָט ברוכן צערודערט אין מאָגן. ברוך האָט געוואונטשן דער גלאָק זאָל שוין קלינגען און ער וועט זיך פאַרטיפן אין דער אַרבעט, אפשר וועט דער הונגער זיך פאַרגעסן?...

דער גלאָק האָט גענומען קלינגען.

## ברוך הונגערט און אַרבעט

פרײַטיק האָט ברוך געלעבט אויף אַ האַלבע מצה ביז וועטשערע... ביז ער האָט געקראָגן באַצאָלט. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געפילט, אַז ער קאָן די הענט ניט באַוועגן.

פון וואַנען נעמט זיך אין אים דער כוח דאָס אויסצושטיין? האָט ער בײַ זיך געטראַכט. אָבער ער מוז! ער מוז! איך בויך האָט דאָרטן געאַרבעט די ליידיקע קישקעס, און דער טרוקענער מאָגן האָט געכריפּעט ווי זעגן... ער פלעגט אַרײַן אין בית־הכסא זיך אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָפּרוען און גיין ווידער צו דער אַרבעט. אַזוי איז ער מיט די לעצטע כוחות, מיט ציטערדיקע הענט גענומען די צוויי און אַ האַלב רובל, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט, דאָס הייסט אויף פינף רובל אַ וואָך.

ברוך איז אַריין אין טראַקטיר נאָענט דערבײַ, האָט געקויפט ראָזעווע ברויט מיט אַ שטיקל הערינג, אַ שטיקל וואורשט, און אַ טשײַניקל טיי. דאָס איז געווען זײַן וועטשערע. אָבער ברוך איז הײַנט גליקלעך געווען. ער גייט קומענדע וואָך ווידער אַרבעטן. ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם מאַרק. עטלעכע גויאישע ווײַבער האָבן פאַרקויפט געפּראַגלטע עפּל, די אַנדערע יידישע סוחרטעס זײַנען שוין געווען בײַם שבת, געגעסן פיש און הון בײַם שבתדיקן טיש. ברוך האָט געקויפט אַ צו־פּראַרן עפּל, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי צעפּוילט, נאָר אינעווייניק איז געווען ווײַס און ס'האָט געהאַט טעם גן־עדן. ער איז אַוועק אויפן קוואַרטיר. דער צווײ־טער קוואַרטיראַנט איז שוין צוריק געקומען. ברוך האָט זיך אויסגעצויגן, פאַר־רויכערט אַ „טולפּאַן‟—אַ לאַנגן מושטיק־פּאַפּיראָס און געבלאָזן דעם רויך מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. די מאַכאָרקע האָט אים געריסן אין האַלדז און דער רויך האָט אים געשטיקט. איצט האָט ער זיך גוט געפילט און איז אַ מידער אײַנ־געדרימלט...

## ברוך ווערט אַ לערן־ייִנגל

ברוך איז געוואָרן אַ לערן־ייִנגל, דאָרט אין „באַראָן הירש שולע.‟ ס'איז ווירקלעך געווען קונסט־אַרבעט. למשל, אויף אַ שטול האָט מען געאַרבעט צוויי וואָכן; אויף אַ בופעט—פילע חדשים... ברוך האָט געמוזט גיין זיך לערנען בײַ־נאַכט, נאָך דער אַרבעט, אין נאַכט־שול. מ'האָט געמוזט קענען צייכענען, פאַרשטיין געאָמעטריע, אַרכיטעקטור; די בלויע און ווײַסע צייכענונגען אפילו פאַר מעבל. די מעבל האָט געמוזט אַרויסקומען אין מאַטעמאַטישער גלײַכקייט פון פּלאַן. אין נאַכט־שול האָט מען געקענט זיך אויך לערנען אַנדערע מלאכות, ווי: אויספּרעסן אויף לעדער אַלערליי צייכענונגען, פיגורן. אויך האָט מען געלערנט שניצן, פיגורן אויסגיסן, סקולפּטורן פון גיפּס און אַרכיטעקטור.

ברוך האָט זייער ליב געהאַט דאָרט צו אַרבעטן. ס'איז אים שווער געווען אויסצוקומען מיט דאָס געהאַלט. פלעגט אים זײַן מוטער צושיקן אויף דעם צוועק. ווײַל זי אַט געוואָלט ער זאָל עפּעס העכערעס דערגרייכן. הגם זי האָט ניט געוואוסט וואָס ער טוט דאָרט. האָט ער צוגעשיקט אַ גרויסן בופעט, דאָס הייסט, אויף פּאַפּיר. ס'האָט אָנגעוויזן מיט פאַרבן: ווי איבערגעשניטן, ווי אַלץ דאַרף געבויט ווערן, די דיק פון די ווענט, די טירן, די שיפלאָדן, די קאַרניזן. מיט איין וואָרט—דאָס האָט אויף שאַשען געמאַכט אַן אײַנדרוק און זי האָט צוגעשיקט אַ פּאָר רובל אַ וואָך.

ברוך האָט ליב באַקומען דאָס גרויסע אײַנגעמויערטע שטאָט ווילנע... וואו ער האָט געוואוינט איז געווען אַ גרויסער הויף: אפשר הונדערט וואוינונגען. אין מיטן פון הויף איז געווען אַ גרויסער פּאָמפּ (פּאָונטען), וואו יעדער פלעגט זיך אָנפּאָמפּען וואַסער און עס אַרויפגעבראַכט אין זײַן וואוינונג. דער אָפּטריט (בית־הכסא) האָט געהאַט אפשר 25 זיץ־פּלעצער, אָן טירלעך, פּאַר מענער און פרויען צוגלײַך... אַ פרוי האָט פיל מאָל געטאָן איר מלאכה דערבײַ פון אַ מאַן, אָפּגעצאַמט מיט אַ ווענטל נאָר. זומער פלעגן די ווערים לעבן ווי אין האָניק, אָדער ווי מען זאָגט: ווערים אין כריין. איין מאָל אין זעקס חדשים פלעגט מען אויסרייניקן. פלעגט יעדע פור מיט קייפל פאַרשטינקען דעם הויף און די גאַס. אָבער מען איז געווען געוואוינט דערצו. ס'האָט זיך קיינער ניט באַקלאָגט. מ'איז געווען צופרידן, וואָס מען רייניקט אויס די ווערים. אין יעדן הויף איז געווען כמעט אַ טיי־הויז, מיט עפּעס וואָס צו צובײַסן. פלעגט מען קויפן פּאַר אַ גראָשן

טיי, פאַר אַ קאָפּיקע ברויט—ראַזעווע ברויט; פאַר אַ גראָשן הערינג, אָדער פאַר אַ גראָשן פּוטער. אַלץ מיטן גראָשן. די „עקסטערניקעס", וועלכע פלעגן זיך קומען ל'ערנען פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, פלעגן טאַקע לעבן אויף די אויבן־דערמאָנטע זאַכן, ווייל קיין סך האָבן זיי ניט געהאַט און אין די פּריוואַטע „אוטשי־לישטשעס" (גימנאַזיעס) האָט מען געמוזט צאָלן פאַרן לערנען; אויך קויפן קליידער מיט די מעשענע קנעפּ; איז זיי אַנדערש ניט אויסגעקומען, ווי צו לעבן אויף ברויט מיט טיי... נאָר אַז עס פלעגט קומען אַ פּסח, אַ ראש־השנה, פלעגן זיי זיך צופאָרן אַהיים. פלעגט טאַקע ווערן אומעטיק אין די גאַסן, אַן די יונגע גימנאַזיסטלעך. אַזוי פלעגן זיי זיין אויף יעדן טראָט, אויף יעדער גאַס, די מערסטע יידישע ייִנגלעך. ברוך האָט זיך ניט געררוקט צופּיל אין דער יידישער גאַס. אים איז געווען דער־ווידער די יידן מיט די גרויסע פּאות. צוליב וואָס דאַרף מען דאָס? ער איז אַמאָל געקומען אָנקוקן דעם ווילנער גאונ'ס שול, מיט דער קייט פון שולעכלעך, מיט די הענדלער און הענדלערקעס, מיט עטלעכע ציצית־פּעקעלעך, מיט אַ פּאָר סידורים, אָדער אַ פּאָר מזוזות, אַ פּאָר שיר־המעלותן. די אָרימקייט האָט זיך אַזוי שרייענד אָנגעזען, אַז ברוך האָט פּשוט ניט געקענט פאַרטראָגן.

— וואָרום גייען די יידלעך בעסער ניט אַרבעטן? וואָרום טוען זיי גאָרניט? מ'זיצט דאָ, מ'וואַרט פאַר אַ גראָשן לייזונג! מען שטאַרבט פון הונגער און מ'וויל מסחרן...

## ברוך הייבט אָן טראַכטן פון רחלען

אַזוי איז אַוועק כמעט דער זומער. ברוך האָט ביי זיך ניט אָפּגעמאַכט וואו ער שטייט מיט רחלען. ליובאַן האָט ער איצט געגומען באַגרייפן, איז ניט אין זיין קלאַס, און ער טראַכט שוין מער פון רחלען ווי נאָך ליובאַן. ער האָט זיך די גאַנצע צייט, ווען ער איז געווען אין אַ שלעכטער לאַגע, ווען הונגער האָט אים כמעט אומגעבראַכט, פאַרגעסן אַז עס עקזיסטירן אַ ליובאַ און אַ רחלע... ווי עפּעס איז אַרויס פון קאָפּ. ער האָט דאָס אין זכרון ניט געהאַט. ער האָט אַפילו אין די צייטן, ווען ער האָט שוין געאַרבעט אין די „אינסטרוקטאָרסקע קורסן" פון „ייטאַ", אָדער ווי מען פלעגט עס רופן: „באַראָן הירש שול," וואו ער האָט שוין אָפּגעאַרבעט כמעט אַ זומער—טאַקע ביז די יום־טובים—ווייניק געטראַכט פון זיי ביידן. נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו רחלעס מוטער. איז רחל אים אַריין אין קאָפּ, אין זיין זיכרון... עס האָט אים אַ צי געטאָן, אָבער ניט מער. דאָך איז זי געשטאַנען פאַר זיינע אויגן אַ שיינע, אַ ליכטיקע, אַ קיילעכדיקע... ער וואָלט זי געדאַרפט אַראָפּברענגען אַהער צו זיך. ברוכן האָט ניט געפעלט קיין מיידלעך אויך דאָ—טאַקע פון דער שולע. דאָ, אין שולע, האָבן מיידלעך זיך אויך געלערנט אַלערליי מלאכות, אַזוי ווי די מענער, הגם, מען האָט ניט געלאָזן מישן זיך די מענער מיט די פרויען. נאָר ברוך, צוליב זיין באַלעבאָסטעס מיידל, האָט ער מיט זיי זיך באַקאַנט, טאַקע ביי זיך אין דער היים, ווען זיי פלעגן איר, דער מיידל, באַזוכן, דאָס הייסט, דער באַלעבאָסטעס מיידל.

איינמאָל האָט אַ כאָפּטע מיידן פון שולע אים איינגעלאַדן צו אַ געבורטסטאָג פון אַ מיידל, אין „ווילייקע", אַ שטעטל לעבן ווילנע. מען איז אַרויסגעפאָרן פרייטיק באַכט און מ'האָט פאַרבראַכט ביז זונטיק פרי. געפאָרן צוריק ווען מ'האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט. געפאָרן איז ער אַהין צוליב דער באַלעבאָסטעס מיידל, וועלכע האָט אים געהאָלפן אָנקומען אַרבעטן אין די „קורסן." אַגב, איז ער

זייער געווען צופרידן. מען האָט גוט פאַרבראַכט. מען האָט אַפילו געזונגען דאָרט זיינע לידער.

שלאָפן האָט מען זיך צעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אין דעם גרויסן זאַל־צימער. די צאָל מענטשן איז געווען ביי אַ מנין, זיכער, בחורים און מיידלעך. מייניסטנס מיידלעך. צו ברוכן האָט זיך צוגעטוליעט איין מיידל, אַזוי באַענט, אַז אירע בריסט האָבן זיך געדריקט צו אים. ער האָט געפילט אַז זי טוט עס מיט אַ כיוון. ער האָט זיך צו איר געווענדעט:

— איך איז ענג אַפּנים! ניט באַקוועם, האַ?...

— גאָר ניט, מיר איז זייער באַקוועם! און האָט זיך נאָך מער צו אים גע־דריקט. — איז אייך אפשר ניט באַקוועם? — האָט זי דריקענדיק זיך צו אים געפרעגט. מיט אַ כיוון האָט זי זיך געדריקט מיט אירע בריסט צו אים, דאָס אירע פּופּיסקעס האָבן אים גערייצט!

— ווארום זאָל מיר זיין אומבאַקוועם — האָט ער געענטפערט, און האָט אירע בריסט אַריינגענומען אין זיינע הענט. זי האָט זיך ניט געווערט... ער האָט זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און אין דער שטיל צוגעלייגט זיינע ליפּן צו אירע. אָבער געקושט אָן אַ שמאַצקע. עס האָט זיך גאַרניט געהערט. ער האָט דאָס געטאָן כדי מ׳זאָל ניט הערן אַז ער קושט זי. זי האָט זיך נאָך מער געדריקט צו אים און האָט אים אַרומגענומען. זי האָט אים אויך אַזוי געקושט אָן אַ שמאַצקען... זי האָט זיך אַזש איינגעביסן אין אים, כדי דער קוש זאָל ניט אָפּקלונגען. ברוך האָט דער־פילט אַ קליינעם ווייטיק. ער האָט איר שטיל אין אויער איינגערוימט, אַז זי איז אַ „לילית", ער פילט אירע ציינער! זי האָט אים שטיל צוריק אין אויער גע־ענטפערט אין אַ שעפּטשען, אַז ער געפעלט איר!... עס ציט איר צו אים! אירע ווערטער האָבן אים צוהיצט!... ער האָט געפילט, אַז די בלוט קאָכט אין אים. ער האָט זיך ניט באַהעפט מיט קיין פרוי שוין אַ היבש ביסל צייט. הגם מען האָט זיך ניט אויסגעטאָן, דערהויפּט די מיידלעך האָבן זיך געלייגט אין זייערע בלוזקעס און אונטערקליידלעך, האָט ברוך דאָך געפילט איר לייב, אירע הוילע בריסט, אירע ליטקעס... ווייל ס׳איז געווען פינסטער און קיינער האָט ניט געזען... אַלע זיינען שוין געשלאָפן. אַזוי האָט ברוך געדענקט! איר נאָמען האָט ברוך באַשטימט ניט געוואוסט. אָבער איר קערפּער איז געווען אַ פולער, אַ קייכעלדיקער. ער האָט געפילט איר בויך איז ווי זי וואָלט שוואַנגער געווען. די בריסט זיינען טאַקע פולע געווען און האַרט. ער האָט געגלעט איר לייב און זי האָט זיך אַלץ שטאַרקער געדריקט צו אים, אָבער ברוך איז פון ליידנשאַפט פאַרקראַכן מיט די הענט...

— איר זייט דאָך ניט קיין בתולה — האָט ער צו איר געזאָגט אין דער שטיל!

— איך בין פאַרהייראַט — האָט זי ווידער אים איינגעביסן!

ברוכן האָט אַ שווינדל געטאָן אין קאָפּ פון צעהיצקייט, דאָס בלוט האָט גע־שלאָגן צום מוח. זי האָט שווער געאָטעמט און געדריקט אים צו זיך... אין צען מינוטן שפּעטער האָט ער גוט געפילט... און איז איינגעשלאָפן ביי איר זייט!

אָבער לאַנג איז ער ניט געשלאָפן; אפשר אַ שעה. זי האָט זיך ווידער צו אים גענומען דריקן און האָט אים מיט בייס־קושן אויפגעוועקט! זי האָט געשושקעט זיסע רייד און געביסן זיינע ליפּן אָן ציינער... איר ברענענדיקער אָטעם און איר ווייכע לייב האָט אים צו איר ווידער אַ צי געטאָן און ער איז פאַרזונקען מיט מער אויפברויז ווי צום ערשטן מאָל...

צו מאָרגנס האָט ברוך פון איר געוויכט, ניט צו ציען קיין אויפמערקזאַמקייט. עס זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס זאָל אים פאַרראַטן... זי גראָדע האָט גוט געפילט און געשפּאַסט מיט אַלעמען. די מענער זיינען געשלאָפן אָן רעקלעך, הגם אַנגעטאָן אַ חוץ די שיך און רעקלעך. אַנדערע זיינען געשלאָפן אפילו מיט די שיך.

מען האָט זיך געזעצט עסן שבתדיקן אָנבייסן: ציקאָריע מיט געבריטע טשאָלנט־מילך, וואָס איז אַזש געווען העל־רויט מיט אַ דיקע פּלעווקע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט צוגעלייגט שטיקעלעך צו יעדער גלאָז ציקאָריע. דאָס האָטווירקלעך געגעבן אַ געשמאַקערן טעם. מען האָט צו דעם צוגעביסן מיט פּוטער־בולקע באַשאָטן מיט צימערינג, וואָס ס'האָט געגעבן הונדערט טעמען. נאָכן אָנבייסן איז מען אַוועק שפּאַצירן אין דערבייאיקן וועלדל, ביז דער פּאָטער וועט קומען פון שול און מ'וועט עסן שבתדיקן טשאָלענט.

אין וואַלד האָט ברוך געזוכט איר אויסצומיידן, אָבער זי האָט גראָדע זיך געדרוקט צו אים, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען!... ער האָט געטראַכט: אפשר זאָגט זי אַז זי איז אַ פאַרהייראַטע, אפשר האָט זי אַ סך געהאַט?... אפשר איז זי אויך אַזאַ קרבן ווי מאַשקע איז געווען?... ער וועט פּרוּוון אויסגעפינען, אַנטאַפּן, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט. ער איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַ געדאַנק, און האָט זיך אָפּגערופן:

— פון אַזויפיל מיידלעך, פּרויען, דאָ, זיינען גאָר קיין פאַרהייראַטע ניטאָ? — און געקוקט צו יענער און געוואַרט אויף אַן ענטפער פון אימעצן.

— יאָ — האָט זיין באַלעבאָסטעס מיידל געזאָגט — סאָנקע איז פאַרהייראַט — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער פרוי... נאָר, נעבאך, איר מאַן איז אין סאָלדאַטן, איז זי אַ סאָלדאַטקע אָן אַ סאָלדאַט! די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי איינער וואָלט זאָגן: וואָס דאַרפסטו איר גיסן וואַסער אויף אויל? אָדער זאַלץ אויף די וואונדן?...

סאָנקע האָט אויף ברוכן אַ קוק געטאָן און געבליבן אַזוי אַראָפּגעפאַלן, כמעט דערשראָקן. ברוך האָט אויף איר אַ קוק געטאָן. זי איז געווען ניט קיין צו־שיינע. כמעט אַלע מיידלעך זיינען ניט געווען אַזוי שיין, ווי די האָמלער מיידלעך — האָט ברוך אַזוי געטראַכט. ער האָט געקוקט אויף איר קערפּער. ער האָט געזען, אַז ס'האָט זיך אָנגעפּאַנגען ערשט זען, אַז זי שוואַנגערט. אַפּנים אין דריי חדשים, האָט ער געטראַכט... זי איז טאַקע געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוזע. דערפאַר, האָט ער געטראַכט, האָט ער געפילט אַן שטערונג!.. אָבער ער האָט נאָך איר ניט געבענקט מער... ווי איינער וואָלט אָפּגעגעסן און איז מער ניט הונגעריק געווען...

ברוך האָט געזען אַז זי איז שווייגנדיק געוואָרן, האָט אים דאָס פאַרדראָסן ביזן האַרץ אַריין. ער האָט געבעטן סאָנקען זי זאָל זינגען זיינע אַ ליד. ער וואָלט וועלן הערן איר שטימע!..

סאָנקע איז געווען זייער אַ קלוגע. זי האָט געפילט אַז ער זוכט צו פאַר־ריכטן זיין טעות, אָדער האָט ער געוואָלט אויסגעפינען, צי איז זי ווירקלעך אַ פאַרהייראַטע פרוי? האָט זי זיך טאַקע אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָג געטאָן:

— אויב מ'וועט מיר צוהעלפן, וועל איך זינגען מיט פאַרגעניגן!

ברוך האָט גוט געפילט, וואָס ער האָט איר געמאַכט ריידן. ער האָט געפילט אַז זי האָט אים איצט פאַרגעבן.

ס'איז אים גרינגער געוואָרן, וואָס זי איז ניט בייז אויף אים. אַזוי האָט מען פאַרבראַכט ביז מען האָט זיי גערופן עסן טשאָלענט.

די צווייטע נאַכט האָט מען זיך ווידער צולייגט אויף דער פּאָדלאָגע, אָבער ברוך האָט היינט זיך געלייגט צווישן די מענער. ער האָטווירקלעך נעכטן ניט פיל געשלאָפן און ער האָט זיך געוואָלט אויסרוען און קומען אין צייט צו דער אַרבעט.

סאָנקע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט האַלב־בייזקייט. זי האָט אים היינ־טיקע נאַכט אויך געוואָלט האָבן לעבן זיך. זי האָט געוואָלט מיט אים זיך אַדורכ־שמועסן, אַז ער זאָל איר אָפּט באַזוכן... זי האָט אין אים זיך געניטיקט... ס'איז געווען שווער דאָס ערשטע מאָל און זי האָט געמיינט אַז ער וועט איר מאַכן דעם פאָרשלאָג, פאַר וויטערע באַציאונגען מיט איר. אָבער ברוך האָט דאָס ניט גע־וואָלט! ער האָט ניט געוואָלט, זי זאָל דאָ האָבן הנאה און פאַרגעניגן, און איר מאַן זאָל דאָרט אין קאַזאַרמע זיין פאַרשקלאַפט. יאָ, ער האָט שוין געלעבט מיט פאַר־הייראַטע פרויען, האָט ער צו זיך געטראַכט, אַגב יענע האָט קיין מאַן ניט געהאַט. זי איז געווען אַן אַלמנה, אַן עלנטע!...

סאָנקע האָט געוואוסט, אַז ברוך איז ניט ווי אַלע מאַנצבילן! עפּעס האָט איר ווי געטאָן, וואָס ער מיידט זי אויס. דעם גאַנצן טאָג האָט ער פאַרבראַכט מיט די מיידלעך און זיך אָפּגעווייטערט פון איר, ניט צו בלייבן אויג אויף אויג.

— אפשר, ווייל איך האָב זיך אָנגעבאָטן?... זי האָט כמעט אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. עס האָט איר זייער געוואָלט זיין נאָענטקייט!... זי האָט געברענט פון ליידנשאַפט... זי האָט שוין געפילט דאָס קינד אונטערן האַרצן, האָט אַרויפגע־לייגט די האַנט אויפן בויך און זי האָט זיך מיטן געדאַנק פאַרוויגט—איינגעשלאָפן.

ברוך האָט פון אָנפאַנג אויף דער גיך איינגעשלאָפן. אָבער אין מיטן נאַכט האָט ער דערוואַכט און פאַר שעהען ניט געקאָנט איינשלאָפן. עס האָט אים אויך גערייצט!... ער וואָלט זי איצט געוואָלט האָבן לעבן זיך... ער האָט געבענקט נאָך אירע פולע בריסט, וואָס האָבן זיך גענומען אָנפילן מיט מוטער־מילך... איר קער־פער האָט אים געבריט, אָגם דאָס איז ניט געווען ליבע!... ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ליידנשאַפט. זיין קערפּער האָט פאַרלאַנגט!... ווי אָפּט דאָס פלעגט טרעפן... נו, דאָס טרעפט יעדן בחור, יעדן זכר. אַ זכר איז ניט קיין נקבה... איר האָט די נאַטור געגעבן ווידערשטאַנד!...

ער האָט זיך דערמאָנט ווען ער האָט געלייענט „פאַרעל"... דער געבוי פון דער פרוי איז אויפקאָך און אָפּקיל... אָבער ניט מיטן מאַן... דער מאַן איז אַ שטורעם... ער איז ניט פאַרטיק צו אַיעדער צייט, ווי די פרוי... ער האָט זי זייער געוואָלט נאָך היינטיקע נאַכט... וואָלט ער כמעט איינגעשלאָפן, אַז ס'זאָל זיך ניט טראַכטן!... דער טייוול האָט אים גענומען אין די הענט: איצט, האָט ער געטראַכט אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אויפצוּוועקן דעם בחור לעבן אים, אַזוי, ניט ווילנדיק, זאָל דאָס הייסן. ער האָט זיך אַ רוק געטאָן שטאַרק אָן אים, און האָט אים טאַקע געגעבן דעם אמתן האָק אין זייט. יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ קרעכץ. ברוך האָט אים געבעטן ענטשולדיקונג... ער האָט אָבער שוין געהאַט מיט וועמען אין דער שטיל צו ריידן!.. ביז זיי זיינען ווידער איינגעשלאָפן.

סאָנקעס פּנים איז אים געשטאַנען אין שלאָף. איר לאַנגער, אָבער איידעלער פּנים איז אים געפעלן געוואָרן. הגם ניט גאָר קיין שיינער. זי האָט אים געצויגן, פאַר איר היציקייט און פולקייט; פון פרווילעכקייט און מוטער-דערוואַרטונג!

פאַרן אַוועקפאָרן האָבן די עלטערן פון דער מיידל, פון „ווילייקע," אים איינגעלאַדן, זיי ווידער צו באַזוכן. מען האָט זיך פשוט געקעכלט מיט אים!...

טאַקע איצט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן פון רחלען: רחל וואָלט געווען אַ מלכה צווישן זיי, האָט ער צו זיך געטראַכט.

נאָך די יום־טובים, האָט ער געטראַכט, אפשר וועט ער קריגן געהעכערט אַ רובל אָדער צוויי, ווייל דאָרטן, אין שולע, אין זיין פאַך, פלעגט מען העכערן אַלע זעקס חדשים, די פייאיקערע... ער האָט זיך געהאַלטן פון די פייאיקערע, בעסערע בעל־מלאכות! דאָס האָבן אַלע געוואוסט, דערהויפּט דער מייסטער!..

## אַ שלאָפלאָזע נאַכט

ברוך האָט איין נאַכט ניט געקענט שלאָפן. דאָס איז געווען אַ וואָך נאָך דער באַגעגעניש מיט דער פרוי סאַנקע, אין ווילייקע. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. עס האָט אים געמאַטערט איר פולער קערפּער, אירע האַרטע בריסט, וואָס זיינען כמעט געשטאַנען אונטער איר באַלאַכאָן. איר פּנים האָט ער געזען אָן אַ ברעקל רייץ. אים האָט נאָר גערייצט איר קיילעכדיקייט. ער האָט איצט איבערגעלעבט אין געדאַנק, ווי ער האָט דאָן אין דער ווירקלעכקייט געפילט. ווי הייס און זאַפטיק זי איז געווען. ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן:

— וואָרום ווער איך ניט אַנטשלאָפן? וואָרום מאַטער איך זיך? וואָרום טראַכט איך פון איר? איך האָב באַשלאָסן מיט איר ניט צו טאָן האָבן! וואָרום לאָז איך צו זיך צו פון איר צו טראַכטן? וואָרום זוך איך זיך זעטיקן מיט די געפילן וואָס איך האָב פון איר געהאַט און געפילט? איך וויל ניט מיט אַזאַ פרוי צו טאָן האָבן; איך קאָן זי צו יעדער צייט קריגן, נאָר איך וועל ניט און וויל ניט מיט איר האָבן צו טאָן! אַפילו ווען איך וועל זיך דאַרפן פאַרמאַטערן. אייגענטלעך האַלט איך זיך העכער ווי דער געוויינלעכער בן־אָדם. איך בין אַ יחיד און איך באַלאַנג צו אַנאַנדער מין בן־אָדם — אַ שפּעטערדיקן, וואו געדאַנק און ווילן וועלן באַהערשן די וועלט; פּסיכאָלאָגיע וועט פאַרנעמען אונדזער לעבן; פּסיכאָלאָגיע וועט אונדז קענען פירן ווי לייצעס פירט דעם פערד; מיט ווילן וועלן מיר פירן אַ גערעכטערע וועלט, וואו פאַלשקייט און אייגננוצן וועלן פאַרשווינדן. מיינענדיק די פרוי. ער האָט געוואָלט זיך אויסבעסערן. ער האָט געוואָלט זיין ניט ווי אַלע. ער ווייסט, אַז מיט ווילן קען מען באַזיגן די שלעכטסקייט אין זיך; מען מוז נאָר האָבן אַ פּאַדעם אַ שטאַרקן, וואו ס'בינדט דיך צו. אפשר רחלע? אפשר ליובאַ? אַך ליובאַ גייט מיר אַרויס שוין פון זינען. זי איז גאָר ניט אין מיין קלאַס. אמת, זי איז געווען אַ וואויל מיידל. יאָ, זי קאָן דאָס מער ניט זיין! די פּאַדים וואָס האָט מיך צו איר אַזוי געבונדן, געצויגן, איז לויז געוואָרן — אָפּגעריסן! איך בענק ניט און קרענק ניט נאָך איר, ווי איך פלעג עס טאָן. דער נאָמען ליובאַ, וואָס פלעגט קומען צו מיר, האָט אַ טומאַן איינגעדעקט, איינגעהילט. איך טראַכט מער פון רחלען, הגם רחלע איז ניט מיט דעם פלאַם וואָס איך פלעג פילן צו ליובאַן. אָבער זיכער בין איך אַז איך בין ניט גאָר גלייכגילטיק צו רחלען: אַ שיינע, אַ ציכטיקע, אַ לעבעדיקע שטייט זי פאַר מיר, מיט אירע ברענענדיקע אויגן. איך וואָלט באַשיינט מיט איר ווילנע, מיט איר גאָלדענער שטימע און מיט איר זילבערנעם געלעכטער...

און ווידער האָט אים געצויגן די פרוי. ער האָט ניט ווילנדיק געוואָלט זי האָבן לעבן זיך, איצט!..— אָבער ס'איז גוט וואָס איך בענק נאָך אַ פרוי, נאָך אַ פרוי!.. ניט נאָר איר. אַ פרוי, דאָס גאָר! איך בין הונגעריק, למשל, ווי איך בין געווען הונגעריק ווען איך האָב ניט געהאַט וואָס צו עסן... און דער מאָגן־הונגער איז הונדערט מאָל שטאַרקער ווי קערפּער־הונגער... מ'קעןביישטיין קערפּער־הונגער! מ'קען לעבן אָן קערפּער־הונגער. אַגב, קאָן מען ניט לעבן פון מאָגן־הונגער. נו, ס'רייצט מיך איצט, איז וואָס? איז טאַקע שולדיק דער פולער מאָגן; איז טאַקע

שולדיק די זאַטקייט, די אַנקלייבונג פון זאַמען. עס יערט, נו, איז וואָס? אַט וועל איך איבערבערענען היינט ביינאַכט, און מאָרגן וועל איך מסתמא זי פאַרגעסן. איך וועל אין גאַס אַרויס, וועל איך זען נאָך יונגע שוואַנגעריקע פרויען. יעדע שוואַנגעריקע פרוי איז פול און קיילעכדיק!

דער זייגער האָט שוין געשלאָגן צוויי. ברוך האָט מיט גוואַלד פאַרמאַכט די אויגן, אַנגענומען ציען טיף זיין אָטעם, וואָס דאָס פלעגט אים מאַכן שלעפעריק. ער האָט זיך פאַרוואורפן געמאַכט, ווארום ער האָט דאָס פריער ניט געטאָן.

ער האָט געלייענט, אַז שפינאָזאַ פלעגט אויך אָטעמען דורכן נאָז און דאָס האָט ער אַליין דערפונדן, אַז מען אָטעמט טיף אין זיך, ווערט מען שלעפעריק, און טאַקע אין אַ פּאָר מינוטן איז ער איינגעשלאָפן.

ראש השנה איז ער ווידער געווען אַליין אין זיין צימער; דער צווייטער קוואַר־טיראַנט אין זיין צימער איז אָפּגעפאָרן אַהיים פאַר די יום־טובים. נו, האָט ער טאַקע דערפאַר געלייענט אַסך און געשריבן.

ס'איז ווידער אָנגעקומען אַ פּאָר מיידלעך פון שולע, צו דער באַלעבאָסטעס מיידל. אייניקע וואָס האָבן שוין געקאָנט ברוכן, און מען האָט אים אָוועקגעשלעפט פּאָר אַ שפּאַציר. יענעם אָוונט האָט ער גוט פאַרבראַכט און שפּעט אין דער נאַכט איז ער געקומען מיט זיין באַלעבאָסטעס מיידל אַהיים.

ברוך איז דעם קומענדן מאָרגן אָפּגעשלאָפן ביז אין האַלבן טאָג, און די באַלע־באָסטע האָט אים ניט אָפּגעלאָזן; ער האָט שוין געמוזט עסן מיטאָג מיט זיי. די טעכטער האָבן זיך געפרייט וואָס ברוך זיצט מיט זיי ביי איין טיש.

די מוטער האָט זייער ליב געהאַט סטודענטן. די מעשענע קנעפּ, פלעגט זי זאָגן צו ברוכן, מאַכט איר עפּעס פילן גוט! געלערנטקייט! אַזוינע קוואַרטיראַנטן האָט זי ליב!

ברוך האָט איר געענטפערט:—דאָן מוזט איר מיך פיינט האָבן. איך האָב ניט קיין מעשענע קנעפּ ווי גריגאָריעוויטש...

— אָבער איר לערנט זיך — האָט זי געענטפערט — איר וועט נאָך אַמאָל ווערן אַן אַרכיטעקט... יאָ, איר לערנט זיך! מיין טאָכטער לערנט זיך אויך אין דערזעלבער שולע, אין דערזעלבער „רעמעסלענע" שולע!...

חול־המועד איז ברוך געגאַנגען אַרבעטן. און ווייטער, די צווייטע טעג סוכות, האָט ער ניט געאַרבעט. מען האָט זיך געגרייט צו אַן אויסשטעלונג פון דער שולע, פון דער „רעמעסלענע אוטשילישטשע", פון אַלע פאַכן, דער עיקר, די „אינסטרוק־טאָרסקי קורסן", פון די צייכענונגען, אַרכיטעקטאָרישע און אַרטיסטישע אַרבעטן.

ברוך האָט זיך דורך די יום־טובים גוט אָנגעפילט מיט „בשר" אין זיך און אויף זיך; געגעסן גוט און כמעט צוויי וואָכן ניט געאַרבעט אין חודש. געהאַלט האָט ער געקראָגן, מיידלעך זיינען אויך געווען. אַזוי האָט ער אָפּגעשטופּט די צייט..

ברוך האָט שוין אָפּגעדרוקט דריי לידער אין דעם שול „זשורנאַל". דאָס האָט אים געגעבן כבוד און פּרעסטיזש ביי די מיידלעך. אַ פּאָעט! ס'הייסט! יעדע מיידל האָט געוואָלט מיט אים גיין, פאַרברענגען. אויך די באַלעבאָסטע האָט זיך געגרויסט מיט אים. מער, די באַלעבאָסטעס טעכטער האָבן אָנגעבראַכט מיידלעך זיך צו באַקענען מיט אים...

טאַקע דערפאַר האָט ברוך ניט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך די מיידלעך פון האָמליע. ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו דענקען וועגן זיי. פריער האָט ער ניט

געדענקט פון זיי, ווייל אים איז שלעכט געווען: הונגער, נויט! איצט האָט ער כבוד און איז אַרומגענומען ווי אַ קייט פון מוידן, און פּרנסה אויך דערצו...

אָבער אָמור, דער גאָט פון ליבע, האָט זיך צעלאַכט פון אים: דו ביזט צופרידן מיט זיך, פאַרדינסט און לעבסט בכבוד. איך וועל דיר אַקאַרשט צושיקן מיין קליינעם פריינט קופּידן. ער וועט דיך אַביסל אַ טרייסל טאָן. ער וועט דיר מאַכן אַביסל קלאַפּן און ווי טאָן דיין הארץ... איך וועל דיר צושיקן מיין פריינט. ער האָט די סחורה און ער האָט די וואָפן!...

## ברוך פאַרליבט זיך

גריגאָרעוויטש לוואָוו, זיין מיט־קוואַרטיראַנט, איז אַלט געווען אַ יאָר 18־19. אַ הויכער, אַ דאַרער, אָבער אַ שיינער. זייער אַ ליבלעכער. אַלע מיידלעך פלעגן קומען צו אים אין גרופּעס־וויים, צו דריי, צו פינף! איין מאָל איז צו אים אַ גאַנצע כאַפּטע מיידלעך געקומען. מען האָט ניט געהאַט וואו צו זיצן אפילו. ברוך האָט געלייענט אַ בוך. צווישן די אַריינגעקומענע מיידלעך איז איינע געווען אַ הויכע, אַ בלאָנדע, מיט גרויסע בלאָע אויגן. זיי האָבן איינע אויף די אַנדערע געוואָרפן זייערע אויגן, זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע.ביידע האָבן אַראָפּגעלאָזן די אויגן. אים האָט עפּעס מאָדנע אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן... ער האָט זיך אין דער ווילע פאַרגעסן אָן רחלען און ליובאָן. אים איז אַרויס פון זכרון די צווי, דערהויפּט ליובאַ, איז מער שוין ניט געווען אין דעם אָרט, וואו זי איז ערשט מיט אַ פּאָר שעה געשטאַנען פאַר אים. אויך רחל איז מער ניט געלעגן אין זיין זכרון! אַלעס איז אַוועק פון זיינע אויגן, פון זיין מוח... זי האָט אים מיט אירע גרויסע קינדערשע אויגן אַ צי געטאָן, ווי מאַגנעט אַ שטיקל אייזן. אַלע ווילע האָט ער אויף איר געוואָרפן די אויגן און אַלע מאָל זיך באַגעגנט מיט אירע אויגן. זיי האָבן איינער אויף די אַנדערע אַלע ווילע בגנבה געקוקט. ברוך איז שוין געווען דערפאַרן... אַז פּרויען קוקן אויף אים, געפעלט ער זיי. אָבער איצט, האָט ער געטראַכט: זי האָט אים ממש באַצויבערט! אַך, וואָס פאַר אַ גרויסע אויגן?!... ווי זיי וואָלטן אַרויס פון שטערן. ווי זי קוקט אויף אים, פאַרשעמט! אונטערטעניקט!...

זיי האָבן זיך געקליבן צו גיין אין גאָס פאַר אַ שפּאַציר, האָט זיך גריגאָראָוויטש געווענדעט צו ברוכן, אויב ער וויל אויך מיטגיין?

— קומט! איר וועט כאַפּן אַביסל פרישע לופט און קליידט זיך אויס די שענסטע מיידל. וועלכע געפעלט אייך דאָ? איך וועט—האָט ער כיטרע אַ זאָג געטאָן—ער וועט אויסקלייבן פעסלען... אָט וועט איר זען, אַז — —

— פונוואַנען ווייס איך, אַז זי וועט וועלן גיין מיט מיר?—האָט ברוך געקוקט אויף פעסלען... און זי געשלונגען מיטן בליק.

פעסל איז רויט געוואָרן ווי פייער. איר קלאָר פאַרצעלייען הויט האָט געלויכטן. זי איז אַזוי שיין געווען, אַז ברוך האָט אַזש אַראָפּגעלאָזן די אויגן פון איר. ער האָט זיך גאָרניט געגלויבט, אַז ער איז אַזאַ מענטש געוואָרן, אַזוי באַשיידן איז ער געווען אין איר קעגנוואַרט... עס האָט געברענט אין אים דער פאַרלאַנג צו גיין שפּאַצירן מיט איר. איר בויגזאַמער קערפּער איז געווען אַזוי רייצנד, אַז עס האָט זיך אים געוואָלט כאַטש אָנרירן זי, שטיין לעבן איר...

— זי וועט גיין—האָט גריגאָראָוויטש זיך געווענדעט צו פעסלען.—איר וועט גיין מיט אים? אַ יאָ, פעסל?!...

ווארום זאָל איך ניט גיין מיט אים? געוויס, מיר גייען אַלע צוזאַמען!... גייען מיר ניט אַלע צוזאַמען?

— געוויס גייען מיר אַלע צוזאַמען—האָט גריגאָראָוויטש געזאָגט—נאָר איר דאַרפט גיין ביי זיין זייט, ריידן מיט אים, דערציילן אַנעקדאָטן, פאַרווײלן אים. ער איז דאָך דאָ נאָך אַ פרעמדער אין ווילנע! זינט ער האָט זיך אַריינגעקליבן גייט ער אין ערגעץ ניט. אָט ווי איר זעט: נאָר געלייענט! ווען איך זאָל אַזוי פיל לייענען, וואָלט איך אפשר אַ פראָפעסאָר געוואָרן, אָדער אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן, טאָקע ווי ער!...

ברוך האָט זיך ניט אַרויסגעכאַפּט אַז ער שרייבט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, אַז מען זאָל ניט דענקען אַז ער רימט זיך פאַר זיי...

— אַזוי, איז ער אַ שרייבער?—האָט זיך אַ מיידל אָפּגערופן.—דאָס איז וואונדערבאַר!... דאָס איז גרויסאַרטיק!...

— וואָרום זאָל איך ניט גיין ביי זיין זייט ? — האָט פעסל שעמעוודיק ווידער געזאָגט.—וואָס איז דער אונטערשייד ביי וועלכן זייט איך וועל גיין ?...

— טאָ קומט שוין—האָט זיך אָפּגערופן אַ קליין-געוויקסיק מיידל, וועלכע האָט אויסגעקוקט ווי אַ צוועלף-יאָריק קינד.—קומט און פאַרציט ניט קיין צייט!... איר נאָמען איז געווען לייצע.

מען איז אַלע אַרויס מיט געלעכטער פון שטוב. די טרעפּ האָבן געזונגען אונטער די מיידלשע פיס. אין גאַס האָבן אַלע זיך אויסגעמישט. ברוך האָט גראָדע זיך געשטעלט לעבן דער קליין-געוויקסיקער און איז מיט איר געגאַנגען פאַראויס.

— זע נאָר, זע—האָט גריגאָראָוויטש געזאָגט—וואָס איז, ברוך, אייך געפעלט דאָס ברעקל לייצע מער ווי די הויכע פעסל?... פעסל איז דאָך אַ גאַנצע ליד! איר הערט, פאָעט ?...

— מיר געפעלן אַלע מיידלעך!—האָט ברוך אויפגעלייגט געזאָגט.—יאָ, אַלע מיידלעך געפעלן מיר!...

— מיך אויך?—האָט אים איינע געכאַפּט אונטערן אָרעם—אפילו מיך אויך?! געפעל איך אייך אויך? יאָ, ברוך?

— אייך אויך! וואָס-זשע, זייט איר ניט קיין שיינע ?...

— און מיך?—האָט אַ צווייטע געקאָקעטירט אים אין פנים—און איך געפעל אייך אויך?

— אַ פראַגע צי אייך אויך? איר קוקט דאָך אויס ווי אַ פרינצעסן!... ניט אמת, גריגאָראָוויטש?.. קוקט זי ניט אויס ווי אַ בת-מלכה?...

איך האָב איר שוין לאַנג געזאָגט אַז זי איז אַ שיינהייט—האָט געענטפערט גרי-גאָראָוויטש—ניט אמת, אסתרקע? זאָג איך אייך דאָס ניט אַלע מאָל?

מען האָט געלאַכט, מען האָט געשטיפט. פעסל האָט געשוויגן און געגאַנגען שטיל פאַרטראַכט...

וואָס איז מיט פעסלען היינט?—האָט געזאָגט אסתרקע—וואָס אַזוי שטיל היינט ?

— זי איז באַליידיקט, וואָס ברוך איז אַוועק מיט דער קליינטשיקער, ניט מיט איר. ניט אמת, פעסל?...

וואָס איז מיין עסק מיט וועמען ער גייט? וואָס איז ער מיין חתן?—האָט זי מיט אַזאַ שטאָלץ געזאָגט!

ברוך האָט געפילט, אַז פעסל איז אויך ניט גלייכגילטיק צו אים. ער האָט גוט געפילט. אים האָט געצויגן צו גיין לעבן איר, נעמען זי אין אָרעם אפילו. אָבער ער האָט ניט געוואָלט רייסן די אויגן. ער האָט געפילט אַזאַ פאַרגעניגן צו טראַכטן פון איר. ער האָט זי אומעטום געזען, ניט קוקנדיק אויף איר. איר גע-

שטאַלט איז געווען אין זיין מוח, אין זיין זכרון. ער האָט געפילט אַז דאָס איז דאָס געפיל פון אמתע ליבע... ליבע ביים ערשטן קוק! יאָ, ער האָט געוואוסט, אַז יענע אַלע ליבעס איז אַ חלום; די איז די אמתע ליבע!...

## ברוך אויג אויף אויג מיט פעסלען

ברוך האָט פיל אַרומגעטראַכט, האָט פיל געקלערט, אַז איצט הויבט ער אָן צו פאַרשטיין, ווארום רחל האָט זיך אַזוי איינגעצאַמט פון איר פריערדיקן לוסטיקן, כמעט קינדערשן לאַכן און שטיפן. יאָ, ער איז איצט אַזוי... ער איז נערוועאיש, פשוט, וואָס פעסל קומט ניט אַריין צו גריגאַראָוויטשן. פרעגן אים האָט ניט געפּאַסט. האָט ער זיך געשטיקט מיט זיינע געפילן און געשוויגן. שוין עטליכע נעכט און פעסל האָט זיך ניט געוויזן. גריגאַראָוויטש האָט אים איינמאָל געפרעגט: וואָס עפּעס טראַכט ער אָנשטאַט לייענען, ווי אַלע מאָל?...

ברוך האָט געפילט, אַז גריגאַראָוויטש וויל אים אַריינכאַפּן אין עפּעס. נאָר ער האָט ניט געוואָגט וואָס צו ענטפערן, וואָס ס'וועט אים אַרויסגעבן. ברוך האָט דערפילט, אַז ער מוז זעען פעסלען. אים לאָזט ניט רוען. האָט ער זיך אָנגעטאָן און איז אַראָפּ אין גאַס. ווי ער איז נאָר צוגעקומען צום „אוגאָל,‟ צום ראָג, האָט ער דערזען פעסלען, מיט אסתרקען, גייענדיק אים אַנטקעגן. זיין האַרץ איז אים שיר ניט שטיל געוואָרן. זי האָט אים אַרויסגעשיינט ווי אַ ליכטיקע זון.

— וואו גייט איר ברוך? — האָט אים אסתרקע געפרעגט! איר וועט באַלד אַרויפקומען, ברוך?

— יאָ! איך גיי כאַפּן אַ ביים! — האָט ער געזאָגט. — אפשר ווילט איר אויך עפּעס וואָס נעמען אין מויל אַריין? קומט מיט מיר אין רעסטאָראַן, ווילט איר גיין?.

— מיר קענען מיט אייך מיטגיין, אָבער מיר האָבן ערשט געגעסן וועטשערע

— האָט זי מיט אַן אמת געענטפערט. — פעסל איז אַן עדות! פרעגט פעסלען!...

— ווארום שטעלט איר פעסלען פאַר אַן עדות?

— ווייל זי האָט געגעסן ביי אונדז, מיט מיר, פאַרשטייט איר?

— נו, קומט, וועט איר טרינקען אַ גלעזל שוואַרצע ביר.

זיי זיינען אַריין אין רעסטאָראַן. ברוך איז ניט געווען הונגעריק. ער האָט שוין געגעסן וועטשערע. ער האָט גענומען אַ שטיקל וואורשט מיט דריי גלעזער שוואַרצע ביר. מען איז געזעסן אַביסל, גערעדט. ברוכס האַרץ האָט געקלאַפּט מיט גליק, וואָס ער קען אויג אין אויגריידן מיט פעסלען. פעסל האַלט כסדר אירע גרויסע אויגן אַרויפצו, ווען זי רעדט מיט אים. זי קאָן אים פשוט אין די אויגן ניט קוקן. ברוכן האָט זיך געוואָלט זיצן מיט פעסלען אַליין; זיצן לעבן איר אַן אַ ציל, אַן אַ זין — אַבי זיין לעבן איר!...

— נו, קומט שוין! — האָט אסתרקע געזאָגט. — וואָס ווילט איר דאָ אָפּ־פּטרן דעם אָוונט? קומט, מיר'ן אַרומגיין אין גאַס!

— ס'איז קאַלט געוואָרן — האָט פעסל געזאָגט — קומט, מיר'ן אַרויף אין שטוב. שוין עטלעכע טעג ניט געזען גריגאַראָוויטשן... און געקוקט אויף ברוכן...

— ער מאַכט איצט די „אוראָקן‟ — האָט ברוך געזאָגט, הגם ס'איז אמת געווען, האָט ער געזאָגט: — קומט אַרויף מיידלעך!

ברוך האָט זיך אַריינגעשטעלט אין מיטן די מיידלעך.

— מעגן מיר אייך נעמען אין די אָרעמס? ס'איז גליטשיק, וועלן מיר זיך אַלע האַלטן איינע אין די אַנדערע — האָט אסתרקע געזאָגט מיט אַ שטיפערישן געלעכטער.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!...—האָט ברוך געזאָגט. אסתרקע האָט אים געכאַפּט אונטערן אָרעם.

ברוך האָט גענומען פעסלען אונטערן אָרעם. אים איז געווען אַזוי גוט זי צו האַלטן, אַזש ס'איז די האַרץ אים אויסגעגאַנגען פאַר תענוג, פאַר פרייד. ער האָט געפילט, אַז פעסל איז אויך צופרידן וואָס ער האַלט זי אין אָרעם, פּלוצים טוט זי אַ זאָג: — די מיידל דאַרף האַלטן דעם קאַוואַליער אין אָרעם, ווייסט איר פון דעם?.. זי האָט אים גענומען אין אָרעם און זיך צוגעטוליעט צום אים.

ברוכן האָט זיך געוואָלט זי צו האַלטן אין אָרעם, פילן זי, נאָר ער האָט געשוויגן, געלאָזן זיך פירן פון די מיידלעך. אים איז געווען וואַרעם און גוט. אסתרקע איז געווען דער לעבן אַליין. דאָס האָט ברוכן געגעבן צו פאַרשטיין אַז זי האָט קיינעם ניט; אַז זי איז אַ פרייע, פריי פון ליבע, דאגה!... ער האָט געפילט, אַז פעסל איז פונקט ווי ער, מיט אַ פאַרנומענעם געדאַנק, דערפאַר שוויגט זי, דערפאַר שטיפט זי ניט!.. הגם מע האָט אים געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ פריילעכע, אַ לעבעדיקע...

ברוך האָט יענע נאַכט באַגלייט פעסלען און שיר איר ניט אויסגעזאָגט אַז ער איז פאַרליבט אין איר... ער האָט איר אָבער אַ דריק געטאָן איר האַנט ביים געזעגענען זיך. ער האָט דערפילט,אַז זי האָט אַ ציטער געטאָן און איז גיך אַריין אין טויער אָן אַ גוטע נאַכט.

---

ברוך האָט ניט געוואָלט אַרויף אין שטוב גלייך, הגם ס'איז געווען שפּעט און קאַלט. ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ ציל איבערן ברייטן טראָטואַר פון „באַל־שאַיאַ אוליצאַ", „די ברייטע גאַס", ווי מען פלעגט עס רופן אין יידיש. אַך, וואָלט ער וועלן מיט איר איצט אַרומגיין דאָ, זיך טוליען צו איר. די „פאַנאַרן" ברענען אַזוי ליכטיק, מענטשן זיינען פול, פאַרלעך גייען אַרום געאָרעמט, צוגעדריקט איינע צו איינע. אָפיצירן און סטודענטן גייען מיט מיידלעך. מען לאַכט. דאָס האַרץ איז אים צעגאַנגען פון בענקשאַפט. ער וועט איר שרייבן, האָט ער ביי זיך באַטראַכט. טאָמער וועט זי ניט וועלן? וועט זי אים ניט דאַרפן אָפּזאָגן גלייך אין פּנים אַריין...

ברוך האָט זיך אויסגעגליטשט און שיער ניט אומגעפאַלן. אַ פריער ווינטער, האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך געלאָזן אַהיים. גריגאָראָוויטש האָט זיך נאָר וואָס געלייגט אין בעט אַריין.

— וואו געווען אַזוי שפּעט? געגאַנגען אין גאַס מיט פעסלען? אַ שיינע מויד, האַ?...

וועלכע מיידל איז ניט שיין? אַלע זיינען שיין!—האָט ברוך געענטפערט.

— אָבער פעסל איז די שענסטע! וועסטו דאָך מיר צוגעבן!

— פאַראַן שענערע—האָט ער אונטערן נאָז אַ זאָג געטאָן.

— וואו זייט איר אַרומגעגאַנגען אַזוי שפּעט אין גאַס?

— איך בין אַליין אַרומגעגאַנגען, כאַפּן אַביסל קאַלטע לופט פון פריען ווינטער. איך האָב איר אָפּגעפירט שוין לאַנג אַהיים—האָט ער געענטפערט.— שלאָפט, איך דאַרף זיך אויך לייגן. שלאָפט און זייט רואיק, וועל איך אויך גלייך איינשלאָפן.

גריגאָראָוויטש האָט זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום וואַנט און גלייך האָט זיך דערהערט זיין כראָפּען. ער איז שוין איינגעשלאָפן. ברוך איז אויך איינגע־שלאָפן פון מידקייט.

## פעסלס ערשטע ליבע

פעסל האָט געפילט אַז ברוך האָט איר פאַרכּישופט. זי האָט ניט געקענט גלויבן, אַז זי איז געפאַלן פאַר אים מיטן ערשטן קוק אויף אים. ווי קען דאָס געבן?. האָט זי אַליין געריסן פון זיך געדאַנקען, ווי פאָדים פון אַ קנויל. איך קאָן אים אינגאַנצן אַ פאָר טעג... נאָך אין דער ערשטער נאַכט, ווען איך האָב אים דערזען האָט עס מיר אַ ריס געטאָן אין די טיפסטע טיפענישן. אַך, גאָט, ווער ווייסט ווי ער רעאַגירט קעגן מיר? ער איז אַ מאָדנער מענטש. אָט רעדט ער וועגן מיר, אָט וויל ער מיט, מיר שפּאַצירן, און גייט אַוועק מיט אַ צווייטער. דאָס אַליין האָט מיר געמאַכט באַליידיקט, ווי ער וואָלט פון מיר אָפּלאַכן. אָדער, האָט ער מיר געוואָלט אייפערזיכטיק מאַכן, גלייך פון אָנפאַנג ? אָדער, האָט ער געוואָלט אָפּלאַכן פון מיין שייקייט, גאווה ? ווער קאָן דאָס פאַרשטיין. ס׳טייטש, אַלע בחורים שטאַרבן פאַר מיר. זיי וואָלטן ניט געוואַגט דאָס טאָן צו מיר. איך וואָלט זיי פאַרשפּייט, די פּנימער מיט די נעגל זיי צוריסן! וואָרום האָב איך אים ניט אָנגעזידלט? יאָ, שיער שיער, האָב איך דאָס געטאָן, נאָר דאָס האַרץ האָט עפּעס מיר ניט געלאָזן, טאָמער וועל איך אים צופיל באַליידיקן, טאָמער וועל איך אויפהערן גיין אַהין און מער זיך מיט אים ניט צוזאַמען טרעפן ?

איר האָט זיך געוואָלט ער זאָל גיין מיט איר, ער זאָל שטיין לעבן איר זייט; פילן זיין נאָענטקייט. — די פאָר טעג וואָס איך האָב אים ניט געזען האָט אויפ־געגעסן מיין האַרץ פון בענקשאַפט אַ קוק צו טאָן אויף אים ! היינט ווען ער האָט מיך גענומען אין אָרעם, בין איך שיער אומגעפאַלן פון גליק... מיינע פיס האָבן מיר געציטערט, ווי פון קעלט, אָדער ווי אַמאָל פון היץ. גאָט, וואָרום בין איך אַזוי אומרואיק ? איך פיל זיך אַזוי גליקלעך און דאָך שרעקט מיר מיין גליק !.. ס׳איז ווין מיט סם, האָניק מיט סם. אפשר בין איך אַזוי ? אפשר איז ער בעסער פון מיר? וואָרום בין איך אַוועק פון אים אָן אַ גוט־נאַכט? וואָס האָט ער מיר געטאָן, אַז איך זאָל זיך מיט אים אַזוי אויפפירן ? איך וויל אים מאַכן אייפער־זיכטיק, אָבער קעגן וועמען? מילא, וואָלט איך געגאַנגען מיט נאָך אַ בחור, און גיי מיט יענעם אַוועק, וואָלט איך געקענט זאָגן איך וועל אים מאַכן אייפערזיכטיק. אָבער אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרווען, האָב איך גענומען העטנט און פיס און אים געלאָזן שטיין און אַוועק. בין איך ניט משוגע? האָב איך ניט פאַרלאָרן קאָנטראָל איבער זיך? וואָס איז מיט מיר געוואָרן? ער וועט דאָך מיר ניט פאַרגעבן!.. ער איז אַ שטאָלצער און איינגעשפּאַרטער... אַז ער האָט געקאָנט ריידן פון שפּאַצירן מיט מיר און איז אַוועק מיט דער קליינער מויז ! האָט ער געמאַגט מיך באַליידיקן פאַר אַלעמען? אַלע האָבן שפּאַס געמאַכט פון מיר... זי האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט:—וואָרום קומט עס מיר אַזוי? וואָרום זאָל מיין ערשטער אויפבלי אין מיין האַרץ זיין אַזוי ווייטאָגדיק?...

אַזוי פאַרחלשט איז זי געלעגן פון פאַרצווייפלונג, ביז די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט און זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ברוך איז אָפּגעשלאָפן עטלעכע שעה און ער האָט שוין מער ניט געקענט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט פון פעסלען. אים איז אַזוי גוט צו טראַכטן פון איר... אָבער אים שרעקט... וואָרום ציטערט ער פאַר איר?... קיין פרוי האָט אים ניט געמאַכט אַזוי זיין באַשיידן אין איר נאָענטקייט. ער וואָלט וועלן זי גלעטן,

דריקן זיך צו איר, זיין נאָענט צו איר, דאָס גאָר. ער האָט גאָר קיין געשלעכט־לעכן פאַרלאַנג ניט פאַר איר. עפּעס ער דענקט גאַרניט פון דעם! ער זעט נאָר שיינקייט אין איר. עפּעס אין אַ מאָדנער וועלט האָט זי אים אַריינגעוואָרפן!.. אין אַ הינער־פלעט!... — געוואַלד, איך האָב דאָך אַזוי פיל געליטן פון מיינע ליבעס... אָבער יענע זיינען געווען שטורעם־ליבעס... דונערן, בליצן, ווינטן!... איר זע איך, ווי אויף אַ פּורפּל־וואָלקן, פליען, פליען... איך בענק נאָך איר מיט אַ געטלעכע ציטערקייט. ווי אַ זייל ליכט איז זי פאַר מיר דערשינען, ווי אַ בליץ אין אַ פאַרכמאַרעטן הימל. גאָט, וואָרום טוסטו מיט מיר אַזוי אימער... ניין! ניט אַזוי אימער. היינט איז גאָר אַנדערש, ניט ווי אימער!... דער הימל האָט דאָס גאַנצע ליכט פון איר אויף מיר אויסגעגאָסן... אָך, אירע גרויסע פאַרחלומטע אויגן... גאָט אין הימל, ווען איך בין בכוח דאָס אויסצודריקן! מיין קאָפּ אַרבעט ניט, איך זאָל דאָס קאָנען קאָפּירן אויפן פּאַפּיר.

ער האָט אָנגענומען מוט און אין דער פינסטער געדרייט מיט אַ בליישטיפט אויף אַ העפט, ניט וויסנדיק צי די ווערטער וועלן זיך אויסמישן, צי די שורות וועלן ניט אַרויף איינע אויף די אַנדערע. האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד: אַ סאָנעט! אין די פערצן שורות האָט ער זיין האַרץ אַוועקגעלייגט פאַר איר, אויף דעם טעלער פון זיין לעבן. ער האָט גאַרניט געקענט גלויבן, ווי די ווערטער האָבן זיך אַזוי פּאָעטיש געפלאָכטן. ער האָט איבערלייענען נאָך אַמאָל ניט געקענט, ווייל ס'איז געווען פינסטער. אָנציינדן פייער האָט ער ניט געוואָלט. נאָר ער האָט געפילט, אַז דאָס איז אַ וואונדערבאַרע ליד; אַז דאָס וועט איר געבן מער ווי אַ בריוו. נאָר אַ פּאָר ווערטער צו דעם ליד וועט זיין גענוג... צופרידן איז ברוך ווידער איינגעשלאָפן...

## שיער ניט פאַרלאָרן זיין שטעלע

צומאָרגנס האָט ברוך זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן זייגער אַז ס'איז שפּעט! איר ער אַזש אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער און האָט זיך גיך אָנגעטאָן, איז אַרויס פון טיר ווי אַ ווינט! ער איז געקומען צו דער אַרבעט טאָקע שפּעט. דער אינסטרוקטאָר האָט אים אַ רוף געטאָן מיטן פינגער און אַריינגערופן אין קאָנטאָר:

— איר ווייסט, גאָספּאָדין אָרקין, די שטרענגקייט פון אָפּהיטן די צייט איז גוואַלדיק נויטיק, גוואַלדיק וויכטיק? ס'איז ניט די עטלעכע מינוטן וואָס איר פאַרשווענדט, איז ניט ביי אונדז די ווערדע, ניין! נאָר די פּינקטלעכקייט! ווען מיר זאָלן לאָזן איינעם טאָן, וועלן אַנדערע דאָס נאָכטאָן. אויך ווען מען באַשטראָפט אייך ניט פאַר ניט פּינקטלעכקייט, וועט איר דאָס אויך אַ צווייטן מאָל טאָן. וואָס האָט איר צו ענטפערן, גאָספּאָדין אָרקין? — האָט ער אויסגעבויגן דעם קאָפּ אויף אים.

ברוך איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער אינ־סטרוקטאָר זאָל אים גאָר אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. ער איז געשטאַנען אַ פאַר־אַבלטער. פּלוצים איז אַריין דער מייסטער אין קאָנטאָר.

— גאָספּאָדין מייסטער — האָט דער אינסטרוקטאָר געזאָגט צו אים — גאָס־פּאָדין אָרקין איז געקומען צוואָנציק מינוט שפּעט! וואָס זאָל איך טאָן מיט אים? אָפּזאָגן אים? אָדער וואָס?...

— אָ, ניין! ער איז איינער פון די בעסטע בעל־מלאָכות ביי אונדז — גאָספּאָדין

אינסטרוקטאָר, ער איז אי גוט, אין גיך; ער איז אַ קינסטלער, זאָג איך אייך! ער האָט גאָלדענע הענט!

— אָבער דיסציפּלין—האָט דער אינסטרוקטאָר געזאָגט. ס'האָט געפעלט אין אים די דייטשע פּינקטלעכקייט!...

— אָבער וואָרום פרעגט איר ניט, פאַרוואָס ער איז געקומען שפּעט, גאַס־פּאַדין אינסטרוקטאָר?

דער אינסטרוקטאָר האָט דורכגעקאַמט מיט זיינע פינגער זיין דייטשע פּיר־קאַנטיקע רויטע באָרד, האָט אָנגעקוקט ברוכן און זיך אָפּגערופן:

— נו, גאָספּאַדין אָרקין, איר האָט געהערט וואָס דער מייסטער האָט געזאָגט? וואָס האָט געטראָפן?—און האָט טיף אַ צי געטאָן זיין לאַנגן פּאַפּיראָס און אַרויס־געלאָזן אַ געדיכטן ווייסן וואָלקן רויך.—זאָגט, וואָרום זייט איר געקומען שפּעט?

ברוך האָט פלינק גענומען בויען אַ סברא און אַ זאָג געטאָן אין אַ פאַר־צויגענעם טאָן:

— איך האָב היינט גאָרניט געקענט קומען. איך האָב אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג און אַ דרייעניש אין בויך. אָבער איך ווייס אַז מען דאַרף זיך צואיילן צו דער אויסשטעלונג, מען דאַרף פאַרענדיקן די אַרבעט, בין איך פּשוט קוים דער־גאַנגען אַהער...— האָט ער ווי אין אַנגסט זיך געהאַלטן פאַרן בויך.

— האָט איר געדאַרפט זיצן אָדער ליגן אין בעט, אָדער גיין צום דאָקטאָר— האָט שוין ווייך דער אינסטרוקטאָר געזאָגט.—איך ראָט אייך גיין צום דאָקטאָר, גאָספּאָדין אָרקין. ווי זאָגט איר, גאָספּאַדין מייסטער? האַ, ניט אַזוי?...

— איר האָט דאָך געהערט וואָס גאָספּאַדין אָרקין האָט געזאָגט, מיר דאַרפן וואָס גיכער פאַרענדיקן די מעבל פאַר דער אויסשטעלונג. דערפאַר איז ער גע־קומען, הגם ער איז ניט אין בעסטן געזונט. זאָל ער אַרבעטן, אפשר וועט דאָס אים בעסער טאָן, אפשר וועלן די באַוועגונגען טאָן בעסער ווי דער דאָקטאָר—האָט דער מייסטער געזאָגט.—ווי זאָגט איר, גאָספּאַדין אָרקין?..

דער אינסטרוקטאָר האָט זיך ווידער געקעמט זיין רויטע באָרד און גע־בורטשעט צו זיך:—„כאַראָשאָ", שטעלט זיך אַרבעטן. אָבער געדענקט, איך האָב ליב פּינקטלעכקייט. איר מוזט זיך שטעלן אין צייט ביי דער אַרבעט!...

ברוך האָט באַדאַנקט דעם אינסטרוקטאָר און דעם מייסטער און איז אַוועק צו זיין אַרבעט. ער האָט זיך אַליין געלויבט פאַר זיין גוטן איינפאַל און זיך אַרויסגעדרייט פון אַ צרה. יענעם טאָג האָט ברוך ווירקלעך געטאָן אַ סך אַרבעט. דער מייסטער האָט געזען ווי ברוך אַרבעט שווער, איז ער צו צו אים:

— ניט איבערגעאַרבעט זיך. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אים, מיט זיינע קלוגע, גוטע אויגן. כאָטש ער איז געווען אַ פּאָליאַק, אַן אַנטיסעמיט, האָט ער זייער געגליכן ברוכן פאַר זיין גוטער אַרבעט. — ניט געכאַפּט! וועט נעמען נאָך אַ טאָג! איר פילט ניט גוט! פילט איר בעסער איצט?...

— יאָ, איך פיל בעסער, ווען איך אַרבעט—האָט ברוך געזאָגט.—די באַ־וועגונגען מאַכן מיר פילן בעסער, גאָספּאַדין מייסטער! און אין זיך האָט ער געטראַכט: אַ דאַנק דיר, האָסט מיך געראַטעוועט!..

— „כאַראָשאָ"—האָט דער מייסטער געזאָגט און איז פון אים אַוועק מיט צופרידענע אויגן.

ברוך האָט ניט געפילט ווי ער אַרבעט גיך. ער איז געווען פאַרנומען אין די געדאַנקען מיט פּעסלען. די אַרבעט האָט געאַרבעט פאַר זיך אַליין, ווי ער וואָלט אַ מאַשין געווען. ער האָט געפּאָליטורט אַ בופעט, וואָס ער האָט זייער גע־

ליבט זיין פּאַסאַן און די אינקרוסטאַציע פון די „פּאַניר.״ (פּילע קאַלירן אויסשניטן פון אַלערליי דינע האָלצן, וואָס מ׳רופט „פּאַניר,״ אָדער אין ענגליש: „וואַניר״). ער האָט געהאָפט, אַז פאַר דער שטיק אַרבעט וועט ער קענען זיך דערהויבן צו אַ נאָמען, און אויף דער אויסשטעלונג וועט מען קריגן אַ מעדאַל פאַר דעם בופעט! אַך וואָלט ער איצט וועלן עפּעס אויפטאָן, אַז פּעסל זאָל פון אים טראַכטן און לויבן.

פּעסל איז אים די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר די אויגן. דער דענקענדער ברוך האָט זיך גאָרניט געקענט פאַרשטעלן, ווי האָט ער זיך ניט קעגנגעשטעלט דעם אינסטרוקטאָר? נאָר איין זאַך האָט אים אָפּגעהאַלטן: פּעסל!... ער האָט געוואוסט אַז ער איז דאָ אַן עלנטער. זוכן אַרבעט אין אַ פּלאַץ וואו מען אַרבעט די געוויינטלעכע אַרבעט, האָט ער ניט געוואָלט. עס האָט אים געשמעקט דאָס טייערע, גוטע מעבל, פון טייערן, רויטן און אַפילו שוואַרצן האָלץ, וואָס מען צאָלט אומגלויבלעכע פּרייזן. נאָר די רייכסטע פּלעגן באַשטעלן זייערע מעבל דאָרטן. טויזנט רובל האָט מען באַצאָלט פאַרן בופעט, מיט זילבערנע הענטלעך און שלעסער זאַוועסעס, מיט דריי גילדערנע שליסלעך. ער האָט איצט אַלעס געליבט. די וועלט האָט אין זיינע אויערן געזונגען מיט די שענסטע מוזיק: פּעסל!...

ברוך האָט ניט געפילט ווי דער טאָג איז אַוועק. פאַרן אַוועקגיין האָט אים דער אינסטרוקטאָר אַריינגערופן און געזאָגט:

— אויב אייער אַרבעט וועט געווינען דעם מעדאַל, וועט איר, גאָספּאָדין אַרקין, געווינען אַ געהעכערטן געהאַלט. איר זייט אַ גוטער מעכאַניק. דער מייסטער האַלט פון אייך זייער, זייער שטאַרק!

ברוך האָט אים באַדאַנקט און גענומען דעם גוטן, לאַנגן „טולפּאַן״־פּאַפּיראָס וואָס דער אינסטרוקטאָר האָט אים געגעבן, און איז אַוועק.

זיצנדיק אין רעסטאָראַן האָט ברוך דערזען איינעם, וואָס האָט אויסגעקוקט, אַז ער האַלט אין נאָכקוקן אים. ברוך האָט זיך געמאַכט, אַז ער קוקט זיך ניט אַרום. דאָך איז ברוך גאַנץ גיך זיך אַרויסגערוקט, ווען עטלעכע האָבן אים פאַרשטעלט. אים איז אויסגעקומען פאַרדעכטיק, וואָס האָט דער מאַן נאָר געהאַלטן אין איין קוקן אויף אים? ברוך איז געגאַנגען אין אַנאַנדער פּלאַץ עסן. ער האָט פאַרגעסן פון דעם מאַן וואָס האָט אויף אים געקוקט און האָט מער געטראַכט וואָס איז היינט פאַרגעקומען. אַ דאַנק דעם מייסטער האָט ער די שטעלע, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו אַרבעטן. ער האָט אַדורכגעלאָזן די גאַסן, וואו ער האָט באַזוכט דעם ערשטן רעסטאָראַן. ער האָט אָנגעלייגט נאָך אַ פּאָר גאַסן און איז צוריקגעקומען אין שולע, וואו ער האָט זיך געלערנט אין די אָוונט־קורסן.

ברוך האָט אָפּגעצייכנט אַן אייגענעם פּאַסאַן פאַר אַ בופעט, וואָס ס׳איז אים אַריין אין דמיון. אין די צוויי שעה וואָס ער לערנט זיך אין קלאַס, האָט ער פּשוט געמאַכט אַ קליינע קייט פון עטלעכע הייזלעך, שטיבלעך, וואָס ער האָט איינגעשטעלט ווי עטאַזשן, איינע אויף די אַנדערע, מיט פיינע שניצונגען אין די טירלעך פון בופעט. דער אינטרוקטאָר איז צו צו אים פרעגן, ווי ער פילט? האָט ער באַמערקט די צייכענונג. ער איז פּשוט נתפּעל געוואָרן! הגם ס׳איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט:

— וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער געדאַנק? וואָס פאַר אַ פּאַסאַן?—האָט דער אינסטרוקטאָר געזאָגט, און האָט זיך געשטעלט פון אַ זייט באַטראַכטן די קאָנסטרוקציע פון דעם איינפאַל. ער איז געשטאַנען און געקוקט, ווי ברוך אַרבעט און געשמאַקטשעט מיט די ליפּן פון באַגייסטערונג און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ פון אַנטציקונג. דער אינזשינער פון קלאַס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים דער אינסטרוק־

טאָר אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל, אָן ווערטער האָט ער אים געהאַלטן, געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף ברוכס צייכענונג. די צייכענונג איז געווען אין פולן גרויס פון בופעט און אונטן אין קליינעם פאָרמאַט, אין פולן אויסקוק, ווי ס'וועט אויסקוקן פאַרטיקערהייט. ס'איז געווען אַזאַ שיין קליין קייט פון הייזלעך מיט דעכלעך פענסטער און טירן און אַלע האָבן געבראַכט נוצן; יעדע פענסטער האָט זיך געעפנט, און קליינע פאַלעצקעס פאַר געווייסן גלעזער און קאָלירטע אַנטיקן פאַר זילבערוואַרג, פּלעשער און טעלער. דער אינזשעניר איז אויך נשתומם געוואָרן און אַ זאָג געטאָן:

— זאָל ער דאָס ענדיקן פאַר דער אויסשטעלונג. זיין באַסאָווע שטימע האָט פאַרקלונגען דעם גרויסן קלאַס־זאַל. פילע פון די סטודענטן זיינען אויך צוגעקומען. מ'האָט אַלע באַוואונדערט דאָס קליינע צייכענונג נאָר אין אויסקוק. דער אינסטרוקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געוואונקען צו די סטודענטן, אַז דאָס איז אַ קונסט־אַרבעט, האָט ער געמאַכט מיט די הענט, אָן אַ וואָרט, נאָר מיט די ליפּן. דער אינזשינער האָט ברוכן פון פריער ניט געקאָנט. ער האָט אים איצט ניט אָפּגעלאָזן און ווידער מיט זיין באַריטאָן־שטימע זיך געווענדעט צו ברוכן:—

— ווי לאַנג אַרבעט איר אויף דעם געדאַנק, יונגערמאַן?

— צוויי שעה—האָט ברוך פּשוט געענטפערט.—צוויי שעה—און האָט זיך געריבן זיינע פאַרגאַסענע אויגן.

— און איר האָט דאָס געמאַכט אין צוויי שעה, מיינט איר צו זאָגן? זיין גרויסער גוף האָט זיך אַ וויג געטאָן און נערוועז האָט ער געטרייסלט מיט זיין לייבן־קאָפּ און גערעדט צו זיך:—ס'איז דאָך אַ קונסט־אַרבעט! דער יונגערמאַן איז דאָך אַ קינסטלער; זעט די פיגורן, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט אויף איין בופעט. ווי קען מען דאָס מאַכן אין צוויי שעה? — האָט ער געשאָקלטן אַלץ דעם גרויסן קאָפּ פון התפּעלות.

— דאָס איז נאָר אָנגעוואָרפן—האָט ברוך געזאָגט.—וואַרט, איר וועט ערשט זען ווען איך וועל דאָס אויסרייניקן! אָנגעבן קאָלירן, פאַרב; ווי ס'וועט אויסקוקן פאַרטיקערהייט, ווען איך וועל מאַכן די פולע גרויסע צייכענונג פאַר דער אויס־אַרבעטונג, דאַן, גאַספּאַדין אינזשעניר, וואָלט איך וועלן הערן אייער מיינונג?!... דאַן, גאַספּאַדין אינזשעניר קלעבאַנאָוו, וועט זיין וואָס צו זען!...

—ווי לאַנג, דענקט איר, וועט אייך נעמען דאָס צו שאַפן?—האָט דער אינזשעניר געפרעגט.

— אָ, אין עטלעכע אָוונטן. ווען איך וואָלט געקענט אַרבעטן בייטאָג, וואָלט נאָך בעסער, אפשר, געטאָן געוואָרן, ווייל מיין ראיה איז שוואַך ביינאַכט, וואָלט איך דאָס זיכער געקענט האָבן פאַר דער אויסשטעלונג! יאָ, זיכער!...

— וואָס איז מיט אייער ראיה?—האָט אים געפרעגט דער אינזשעניר, און געקוקט אים אין די אויגן.

— איך ווייס ניט. ס'ווערט פאַרגאָסן און איך מוז אויפהויבן די אויגן אַלע ווײַלע, כדי צו קריגן פריש מיין ראיה... ס'איז אַזוי פון מיין קינדהייט אָן!—האָט ער זיך געריבן די אויגן.

— הער אינסטרוקטאָר—האָט דער אינזשעניר זיך געווענדעט צום אינסטרוקטאָר—דענקט איר, אַז איר וואָלט אים געקאָנט אָפּלאָזן פאַר אַ טאָג? ער זאָל דאָס ענדיקן צו דער אויסשטעלונג. דאָס איז אַן אָריגינעלער געדאַנק און ס'קאָן זיין מיר זאָלן אַריינקריגן באַשטעלונגען פאַרן בופעט! ס'אַ וואונדערבאַרע שטיק אַרבעט—האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ פון אַנטציקונג.

— ער דאַרף נאָך פאַרענדיקן וואָס ער אַרבעט אויף אַ בופעט — האָט דער אינסטרוקטאָר געזאָגט — נאָר, וואַרט — האָט ער ווידער געזאָגט — איך קאָן אימעצן געבן צו פאַרענדיקן זיין בופעט. יאָ, איך קאָן דאָס טאָן!...

— אָ, ניין! — האָט ברוך געזאָגט — ניין, איך וויל דאָס ניט! איך וויל אַליין ענדיקן דעם בופעט. כ'וויל ניט, אַז אימעצער זאָל זאָגן, ער האָט מיר געהאָלפן! איך קען אַרבעטן עטלעכע שעה יעדע נאַכט, וואָס איך וועל פאַרנוצן בייטאָג די צייט פאַרן צייכנונג.

— גוט, האָט געזאָגט דער אינסטרוקטאָר — אויב איר ווילט?! אויסגעצייכנט!

פון דאַן אָן האָבן אַלע גערעדט פון ברודס נייעם צייכנונג, וואָס וועט געשיקט ווערן אויף דער אויסשטעלונג, אויף דער גרויסער „וויסטאַוועק" פון „ווערקשאַפט און שול"...

## ברוך דערקלערט זיך אין ליבע מיט אַ סאָנעט

ברוך האָט אָנגעשריבן זיין ליד מיט אַ קליין בריוועלע צו פעסלען, אַז ער וויל אַן ענטפער. אויב אָבער זי אַנטזאָגט אים, בעט ער איר, זי זאָל פאַר קיינעם זיך ניט באַרימען, אַז ער האָט זיך דערקלערט איר אין ליבע...

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען דער ענטפער, אַז זי נעמט אָן זיין פאָרשלאָג. זי וועט זיך טרעפן מיט אים אין דעם פּלאַץ, וואו ער וויל זי זאָל זיין...

ברוך האָט איר געשריבן, אַז ער וויל זיך מיט איר טרעפן אין אַ שטילן געסל, וואו ס'גייען זייער ווייניק מענטשן דאָרט. ער האָט געוואָלט בלייבן מיט איר אויג אויף אויג. זיין גליק זאָל זיין מיט אים אַליין, מיט זייביידן. די נאַכט איז געווען אַזאַ קאַלטע. אַ שניי און אַ ווינט האָט געריסן שטיקער. ברוך איז געווען אויפן פּלאַץ. פעסל האָט זיך פאַרזאַמט און איז געקומען אַ האַלבע שעה שפּעטער. ברוך איז געווען אויסער זיך. ער האָט ניט געקענט איבערטראַכטן: אפשר האָט זי געביטן איר באַשלוס? אָדער האָט עפּעס מיט איר געטראָפן? די קעלט האָט זיך אַריינגעשניטן אין זיינע ביינער. ער האָט באַשלאָסן שטיין נאָך אַ האַלבע שעה דאַן ערשט וועט ער אַוועקגיין. ער איז געגאַנגען הין און צוריק, ווי אַ ווילדע חיה. ער וואָלט איצט אימיצן צעריסן, ווען מען פאַרטשעפּעט זיך מיט אים. יעדע מינוט האָט זיך געצויגן ווי אַ שעה. פּלוצים האָט ער פון וויטן דערזען אימיצן אָנקומען. ער האָט דערקענט פעסלען, נאָך איר געלן מאַנטל. זי איז צוגעקומען פאַמעלעך, פאַרשעמט, און האָט זיך געשטעלט לעבן זיין זייט.

ער האָט זיך אָפּגערופן:

— איך האָב ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן, און די קעלט איז אַזאַ עסנדיקע — האָט ער געזאָגט. ער האָט זי גענומען אין אָרעם און זיי האָבן גענומען גיין טיפער, אַ ווינקל צו געפינען, וואו זיך אַביסל צו צוזעצן.

— איז אייך קאַלט, פעסל?

— אַביסל, האָט זי געזאָגט פאַרשעמט.

ברוך האָט איר געפרעגט צי זי פאַרשטייט זייער צוזאַמענטרעפן זיך איצט.

— נו, געוויס פאַרשטייט זי, האָט זי געענטפערט. ווארום ניט? וואָס וואָלט זי דאָ געקומען?

ברוך האָט איר דערציילט פון אַלע זיינע ערשטע ליבעס, ווי ער איז געקומען אַהער, אָבער, ווי ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, האָט ער אָן זיי אַלעמען פאַר־געסן! אַז זי איז די איינציקע, וואָס ער האָט ליב פאַר אַ ווייב! ער האָט איר גע־

פרעגט, צי זי האָט אויך אים באַגעגנט אין דער זעלבער צייט מיט קעגנזייטיקער ליבע. זי האָט אים געזאָגט, אַז ווי זי האָט אים דערזען, האָט זי אים געוואָלט. ער איז איר גלייך געפעלן געוואָרן. זי האָט פּשוט געוואָלט צוגיין צו אים און זאָגן, אַז זי ליבט אים. איר האָט נאָר אָפּגעהאַלטן, ווייל זי איז אַ מיידל. אַ מיידל איז שווער זיך צו דערקלערן פאַר אַ בחור. ער וועט פאַר איר ניט האָבן קיין רעספּעקט! אָבער זי טראַכט פון אים זינט זי האָט אים די ערשטע נאַכט דאָן דערזען. זי איז געווען גליקלעך ווען זי האָט זיין בריוול מיטן ליד דערהאַלטן.

— שרייבט איר שוין לאַנג ? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך שרייב זינט איך בין אַ קינד פון אַכט יאָר אַלט געווען.

— ס'איז אַ וואונדערבאַר ליד. פאַר דאָס ליד אַליין דאַרף מען זיך אין אייך איינליבן.

— איך וויל ניט פאַר אַ ליד, האָט ער געזאָגט מיט אַ שפּאַס—איך וויל פאַר זיך אַליין, אין מיר!...

— נאַרישקייטן—האָט זי פאַרשעמט געלאַכט—געוויס אין אייך!... וואָס דען, אין ליד?!

זיי האָבן זיך געשוואָרן אייביקע ליבע, ווי אין די ראָמאַנען, ווי אין די לידער, ווי פּאָעטן באַזינגען...

— ער האָט זי צוגעצויגן צו זיך און האָט איר אַ לאַנגן קוש געגעבן. זי איז געשטאַנען מיטן קאָפּ געבויגן און אים ניט געקענט קוקן אין די אויגן. ער האָט זי נאָכאַמאָל צוגעצויגן צו זיך און זי ווידער געקושט. דאָס מאָל האָט זי אים גע־ענטפערט מיט קושן און זיך געטוליעט צו אים. זיי האָבן באַשלאָסן אַז זיי זאָלן זיך „יירצן" פאַר אַ ביסל צייט, ביז מ'וועט זיך שוין אַנשטויסן אַז זיי זיינען פאַר־לאָבט.

גייענדיק אַהיים האָט ער זי געהאַלטן אין טאַליע און געדריקט זי צו זיך. זיי זיינען ביידע געגאַנגען אין זייער אייגענער וועלט. קיינער איז זיי ניט אַנגעגאַנ־גען. ביידע, אַן ווערטער, האָבן געשפּאַנט אין אַ וועלט פון ליבע און חלומות...

שפּעט אין דער נאַכט האָט איר ברוך אָפּגעפירט אַהיים און מיט הייסע קושן איר געוואונטשן אַ זיסע נאַכט.

## ברוכס צייכענונג ווערט אָנערקענט

ס'איז געווען די אויסשטעלונג אַ גרויסער דערפאָלג. שוין דריי וואָכן ווי די אויסשטעלונג האָט זיך געצויגן. אַלע האָבן באַוואונדערט זיין פּאַסאַן פון דעם בופעט. אָבער קיין באַשטעלונגען זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן. ברוך האָט זיך געערגערט. נאָך איין וואָך איז געבליבן, אָבער אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין צייכענונג, אפילו מאָלער האָבן געלויבט זיין וואונדערבאַרן איינפאַל. פילע האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז וואונדערבאַר, אַ קונסט־ווערק!...

ס'איז געווען די לעצטע צוויי טעג פון דער אויסשטעלונג: שבת און זונטיק. איז צוגעקומען אַן אָפּיצער מיט אַ פרוי און האָבן גערופן דעם פאַרוואַלטער. דער אינסטרוקטאָר האָט זיי באַגעגנט, ווי אַ דייטש, האָט ער זיך פאַרנייגט, און זיך פאַרגעשטעלט: — מיט וואָס קאָן איך מיינע הערן דינען ?

— מיר וואָלטן וועלן באַשטעלן אָט־דעם בופעט. מיין ווייב האָט שוין מיט עטלעכע וואָכן צוריק געוואָלט איך זאָל דאָס באַשטעלן, נאָר ס'איז ניט אויסגעקומען צו קומען אַהער. אַלזאָ, וואָס קאָסט אַזאַ שטיק מעבל?—האָט ער ווי אין איילעניש

געוואָלט באַשטעלן און אַוועק, אַזוי האָט עס אויסגעקוקט לויט זיינע געאיילטע רייד.

— ס'ווענדט זיך, מיין הער, וואָס פאַר אַ האָלץ זיי ווילן.

— דאָס בעסטע, מיין הער — האָט ער זיי געזאָגט — זיי זאָלן קומען אין זיין קאַנטאָר און זיי וועלן פאַרהאַנדלען. ער האָט אַ רוף געטאָן אַ דראָשקע, און זיי זיינען גלייך אָפּגעפאָרן אין זיין קאַנטאָר. ער האָט זיי אַריינגענומען אין „מאַסטער־סקאַיע" (ווערקשטאַט). ער האָט זיי באַוויזן אַלערליי סאָרטן האָלץ, זילבערנע זאַוועסעס, און מען קאָן אויך האָבן גילדערנע קליאַמקעס און שליסלען.

דער אָפּיצער האָט געענטפערט: — דאָס בעסטע! זאָל זיין מיט גאָלד און זילי־בער; דאָס בעסטע רויטע האָלץ, מיט די פיינסטע באַפּוצונגען, מיט די פיגורן, וואָס זיינען כמעט אמתע סקולפּטורן; אַלץ געמאַכט פון פיינעם שוואַרצן האָלץ!...

דער אינסטרוקטאָר האָט עס אַלעס אויסגערעכנט, דערלאַנגט דעם חשבון:

— צוויי טויזנט פינף הונדערט רובל!... — האָט ער מיט פאַרזשמורעטע אויגן פאַרגנבעט געקוקט אויפן אָפּיצער, צו הערן אַן ענטפער, וואָס פאַר העוויות ער וועט מאַכן.

— ווי לאַנג וועט עס נעמען דאָס פאַרטיק צו מאַכן? — האָט דער אָפּיצער געפרעגט. — מיין ווייב איז אומגעדולדיק עס צו האָבן!... זי איז פשוט פאַרליבט אין דעם פאַסאָן! ...

— אַרום דריי־פיר חדשים — אויב מיר וועלן זיך צואיילן!..

— אַזוי לאַנג דאַרף עס נעמען? — האָט דער אָפּיצער פאַרוואונדערט גע־פרעגט. — אַזוי לאַנג?!...

— מיין הער — האָט דער אינסטרוקטאָר געזאָגט — ווען דאָס וואָלט געווען ניט אין איילעניש, וואָלט איין מעכאַניקער געאַרבעט אויף דעם אַ פולן יאָר! נאָר אַזוי ווי איר ווילט עס האָבן אין געאייל, וועלן פיר אָדער פינף אַרבעטער דאַרפן אַרבעטן; דענק איך, אַז פאַר דריי חדשים וועט עס פאַרטיק ווערן, אַזוי גלויב איך! ...

— גוט! — האָט די שיינע דאַמע געזאָגט צום אָפּיצער — ס'וועט אויסקומען פונקט צו אונדזער באַל, וואָס מיר גייען דאַן האָבן. געדענקט איר, מיין טייערער? געדענקט איר?!...

— אָ, יאָ — האָט ער ווי דערמאָנט זיך! נו, גוט! אָט האָט איר האַנט־געלט — האָט ער אַרויסגענומען צוויי פינף־הונדערט־רובלדיקע און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. — מאַכט מיר אויס אַ קוויטאַנציע (קבלה, רעסיט) און זאָל מיר דאָס זיין צו גליק! ...

— א ו נ ד ז צום גליק! — האָט די דאַמע קאָקעטירט! — אונדז צום גליק! — און האָט אים אַ קוש געטאָן!

— נו, געוויס, אונדז צום גליק — האָט ער זיך פאַרענטפערט פאַר איר. אַנט־שולדיקט, טייערע.

דער אינסטרוקטאָר איז געווען אין הימל פאַר פרייד, פשוט אויסער זיך! ער האָט אויסגעמאַכט דעם פרייז, די האַנטגעלט, און ביים געזעגענען זיך, אַ קוש געטאָן די האַנט פון דער דאַמע, און איר קאָמפּלימענטן געמאַכט פאַרן גוטן געשמאַק פון בופעט.

— הויבט אָן מאָרגן אַרבעטן — האָט זי געזאָגט פאַרן אַרויסגיין — וועט איר דאָס טאָן?...

— באַשטימט — האָט דער אינסטרוקטאָר זיך פאַרנייגט — און די דראָשקע

וועט אייך פירן וואו איר וועט נאָר וועלן, אַפילו אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן דעם פּורמאַן פאַרזאָגט אַז מיר וועלן באַצאָלן!

— ניט נויטיק געווען—האָט דער אָפּיצער געזאָגט—נאָר אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק! און זיי זיינען אַרויס מיט גיכע געאיילטע טריט.

דער אינסטרוקטאָר איז צו צום שפּיגל און געוויזן צו זיך אַליין אין שפּיגל די פינף־הונדערטערס. ער האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן פאַר שמחה און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין גראָבן בייכל. אַ באַשטעלונג פון דער וואונדערבאַרער צייכנונג!.. אַך, וועט דאָס מאַכן אַ רושם!...

## דער אינסטרוקטאָר זאָגט אָן די נייעס ברוכן

דער אינסטרוקטאָר האָט אויפגעזוכט ברוכן אויף דער אויסטעלונג און האָט אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז פון זיין פּאַסאַן האָט מען אָנגענומען אַ באַשטעלונג! ברוך איז דאַן אָנגעקומען מיט פעסלען, ווען דער אינסטרוקטאָר האָט אים אָנגעזאָגט די נייעס. ברוך האָט פאַר פרייד צוגעדריקט פעסלען צו זיך און האָט זי אַ קוש געטאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן. פעסל האָט זיך אויך גע־פרייט, וואָס ברוכס צייכענונג האָט געוואונען אַ באַשטעלונג. דאָס האָט געמיינט אַ בעסערן געהאַלט און אַ גרינגערן אַרט אין ווערקשטאַט. ברוך האָט ניט געזוכט קיין גרינגערן אַרט, ער האָט ליב געהאַט די מלאכה. אָבער אים האָט געפרייט דאָס גרעסערע פאַרדינסט, וואָס איצט דאַרף ער מער האָבן צוליב פעסלען... און אפשר אַן אונטערמייסטער?... ברוך האָט ניט געזוכט קיין העכערע שטעלע, ווייל ער האָט געוואָלט אַרבעטן מיט די אייגענע הענט. און דער אינסטרוקטאָר האָט אים טאַקע אויפן אָרט געזאָגט, אַז די סקולפּטורן, די פיגורן, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט, וועט ער אַליין דאַרפן אויסשניצן. דאָס האָט אים יאָ הנאה געטאָן, ווייל דאָרט איז געווען קונסט, און אפשר וועט ער ענדערן די אָדער אַן אַנדער פיגור?

ברוך און פעסל גייען אויף זייטיקע גאַסן, ניט אויף וועלכע זיי האָבן דער־וואַרטעט צו טרעפן פריינט און באַקאַנטע. ברוך האָט אַפילו געפירט אַ סטרייק, נאָר אינקאָגניטאָ! ניט אונטער זיין נאָמען. דאָס האָט נאָר געוואוסט דער פירער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, ווער ער איז. ער האָט זיין באַקאַנטשאַפט געהאַט פון פירן סטרייקס פון האָמליע נאָך, וואו ער האָט ניט נאָר געפירט די סטרייקס פון די סטאָליאַרעס, נאָר אויך פון שוסטער־פאַך. ער האָט געגעבן עצות און אַלע זיינע עצות האָבן די בעסטע פרוכט געבראַכט. דער זאַקן־שטריקער סטרייק האָט זיך געצויגן פאַר פילע חדשים, און עס האָט כמעט געהאַלטן אין פאַרלאָרן גיין. ביז דער פירער האָט זיך באַקאַנט מיט ברוכן, דורך אַ צופאַל, און ער האָט אים מיט ראַט געראַטעוועט דעם סטרייק; ברוך איז אַפילו ניט געווען ביים „סעטלען" דעם סטרייק מיט די פאַבריקאַנטן.

אָבער נאָכן סטרייק האָט אים אימיצער באַמערקט און ער האָט געהאַלטן ביים אַרעסטירט ווערן. ברוך מיט זיין חוש פלעגט גלייך דערשפּירן אַ שפּיאָן! ווי ער איז נאָר אַריין אויף זיין קוואַרטיר, האָט אים די באַלעבאָסטע דערלאַנגט אַ בריוו פון זיינע עלטערן. ווי ער האָט נאָר דעם בריוו געעפנט, האָט ער גלייך דער באַלעבאָסטע געבעטן: אויב אימיצער וועט פרעגן וועגן אים, זאָל זי זאָגן, ער וואוינט שוין לאַנג ניט מער דאָרטן! און זי ווייסט ניט וואו ער איז. יאָ, זי זאָל זאָגן, אַז ער איז, דאַכט זיך, אָפּגעפאָרן פון שטאָט. ער האָט איר דערלאַנגט עטלעכע

רובל,—דאָס וועט זיין ביז איר וועט קריגן אַנאַנדער „קוואַרטיראַנט”. אַפילו מיין חבר, וואָס איז מיט מיר אויפן קוואַרטיר, גריגאָראָוויטשן, זאָלט איר זאָגן, אַז איך בין פלוצים אָפּגעפּאָרן. איך בין ניט קיין גנב! ניט פאַר גנבה באַהאַלט איך זיך! — האָט ער געזאָגט... גלויבט דאָס מיר! איר קענט דאָך שוין מיר?... און צוזאַמענ־געקליבן אין דער גיך וואָס ער האָט געקאָנט פאַרנעמען און מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט האָט ער איר ווידער פאַרזאָגט.

— איך פאַרשטיי, ברוך—האָט זי געזאָגט—אַז ניט פאַר גנבה היט איר זיך. זאָל אייך גאָט אויסהיטן! איר זייט מיר טייער ווי אַ קינד... ווי אַ קינד זייט איר ביי מיר געווען!...—האָט זי אַ וויש געטאָן די אויגן.

ברוך איז ניט געשלאָפן אויף זיין קוואַרטיר. ער האָט יענע נאַכט געשלאָפן ביי פעסלס אַ חברטע, ניט ביי פעסלען. ברוך האָט זיך אָנגעטאָן פאַלשע וואָנצעס און אַ פאַרשמירטע אַרבעטער היטל מיט שוואַרצע גלעזער. זיין הויכן גרויסן קאַפּעלוש האָט ער מער ניט געטראָגן. אַזוי האָט ער אָפּגעפּינצטערט עטלעכע חדשים.

## ברוך האָט ליב געקראָגן ווילנע

ברוך איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעבראָכענער; וואו ער האָט געטאָגט האָט ער ניט גענעכטיקט. זינט זיין מוטער האָט אים געשריבן פון דער היים, אַז פּאָליציי זיינען ביי זיי געווען און מ׳האָט אים געזוכט, האָט ער שוין געוואוסט, אַז אַ שפּיאָן יאָגט זיך נאָך אים. ער האָט זייער ליב געהאַט ווילנע! נאָך מער ווי זיין געבוירן־שטאָט האָמליע. אפשר צוליב פעסלען? אפשר צוליב די קורסן, וואו ער האָט זיך אָנגעפּאַנגען לערנען פאַר אַן אַרכיטעקט?

אים איז לעצטנס געגאַנגען זייער גוט אין ווילנע; געהאַט פריינט אַסך און גוט פאַרדינט! אַ שיינעם נאָמען אין שולע. אין יעדן קורס האָט ער אַלעמען אַריבערגעיאָגט. דער אינזשינער פלעגט פילע מאָל אים נעמען צו זיך אַהיים, פאַרברענגען מיט אים. ער פלעגט פאַר אים פאַרלייענען זיינע שאַפונגען, זיינע לידער. ער איז דאָרטן געוואָרן זייער אַ היימישער מענטש. דער אינזשינער האָט אים ליב געהאַט ווי אַ זון. אַפילו דער דייטש, דער אינסטרוקטאָר, פלעגט אים פיל מאָל איינלאַדן צו באַזוכן אים אין אַ שבת, ווייל שבת האָט די שולע ניט געפירט די קורסן און די ווערקשטאַטן האָבן אויך ניט געאַרבעט. דער אינסטרוקטאָר האָט געוואוינט אויסערן שטאָט און זיין זון איז געווען אַ חבר מיט ברוכן.

שאַשע איז געקומען קיין ווילנע אויף ברוכס אַדרעס. זי האָט ניט געוואוסט אַז ברוך וואוינט דאָרט מער ניט. די באַלעבאָסטע האָט איר געבעטן זי זאָל ביי זיי איינשטיין ביז מען וועט אָנזאָגן ברוכן—אַז איר זייט געקומען אַהער אין ווילנע.

דער חדר־ווינקל, וואו ברוך איז געשלאָפן, האָט זי נאָך ניט געהאַט פאַר־דונגען. הגם ברוך האָט איר באַצאָלט פאַר אַ חודש, אַ חוץ אַ וואָך, וואָס ער האָט נאָך ניט אָפּגעוואוינט פון פריערדיקן חודש. באַצאָלט האָט ער איר פאַר נאָך אַ חודש, כדי זי זאָל ניט דאַרפן פאַרלירן איבער אים, ביז זי וועט פאַרדינגען אַנאַנדער קוואַרטיראַנט.

אָבער גראַדע איז שוין אַוועק באַלד צוויי חדשים און ס׳איז נאָך אַלץ געשטאַ־נען ליידיק, אָן אַ קוואַרטיראַנט.

שאַשע האָט איינגעשטימט, נאָר מען האָט איר געמוזט אָפּצאָמען מיט אַ פאַרהאַנג, אַ טייל פון צימער, ווייל דאָרטן איז געווען גריגאָראָוויטש, דער אַנדער־ער קוואַרטיראַנט.

ברוך האָט זיין באַלעבאַסטע ניט גערופן ביים נאָמען. ער פלעגט אַלעמאָל זי רופן: אייך, איר, באַלעבאַסטע, אָבער קיינמאָל ניט מיט איר נאָמען זלאַטע. אַזוי אויך די טעכטער: — איר וועט גיין מיט מיר? איר קומט? איר ווילט עפּעס? אָבער אָן אַ נאָמען.

שאַשע האָט איר גלייך געפרעגט, ווי זאָל זי איר רופן, און האָט זיך היימיש געמאַכט. געקויפט אַליין און געקאָכט אַליין, ווייל זי האָט געוואָלט, אַז ס'זאָל זיין אַלעס כשר, ווי שאַשע פאַרשטייט כשר. זי האָט קיינעם ניט געגלויבט, ניט גע־טרויט אין כשרות, און טאַקע איין גאַס ווייטער איז געווען דער מאַרק און זי האָט אַלץ איינגעקויפט, ווי זי האָט געוואָלט, וואָס זי האָט געוואָלט.

זלאַטע, די באַלעבאַסטע, האָט אָנגעזאָגט שאַשען, זי זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן פאַרן קוואַרטיראַנט, אַז זי איז ברוכס מוטער, און, אַז ברוך איז אין ווילנע, ווייל זי, זלאַטע, האָט אים געזאָגט, אַז ברוך האָט פאַרלאָזן ווילנע; זי זאָל זיך קיינמאָל ניט רופן ביים צווייטן נאָמען, און זי זאָל ניט דערמאָנען „האַמליע".

זלאַטע האָט איר ניט געזאָגט אַז די פּאָליציי זוכט ברוכן. זי האָט איר ניט געוואָלט איבערשרעקן.

— האָט ער אייך גאָרניט געשריבן? — האָט זלאַטע שאַשען געפרעגט. געפרעגט מיט אַ כיוון.

— ניין! מיר האָט געוואונדערט, וואָרום ער האָט ניט געבעטן קיין געלט; ניט ער האָט געבעטן און ניט איך האָב אים געשיקט. איך האָב אים געשריבן אַז איך וועל קומען מיט אַ פּאַספּאָרט און אַ שיפקאַרטע און איך וועל אים אָפּ־שיקן נאָך אַמעריקע. יאָ, ער זאָל אַלע מאָל זיין צוגעגרייט, ווייל איך וועל קומען פּלוצים!... אַזוי האָב איך אים געשריבן.

זלאַטע איז געווען פאַרצווייפלט. תמיד פלעגט זי זיך שיער אַרויסכאַפּן אַז ברוך באַהאַלט זיך אויס, אַז ברוך היט זיך אויס!

ס'איז שוין אַוועק אַ וואָך און שאַשע איז געוואָרן אומרואיק. זי האָט איב־סטינקטיוו געפילט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט! דער עיקר, אַז זי הויבט אָן צו ריידן מיט זלאַטען און יענע ווערט צעטומלט. זי האָט געוואוסט, אַז מען זוכט ברוכן אין האַמליע, דאָס גאָר.

— זאָגט מיר, זלאַטע—האָט שאַשע זי אָנגענומען פאַר'ן האַנט, אַז זי איז פאַרציטערט געוואָרן—זאָגט מיר, זלאַטע: עפּעס איז ניט גלאַט דאָ, זאָגט מיר? איך בין די מאַמע און איך בין געקומען אָפּשיקן אים נאָך אַמעריקע. זאָגט, איך בעט אייך, זלאַטע...—האָט זי זיך געבעטן.

זלאַטעס צעוויינטע אויגן האָבן גענומען טרערן. איר האַרץ האָט איר פאַרדריקט און זי האָט זיך געמוזט צוזעצן. זי האָט געפילט, אַז זי וועט צוזאַמענ־ברעכן.

— זאָגט מיר זלאַטע—האָט זיך שאַשע מיט אימה געבעטן—עפּעס האָט געמוזט געשען. איר באַהאַלט פון מיר, זלאַטע! איך בין אַ מאַמע, זלאַטע, איך מוז וויסן!

— ס'איז גאָרניט געשען, שאַשע—האָט זלאַטע אָפּגעווישט מיט איר פאַרטוך אירע צעוויינטע אויגן.—ס'איז גאָרניט געשען! ער איז ביי מיר געווען ווי אָן אייגן קינד, שאַשע, אָט פּונקט ווי ער איז צו אייך אַ קינד.

שפּעטער האָט זי אַלץ דערציילט שאַשען, וואָס און ווי אַלץ איז פאַרגעקומען, און וואָס ער האָט איר געהייסן וואָס צו טאָן.

שאָשע האָט איר אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און זי פאַר אַ לאַנגע צייט ניט אָפּגעלאָזן:

— זאָגט מיר דעם אמת, זלאַטע:—האָט מען אים ניט אַרעסטירט? מיין האַרץ שרעקט מיך—און האָט צוזאַמענגעבראָכן אין אַ געוויין. זלאַטע האָט אויך געוויינט. נאָכ'ן אויסוויינען זיינעןביידע ווייבער—אַ מאַמע און כמעט אַ מאַמע—געוואָרן ארומטראַכטן, ווי זאָל מען דאָך לאָזן וויסן ברוכן.

שוין אַ וואָך אַוועק און ברוך ווייסט גאָר ניט, אַז זיין מוטער איז אים געקומען אָפּשיקן. דעם קוואַרטיראַנט האָט זי מיט אַ וואָרט ניט גערעדט, ניט דערמאָנט וועגן ברוכן, ביז זי וועט ניט זען ברוכן און פרעגן אים, ווי ווייטער אָנגיין וועגן אים. זלאַטע האָט געזאָגט שאָשען, אַז זי דענקט, אַז ברוך האָט אַ מיידל. אָבער זינט ברוך איז אַוועק, קומט זי דאָ מער ניט אַרויף. — איך קאָן זי—האָט זלאַטע געזאָגט, נאָר כ'ווייס ניט וואו זי וואוינט.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל פרעגן אירע טעכטער, אויב זיי ווייסן וואו פעסל וואוינט, אָדער, אויב זיי קאָנען אויסגעפינען וועגן איר.

— איך וואָלט זי געוואָלט זען, האָט שאָשע געזאָגט—לאָמיר זי כאָטש קענען! ווייל אויב ער וועט אַוועקפאָרן וועלן מיר שוין זיך דאָך מער ניט זען. אויף דער עלטער וועלן מיר דאָך ניט פאָרן קיין אַמעריקע. מיר האָבן דאָך הייזער און אַלע קינדער זיינען דאָך מיט אונדז אָדער אין האָמליע; וואָלט איך זי טאַקע געוואָלט אָנקוקן—האָט די מוטער געזאָגט.—אין האָמליע האָט ער דאָך אַזוי פיל מיידלעך געהאַט; אַזוי פיל ליבעס האָט ער געפירט...

— זייער אַ שיינע מיידל, זייער—האָט זלאַטע געזאָגט. מיר דוכט, אַז זי איז אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט!

„זיטע”, אָדער זעלדע, די יינגערע טאָכטער, האָט יאָ געוואוסט וואו פעסל האָט געוואוינט. איז זי איינמאָל מיט שאָשען כלומרשט געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר און זעלדע האָט איר אָנגעוויזן, ווען פעסל איז אַדורכגעגאַנגען:

— וואָס מאַכט איר, פעסל?—האָט זעלדע זי גערופן—וואו איילט איר זיך אַזוי, פעסל? מען זעט אייך גאָר ניט. זי האָט זיך צוגעבויגן צו איר און זי געפרעגט:

— וואָס מאַכט ברוך? די מאַמע איז זייער פאַרדאגהט וועגן אים. איר האָט געהערט וועגן אים? וואו איז ער? וואו האַלט ער זיך אויף?

— וואו ער איז קאָן איך אייך ניט זאָגן—האָט פעסל געזאָגט—נאָר ער איז אין גוטע הענט און פאַפּראַוועט זיך, ער פילט זיך זייער גוט!

— ווען פאָרט ער נאָך אַמעריקע?—האָט זעלדע געפרעגט—אין גיכן?

— ער וואַרט פאַר זיין מוטער; זיין מוטער דאַרף קומען אים אָפּשיקן.

— וואו וועט זי קומען? וואו וועט זי זיך מיט אים טרעפן?—האָט זעלדע געזוכט אָנטאַפּן און אַריינפירן אַ געשפּרעך מיט שאָשען.

שאָשע האָט איר אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל, זי זאָל דאָס ניט טאָן, און האָט געהאַלטן איין קוקן אויף דעם ליכטיקן פּנים פון פעסלען.

— איז וואָס זאָל מען טאָן?—האָט זיך פעסל קיין עצה ניט געפונען.—איז וואָס טוט מען טאַקע?

זעלדע האָט ניט פאַרגעשטעלט שאָשען צו איר. שאָשע איז געשטאַנען ביים זייט, אַ שפּאַן ווייט פון זעלדען. אָבער פעסלען איז געווען באַקאַנט דער פּנים. שאָשע איז פּונקט געווען—ברוך! ווי איין פּנים. זי האָט זיך פאַרקלערט, וואו האָט זי געזען אַזאַ פּנים?

— איך דענק, איך האָב אַ פּלאַן—האָט זעלדע געזאָגט:—ברוך האָט צו די

עלטערן ניט געשריבן. ער וועט דאָס ניט טאָן! וועט מסתמא די מוטער קומען אויף אונדזער קוואַרטיר. וועלן מיר זי אויפהאַלטן, זי זאָל זיין ביי אונדז, און איר, פעסל, זעט זיך מיט ברוכן און באַשטימט, וואָס צו טאָן! די בעסטע זאַך וואָלט געווען איר זאָלט אָפּט קומען צו אונדז, און אַזוי וועט מען זיך צוזאַמענטרעפן.

— איך וועל אייער פאָרשלאָג, אייער פּלאַן, אים איבערגעבן, און וואָס ער וועט באַשטימען וועלן מיר אַזוי האַנדלען.

— נו, גוט! האָט זעלדע געזאָגט.—נו, זייט מיר געזונט און גריסט אים פון דער מאַמען. זי האַלט אין איין וויינען ווען זי דערמאָנט זיך אָן אים. גריסט אים פון מיר אויך. אין די קורסן ריידן אַלע פון אים: מען פרעגט מיר וועגן אים און איך ווייס ניט וואָס צו ענטפערן.

—זייט געזונט. איך וועל אים אַלץ איבערגעבן—און פון זייט האָט זי געהאַלטן אין איין קוקן אויף שאָשען.

אין הויז האָט שאָשע געהאַלטן אין איין לויבן די שיינקייט פון פעסלען.

— זאָל זי כאָטש אַזוי גוט זיין צו אים, ווי זי איז שיין! — האָט זי מיט אַן אמתן געזאָגט.

ס'האָבן דריי וואָכן אַזוי זיך געצויגן און שאָשע איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס.

פעסל האָט איבערגעגעבן ברוכן אַלעס וואָס זי האָט גערעדט מיט זעלדען. זי האָט נאָך צוגעגעבן:—ברוך, מיט זעלדען איז געווען אַ פרוי, וואָס איז ענלעך צו דיר! איז דיין מוטער ענלעך צו דיר, ברוך?

ברוך האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:—האָט זי אַ בראָדעווקע לעבן דער אויבערש־טער ליפּ?

יאָ, ברוך! האָט פעסל געזאָגט.

— דאָס איז מיין מאַמע! האָט זי גערעדט צו דיר, פעסל? דו האָסט נאָך אַזאַ כיטרע ווי זי ניט געטראָפן! זי איז קלוג ווי די וועלט, פעסל!

— איך האָב פונווייטן געזען ווי זי האַלט אין קוקן אויף מיר.

— און זי האָט גאָרניט גערעדט?!

— ניין, גאָרניט!

— און זעלדע, האָט זי איר ניט פאָרגעשטעלט פאַר דיר?

— ניין, ניט!

— דאָס איז אירער אַ פּלאַן! — גאָרניט אַ וואָרט?

— גאָרניט!

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז פעסל זאָל זי ברענגען צו אים און מען וועט אויסאַרבעטן דעם פּלאַן, ווי אַזוי אָפּצופאָרן.

---

שאָשע האָט יענע נאַכט ניט געקענט איינשלאָפן. פעסלס פּנים איז פאַר איר געשטאַנען ווי אַ צויבער. זי האָט נאָך אַזאַ פּנים ניט געזען:

— בלוט און מילך—האָט זי צו זיך געזאָגט.—אַך, וואָלט איך זי געוואָלט פאָרשטעלן פאַר דבורהן, פאַר הערשלען, פאַר אַלעמען, אין האָמליע. יאָ, האָט זי זיך געטראַכט: איך וועל זי איינלאַדן צו פאָרן מיט מיר אין האָמליע. ניין, האָט זי צוריק געטראַכט, דאָס איז ניט שיין! זי וועט זיין אַ נאַר אויב זי וועט די איינ־לאַדונג אָננעמען. אפשר שפּעטער, אײדער זי וועט פאָרן צו אים אין אַמעריקע. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט זי מסתמא ברענגען אַן ענטפער, וועל איך מיט איר אַ שמועס טאָן. אַך, דבורה האָט זי געדאַרפט זען. ער איז דאָך דבורהס

„בעסטער" פון גאַר דער פאַמיליע. זי פלעגט דאָך אים אָפּהיטן מער ווי אַ ברודער, ווי אַן אייגן קינד!

וואָס זאָל איך מיט איר ריידן—האָט זי געטראַכט. אפשר וועט זי קומען מיט ברוכן? אפשר פאַרשטייט זי דאָס איך בין ברוכס מוטער? זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר, כאָטש איך בין געשטאַנען פון ווייטן. נו, זאָל זיין וואָס וועט זיין: איך האָב שוין אַזוי פיל געוואַרט, וועל איך וואַרטן נאָך אַ טאָג, צוויי. זי איז איינגעשלאָפן.

אין חלום איז פעסל פון איר ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט זי געזען שטיין צווישן רחלען און ליובאַן. די צוויי מיידלעך, וואָס אַלע האָבן געוואוסט, אַז ברוך פירט ליבעס מיט זיי. די אַנדערע צוויי זיינען געווען ווי לבנות און פעסל ווי די זון; ליכטיק און קלאָר. איר האַרץ האָט אָנגעקוואַלן און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ס'איז שוין געווען ניט פרי. די באַלעבאָסטע, זלאַטע, האָט שוין אַרויפגע־בראַכט טיי פון „טשיינע", פון הויף; פאַר אַ קאָפּיקע הערינג און צוקער; אַ פונט ראַזעווע ברויט מיט פּוטער. שאָשע האָט ביי איר ניט געוואָלט עסן, אָפילו טיי ניט אומזיסט. פאַר דער טירחה האָט זי צוגערעכנט אַ פּאָר קאָפּיקעס. שאָשע האָט זייער ליב געהאַט דעם הערינג, אַ פאַסיקל ראַטניק־הערינג. אין האָמליע האָט מען פון דעם ניט געוואוסט: פון קאָפּיקעס און גראָשנס. דאָרט, אין האָמליע, דאַרף מען קויפן אַ גאַנצן „ראַטניק". איר איז געפעלן געוואָרן, די עס־קיך אין יעדן הויף פון ווילנע; די טשאַלנטן, טאָקע, שטעלט מען אַריין אין דעם גרויסן איווון פון עס־קיך, ווייל אין רעסטאָראַן עסט מען שבת, טאָקע אויך טשאָלנט. און דער גאַנצער הויף—יעדער פלעגט אַריינשטעלן אַ טעפּל פאַר דריי קאָפּיקעס; אַ גרויסן טאָפּ—פינף קאָפּיקעס. און אין זעלבן הויף, אין קעלער, איז געווען אַ בעקעריי, דאָרטן פלעגט מען אויך אַריינשטעלן טשאָלנט. די בעקעריי פלעגט נעמען אַ גראָשן ביליקער ווי פון דער עס־קיך. נאָר ס'איז געווען גענוג פאַר אַלעמען. כמעט אַ הונדערט שכנים געווען אין הויף.

— טרינקט אַ גלעזל טיי—האָט שאָשע געזאָגט צו זלאַטען.—ווער קאָן אַזוי־פיל טיי אויסטרינקען?

— שאָשע האָט געזען ווי אָרעם זי האָט געלעבט. זי האָט געוואָלט איר עפּעס געבן, נאָר זי האָט איר ניט געוואָלט באַליידיקן. טאָמער וועט זי פילן בושה, פלעגט שאָשע כלומרשט איבערלאָזן: האַלב פון הערינג, פון פּוטער, כלומרשט צוברעכן אַ פּעניץ ברויט, זי זאָל ניט דענקען אַז זי לאָזט עס איבער מיט אַ כיוון; פלעגט אָנוואַרפן אין טעלער, ווי דאָס וואָלט איבערגעבליבן. אין קיך פלעגט זלאַטע צוזאַמענקלייבן און ס'איז פאַר איר געשפּאָרט געוואָרן. זלאַטע האָט זעלטן געגעסן מער ווי טיי מיט ברויט פאַר אָנבייסן, אין אַ מיטן־וואָך. פלעגט זי טאָקע דערכאַפּן דאָס האַרץ וואָס שאָשע האָט איבערגעלאָזט.

איינמאָל האָט שאָשע איינגעהאַנדלט אויפן מאַרק אַ פערטל עוף פאַר וועט־שערע, האָט זי אויך איינגעהאַנדלט דראָבעשקעס, פליגעלעך, פּופּיק, פיסלעך, אַ קעפּל. דאָס האָט זי מיט אַ כיוון געטאָן, כדי ס'זאָל איבערבלייבן, אַז זלאַטע זאָל „דערהערן דאָס האַרץ"; האָט עס אָפּגעקאָכט אַלץ אין איין מאָל און האָט די איבערבלייב געלאָזן אין טעלער אין קיך, מיט האַלבע און פערטל פּעניצלעך ברויט. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי וועט אַוועקפאָרן אַהיים, וועט זי איר איבערלאָזן עטלעכע רובל אַ מתנה, פאַר איר פיינער באַהאַנדלונג.

פאַרנאַכט איז פעסל געקומען אין שטוב צו זלאַטען, דאָס הייסט אויף דער אַלטער ברוכס קוואַרטיר. זי האָט געוואַרט ביז גריגאָראָוויטש איז אַרויס פון

„קוואַרטקע״, פון טויער, איז זי אַרויף. איר האַרץ האָט געקלאַפּט גייענדיק אויף די טרעפּ: זי טרעפט זיך איצט מיט ברוכס מוטער. זי וויל איר געפעלן ווערן. זי וועט איר אַ קוש טאָן אויב זי האָט אַ בראָדעווקע אויף דער אויבערשטער ליפּ. זי וועט איר זאָגן: ווי זי האָט אויף איר אַ קוק געטאָן האָט זי דערקענט ברוכס מאַמע. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען זיך, איבערדערנקען וואָס צו ריידן מיט איר. זי וויל דאָך איר געפעלן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איר האָט זיך געחלומט, אַז זי האָט זיך שוין באַקענט מיט שאַשען. שאַשע האָט איר צוגעזאָגט שיקן אַ פייגנע רעטאָנדע, זיידענע בעט־צודעקן; זי וועט שיקן אַ גאָלדענעם זייגערל מיט אַ קייט און אַ שפּילקע איינגעפּאַסט אין פּערל. ס׳האָט איר אַמאָל ברוך דערציילט, אַז זיין מוטער האָט דאָס דבורהן געגעבן מתנות... דערפאַר האָט זיך עס איר אָנ־געפּלאָנטערט נעכטן ביינאַכט. יאָ, זי האָט זי צוגעדריקט צו זיך און געקושט. יאָ, יאָ, ווי איך גיי אַריין וועל איך איר געבן די האַנט און זאָגן: ווערלקאָמען מוטער, וועט זי איר זאָגן, און וועט איר אַ קוש טאָן אין בראָדעווקע:—איך האָב נאָך נעכטן געוואוסט אַז איר זייט ברוכס מוטער! און וועט איר פירן צו ברוכן. אַזוי איז זי אַריין אין הויז און אַלץ ווי זי האָט זיך געמאָלן און געטראַכט האָט זי געטאָן.

אויף שאַשען האָט דאָס אַ גוטן איינדרוק געמאַכט און זיי זיינען ביידע אַריין אין אַ דראָזשקע און זיינען אַוועקגעפאָרן צו ברוכן אין שניפּעשאָק.

פעסל האָט געזאָגט שאַשען, אַז זיי וועלן אָנלייגן אַ פּאָר עקסטרע גאַסן, כדי, טאָמער, אימעצער האַלט ניט אָן אויג אויף איר, מיר׳ן פאַרדרייען דעם וועג.

— גאַנץ קלוג—האָט שאַשע געזאָגט.—איך וואָלט שוין וועלן ער זאָל זיך זעצן אויפן שיף.

אַ האַלבע שעה שפּעטער זיינען זיי שוין געוועזן אין שטוב מיט ברוכן. ברוך האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער מאַמען. שאַשע האָט געוויינט און פעסל האָט אויך געוויינט. ברוך האָט ניט געוויינט. נאָר האָט, דאָך, מיטן נאַזטיכל דורכגעפירט איבער די אויגן. ברוך האָט איר גלייך געזאָגט:

— מאַמע, פרעג מיר גאָרניט, נאָר דערצייל מיר, וואָס מאַכט דער טאַטע? וואָס מאַכט דבורה? וואָס מאַכט כאַשקע? וואָס מאַכט דעם טאַטנס האַנט?

— יאָ, מיין זון—האָט שאַשע געזאָגט—זיין האַנט טוט אים עד־היום ווי, דער עיקר פאַר אַ רעגן, פאַר אַ שניי, ווען ס׳בייט זיך דער וועטער טוט אים זייער ווי די האַנט. די פּאָליציי האָבן אים צעדריקט די ביינער.

ברוך האָט זייער געבענקט, מער נאָך אַלעס, ווייזט אויס, נאָך זיין מיידל פעסל... זי פלעגט וויינען שטענדיק ווען ער פלעגט דאַרפן זיך טרעפן מיט איר אין באַהאַלטענע פּלעצער. ער פלעגט נעכטיקן אין שניפּעשאָק, אָבער ניט אין איין פּלאַץ פלעגט ער נעכטיקן, נאָר אין עטליכע פּלעצער; אַ וואָך אויף איין פּלאַץ און אַ וואָך אין אַנאַנדער פּלאַץ, דאָס הייסט, יעדע וואָך אין אַנאַנדער דירה. די לופט איז דאָרט געווען זייער גוט פאַר אים, ניט ווי אין שטאָט. זיין שוואַכן קערפּער האָט דאָס זייער גוט געטאָן!

ברוכן האָט זיך אויסגעגעבן, אַז אויך דאָרטן האָט ער געטראָפן עטלעכע מאָל דעם זעלביקן פּנים „אוכאַזשיוועץ״ נאָך אים... דאָס האָט אים צערודערט. ער מוז זיך קלייבן אין וועג.

זיין מוטער האָט אים געהייסן וואָס גיכער זיין גרייט אָפּצופאָרן. זי איז פאַר דעם צוועק געקומען אַהער, אים וואָס גיכער אָפּשיקן נאָך אַמעריקע.

אין שולע און אין ווערקשטאַט האָט מען געמיינט, אַז ער פאָרט אָפּ, ניט צו גיין אין סאָלדאַטן, ניט צו גיין דינען פאָניען!...

דער אינזשעניר האָט פאַרשפּראָכן אים: אויב ער פאָרט ניט, אויב ער בלייבט, וועט ער ניט דאַרפן גיין דינען! מען וועט שוין אים אַרויסנעמען, דאָס הייסט, פון סאָלדאַטן!

זיי האָבן אים זייער געוואָלט האָבן אין די קורסן און אין ווערקשטאַט. דערהויפּט דער אינסטרוקטאָר האָט ניט געוואָלט ער זאָל אַוועקפאָרן. ער האָט זייער געוואָלט ער זאָל בלייבן. ער, דער אינסטרוקטאָר, האָט, ביי געזעגענען, אים דערלאַנגט אַ צען־רובל גאָלדשטיק.

יענעם טאָג האָט ברוך געזען דעם זעלבן שפּיאָן, האָט זיך אים אים געדאַכט, און טאַקע צוליב דעם האָט ער געזאָגט דער מוטער, אַז אין דריי טעג שפּעטער וועט ער זיין פאַרטיק צו פאָרן אין אַמעריקע.

ברוך האָט זיך שוין אויפגעהערט אויסבאַהאַלטן ווי פריער. ער איז שוין איין מאָל אַריין אין די קורסן, זיך געזען מיטן אינסטרוקטאָר, געזאָגט, אַז ער פאָרט אָפּ אין אַ פּאָר טעג אַרום. זיך געזעגנט מיט אַלעמען, די וואָס זיינען געווען נאָענטער צו אים. דער אינזשעניר האָט זיך געבעטן ער זאָל ניט פאָרן. זיי וועלן אַלץ טאָן פאַר אים. מען האָט אים געזאָגט, אַז נאָך צוויי בופעטן האָט מען אָנגענומען פון זיין צייכנונג. דער אינזשעניר האָט אים געגעבן אַן אַטעסטאַט אין ענגליש, אפשר וועט ער דאָרטן קריגן אַ מייסטער שטעלע.

ברוך האָט די לעצטע צוויי טעג געגעכטיקט ביי פּעסלען. ס'איז בעסער צו נעכטיקן ביי פּעסלען אייער וואו דער שפּיאָן האָט אים נאָכגעשפּיאָנירט אין שניפּעשאָק.

שאָשע האָט געציטערט ווי אַ בלאַט, ווען זי האָט געזען, וויפיל באַזוכער עס קומען צו אים. דעם לעצטן טאָג איז ער אַרויף זיך צו געזעגענען מיט זיין געוועזענער באַלעבאַסטע; פאַר איינס האָט ער זיך געזעגנט מיט גריגאָראָוויטשן. גריגאָראָוויטש האָט אים צוגעזאָגט קומען צום וואָקזאַל. ער האָט געזאָגט גריגאָראָוויטשן, אַז ער פאָרט אָפּ ניט צו גיין דינען „פּאָניעַן". ער האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר זיין מוטער, הגם, ער האָט זי געקענט, אָבער ער האָט ניט געוואוסט אַז זי איז זיין מוטער.

די נאַכט פאַר זיין אָפּפאָרן האָבן אים צענדליקער מענטשן באַזוכט. מענטשן אינטעליגענטע, מיט ברילן, מיט פּירעקיקע בערדלעך. שאָשע האָט געביסן די ליפּן און די נעגל פאַר שרעק: פּאָליציי זאָל זיי ניט באַפאַלן!... נאָר אין ווילנע איז פיל פרייער געווען ווי אין האָמליע. מען האָט אימער פאַרבראַכט אין די הייזער אין גרויסע צאָל מענטשן, וואָס דאָס וואָלט געווען שווער אין האָמליע... ווייל אין האָמליע האָט מען ברוכן צוויי מאָל אַרעסטירט אין זיין אייגענער מאַסטערסקאַיע פאַר מאַכן „אוסכאַדקעס", פאַרזאַמלונגען. נו, איז שאָשע געווען אין איין שרעק עס זאָל חלילה עפּעס ניט טרעפן פאַר זיין אָפּפאָרן. זי האָט געציטערט.

ברוכן האָט יענע נאַכט געדריקט דאָס האַרץ. ער האָט ניט געוואָלט אָפּפאָרן... אַזוי פיל ליבע פריינט און אַזאַ ליבע מיידל ווי פּעסל...

ווען אַלע זיינען זיך צוגאַנגען, האָט ער זיך צוגעלייגט אין פּעסלס בעט, וואָס איז געווען אָפּגעצאַמט אין אַ ווינקל פון איין גרויסן צימער; אָפּגעצאַמט מיט אַ געבלימלטן פאַרהאַנג פון זייער גרויסע בלומען. פּעסל איז געשלאָפן מיט איר מוטער, דאָס הייסט, זי איז געלעגן אין בעט. תמיד פלעגט זי אויפשפּרינגען ווען זי פלעגט הערן אימיצן אויף די טרעפּ. זי האָט שוין אויך געוואָלט ער זאָל אָפּפאָרן פון ווילנע. דער עיקר פון ווילנע! ווילנע האָט זי זייער ליב געהאַט. זי וואָלט פון ווילנע ניט וועלן אָפּפאָרן, נאָר צוליב ברוכן וועט זי פאָרן אין סוף וועלט...

דער זייגער איז געווען נאָך צוויי ווען דער עולם איז זיך צוגאַנגען. ברוך איז געווען מיד און דאָך האָט ער נישט געקענט איינשלאָפן. זיין מוח איז אים שיער ניט צעשפּאָלטן געוואָרן פון דענקען און טראַכטן. ס'איז אים ביטער און פינסטער געווען. ער פאַרט אין אַמעריקע! זיין האַרץ האָט אים געשראָקן. ער האָט געפילט אַז מען וועט אים ניט באַגעגענען מיט מוזיק, און זיין בעט—ווער ווייסט צי זי וועט ווייך זיין?... אַליין. אַליין; וואָלט כאָטש פעסל מיט אים מיטגעפאָרן... אָך פעסל!... דאָס איז געווען די הויפּט סיבה; דאָס האָט אים גענעגט אין זיין מוח, אין זיין האַרצן: ווי וועט ער קענען אַריבערטראָגן זיין אַזוי לאַנג אָן איר, אַז זיין האַרץ גייט אים אויס נאָך איר. זי איז דאָך זיין אָטעם פשוט!...

דער וואַנט־זייגער האָט געקלאַפּט דריי און פיר. דער שלאָף איז ניט געקומען. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, און דער שלאָף קומט ניט. ער האָלט פאַרמאַכט די אויגן, אָבער זיי זעען. ער זעט מיט די געדאַנקען, הגם די אויגן זיינען פאַרמאַכט. עס איז פאַר אים דורך די גאַנצע צייט זינט ער איז אָנגעקומען אין יענעם ווינטער ביינאַכט! דאַן איז אים ערגער געווען ווי איצט, האָט ער געטראַכט. אָבער די איצטיקע נסיעה!...

— יאָ, האָט ער געזאָגט צו זיך—מיר פאַרגעסן די שלעכטע צייטן, ווען אונדז קומט אָן אַ צווייטע שלעכטע צייט! מיר פאַרלירן די השגה, די פיאַיקייט צו באַגרייפן, אַז דאָס לעבן איז אַ קייט פון אַזעלכע רינגען.

ער איז איינגעשלאָפן פלוצים. בעסער וואָלט ער געווען וואַך. שרעקלעכע ווילדע חלומות זיינען צו אים געקומען... שלאַנגען, עקדישן, כל'ערליי חיות־רעות. ווען ער איז געווען אַ קינד פלעגט ער האָבן אַזוינע ווילדע חלומות!...

ער האָט געעפנט די אויגן. פעסל איז געשטאַנען לעבן אים און אים געוועקט:

— ברוך, שטיי אויף, שטיי אויף, ברוך, דיר חלומט זיך—האָט זי אים געטרייסלט.

ברוך האָט זיך פאַרשעמט. די ערשטע נאַכט ביי זיי אין הויז. זיי וועלן נאָך דענקען אַז ער האָט אַ מאַניע אין שלאָף.

— יאָ, ס'האָט זיך מיר זייער אַ מאָדנער חלום געחלומט.

— זאָל עס זיין צו גוטן—האָט פון אַהינטער דער פאָרהאַנג פעסלס פאָטער געזאָגט, און האָט רחביתדיק געגלעט זיין גרויסע האַלב־גרויע באָרד, און געזאָגט ברכות, און אַלע ווײַלע איבערגעחזרט:

— זאָל זיין צו גוטן, ברוך! און אָן אַ הפסקה געמורמלט: אשרי — — — — און האָט ווידער געגלעט זיין לאַנגע באָרד.

ברוך האָט זיך נאָר אויסגעטאָן די שיך. ער איז געשלאָפן אָנגעטאָן. ער האָט די הויזן ניט אויסגעטאָן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, צוגעצויגן פעסלען צו זיך מיט אַלע קרעפטן און שטיל אַרויסגעמורמלט: — אָך, פעסל, ווי וועל איך אויסקומען אָן דיר דאָרטן?

די מוטער האָט גערופן—קומט קינדער טרינקען טיי. אַ גרויסן טשייניק האָט זי ערשט אַרויפגעבראַכט פון דער קיך, מיט זעמל, אַ פּאָר קנישעס, צוליב ברוכן:

— קומט עסן, די טיי ווערט קאַלט—האָט זי ווידער גערופן. איר דיקער קורצער קערפּער האָט שווער באַוועגט זיך.

ברוך איז אַרויסגעקומען פאַרשעמט, זיך געריבן די אויגן, גענומען אַ קווערטל וואַסער, זיך איינגעוואַשן אין פאַמויניצע און זיך געזעצט צום טיש:

— ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל פלעגט זיך מיר נאָר אַזעלכע חלומות חלומען—האָט ער געזאָגט.

— עסט און טרינקט — האָט די מוטער געזאָגט — ס'וועט אַלץ זיין צו גוטן. גאָט וועט העלפן!...

נאָכן פרישטיק האָט ברוך גענומען זיך פּאַקן, וואָס ער האָט געהאַט און געוואָלט אַלץ מיטנעמען. פעסל האָט אים געהאָלפן פּאַקן, צעלייגט אַלעס גלייך, און טרערן האָבן פון איר געגאָסן.

— דו מאַכסט מיר פילן שלעכט, פעסל, הער אויף וויינען — האָט ברוך געזאָגט.

— וואָס איז מיט דיר, פעסל — האָט די מוטער געזאָגט — אָנשטאָט צו אויפ־מונטערן אים, וויינסטו גאָר?!

— כ'קען ניט העלפן, מאַמע — האָט פעסל געזאָגט — דענקסט איך וויל דאָס טאָן מיט אַ כיוון?

— יאָ, מיין טאָכטער — איז די מוטער צו און זי צוגעדריקט — מ'דאַרף זיך באַהערשן, מיין קינד. זאָלן מיר האָפן ער וועט בשלום קומען אין אַמעריקע און וועט דיך אַריבערנעמען, מיין קינד — האָט זי מיט אַ ברכה געוואונטשן און אַליין געזאָגט: אָמן !...

זי האָט זיך פאַרטראַכט.

פעסל איז ביי איר די איינציקע טאָכטער. זי איז די צווייטע ווייב ביי איר מאַן. די שוועסטערן, די אַנדערע קינדער, זיינען פון דער ערשטער ווייב. זי קוקט אויף איר טאָכטער און איז איר מקנא געווען ווי זי איז פאַרליבט. זי האָט ניט געהייראַט אויס ליבע. זי האָט געהייראַט, ווייל זי איז פאַרזעסן געוואָרן. זי איז אַלט געווען קרוב שלושים, ווען זי האָט חתונה געהאַט. אַנדערע אין די דרייסיקער יאָרן האָבן שוין טעכטער וואָס מעגן גיין צו דער חופה. נו, וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? האָט זי געהייראַט מיט איר מאַן, מיט זעקס קינדער. אַ דינסט געווען צו זיי און אַ מאַמע צו אירע אייגענע קינדער.

— אָך מיין קינד — האָט זי צו זיך גערעדט — ביזט שיין ווי די וועלט, ווי אַ מלאך, ווי אַ בלום בליסטו. מיין האַרץ גייט אויס פאַר דיר. זאָל דיר כאָטש גאָט באַצאָלן פאַר מיין ניט גליקלעכן לעבן, פאַר מיין שווערן לעבן. זי דערמאָנט זיך וואו פעסל איז געבוירן געוואָרן. ס'איז דאַן קאַלט געווען אין קעלער־שטוב. פון די ווענט האָט פשוט גערונען. ס'איז געווען ערשט נאָך סוכות. ס'האָט געגאָסן אַ גאַנצע וואָך אַ ביטערער רעגן. ס'האָט דער יום־טוב צוגענומען דאָס לעצטע פרוטה. ס'האָט פשוט געפעלט פאַר האָלץ. דער מאַן איז געווען ביי דער אַרבעט. האָט זי געבעטן די קינדער זיי זאָלן גיין אָנקלייבן אין גאַס שטיקלעך ברעטלעך, שפענדלעך, צו דערוואַרימען די הויז. אָבער דער מאַן האָט צוגעבראַכט אַ וועגעלע האָלץ פאַרנאַכט און מען האָט כאָטש דערוואַרימט דאָס נאַסע קעלער־שטוב.

— צביה — האָט איר מאַן זיך אָפּגערופן, דערזעענדיק אַז קאָם וואָס זי גייט אַרום — ווי פילסטו? האָב געליען ביים באַלעבאָס צוויי רובל און געקויפט פאַר אַ רובל האָלץ, און אָט האָסטו דעם צווייטן רובל. ווילסטו עפּעס? דאַרפסטו וואָס איינקויפן, צביה? שיק די קינדער. דו גיי ניט, וועסט זיך חלילה צוקילן. עס רעגנט און דיינע שיך זיינען צעריסן. אפשר זאָל איך גיין איינקויפן, צביה? — האָט ער איר געפרעגט.

יאָ, משה, דו גיי — האָט זי געזאָגט — די קינדערשע שיך זיינען אויך צעריסן. די פּאָדעשוועס זיינען אויסגעטראָגן און מיט לעכער. זאָלן זיי זיצן אין הויז. נאָך דאָס פעלט מיר איצט! דאָקטוירים, רפואות!... ווען ס'איז קיין ברויט ניטאָ!

— גוט, נו, וועל איך גיין איינקויפן! וואָס דאַרפסטו, צביה? וואָס זאָל איך קויפן?

— אַ חוץ ברויט איז קיין זאַך אין שטוב ניטאָ—האָט זי זיך צעוויינט—וואָס וועט זיין ווען איך וועל האָבן דאָס קינד?! קיין זאַך איז אין שטוב ניטאָ.

משה איז אַרויס פון שטוב אָן אַ וואָרט. עס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אַכט קינדער און ער דערוואַרטעט דאָס נייענטע. ניטאָ אין הויז אַ קאַץ צו דער־ווערגן.—שווער אַ קבצן צו לעבן—האָט ער צו זיך געזאָגט.

די וואַרימקייט אין הויז האָט צביהן געבראַכט ווייען. זי האָט געפילט אַז זי דאַרף גיין צו קינד! אין שטוב איז געווען אירע צוויי קליינע קינדערלעך און דריי פון דער ערשטער ווייב. אַלע בלייכע, מיט איינגעפאַלענע בעקלעך און קרומע פיס. איר האַרץ איז איר אויסגעאַנגען פאַר אַלע קינדער. די אַנדערע דריי קינדער האָבן געאַרבעט און געגעסן וואו זיי האָבן געאַרבעט. זי איז געווען צופרידן וואָס אין הויז איז ווייניקער מיילער צו קאַרמענען. זי האָט געדאגהט פאַר אַלע קינדער גלייך, פאַר אירע און פאַר זיינע. די דריי קליינע האָט זי כמעט אויפגע־האָדעוועט; איינע איז נאָך אַ זויג־קינד געווען. היט זיי אָפּ ווי אירע אייגענע קינדער. אירע ווייען זיינען גרעסער געוואָרן:

— גיי, ליבעלע, רוף אַריין ביילען, די שכנה, גיי, ליבעלע, זאָג איר, די מאַמע איז קראַנק געוואָרן! גיי גיך!—האָט זי דערפילט אירע ווייען.—גיי ליבעלע —האָט זי געגומען קרעכצן.

זי האָט זיך געלייגט אין בעט און די געוואַלדן האָבן פאַרקלונגען דאָס איינ־ציקע גרויסע צימער־שטוב. די שכנה איז אַריין און די געשרייען האָבן אַריינגע־בראַכט נאָך אַ פּאָר ווייבער. איינע אַן עלטערע פרוי האָט געהייסן מאַכן לעבלעכע וואַסער און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. די שרייענדיקע קינדער האָט מען אַריינגענומען צו אַ שכנה. אָבער צביה פלעגט גרינג האָבן קינדער. דאָך האָבן אירע געוואַלדן אויפגעריעט דעם גרויסן הויף. פון אַרום האָט מען געעפנט די פענצטער און ווייבער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און גאָט געבעטן, זי זאָל גרינג איבערקומען. און די קולות האָבן געכריפּעט ווי אַ פאַרוואונדערט אָקס. ס'איז גאָר ניט געווען קיין פרויען־שטימע. ס'האָט געכריפּעט ווי אַ ניט־דער־קוילעטער אָקס. דער לעצטער געשריי האָט זיך געצויגן ווי אַ סירענע פון אַ שיף, און פלוצים איז שטיל געוואָרן. אַלע שכנים האָבן איינגעהאַלטן זייער אָטעם און ווען דאָס געשריי פון דאָס ניי־געבוירן קינד האָט זיך דערהערט, האָבן פון פילע געגומען פאַלן טרערן פון פרייד, און איינע די צווייטע, דורך די פענצטער האָבן זיך איבערגעוואָרפן:

— געלויבט איז גאָט! וואָס מאַכט די קינפּעטאָרין?—האָט מען געפרעגט ביי די וואָס האָבן זיך באַוויזן ביים אַריינגאַנג פון קעלער־שטוב.

— דאַנקען גאָט—האָט די שכנה געוואָרפן מיט די הענט צו אַלעמען.—איבערגעקומען, געלויבט איז גאָט! זאָל זיין מיט מזל!...

ווען משה האָט זיך צוריקגעקערט פון קראָם האָט ער געפונען אַ פולע שטוב מיט ווייבער און אַ שרייענדע סאָפּראַנע־שטימעלע. ער איז געשטאַנען אַ צע־טומלטער, אַ פאַרלאָרענער!...

— מזל טוב, מזל טוב!—איז אים די עלטערע פרוי אַנטקעגן געקומען.

— מזל טוב, ר' משה, אַ שיינע מיידל, ווי אַ מלאכל; אַ שיינע טעכטערל איז אייך געבוירן געוואָרן.

משה האָט אוועקגעלייגט די איינגעקויפטע זאַכן און זיך געזעצט לעבן טיש און איינגעבויגן דעם קאָפּ און זיך צעוויינט און צעכליפּעט. זיין גרויסער גוף האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת.

די ווייבער האָבן געזעצן אַז אין הויז איז גאָר נישטאָ, האָט שוין דאָס גאַנצע הויף זיך דערוואוסט און אין הויז איז פול געוואָרן עסנוואַרג, און ווינדעלעך און וויקעלעך און ווישניאַק פאַר דער קינפּעטאָרן, זי זאָל זיך דערקוויקן; אפילו אַן עוף אַן אָפּגעקאָכטע איז שוין געלעגן לעבן דער קינפּעטאָרין און מען האָט איר געגעבן עוף־יויך און מען האָט אַריינגעבראַכט די קינדערלעך און זיי האָבן זיך דערפרייט מיט דער נייער שוועסטערל...

די ווייבער זיינען זיך צוגאַנגען, נאָר די אַלטע פרוי איז געבליבן. זי האָט צוגעגרייט עסן פאַר דער פאַמיליע און נאָך אַלעמען האָט זי געזאָגט, אַז מאָרגן פרי וועט זי ווידער קומען און נעמען אַכט אויף דער קימפּעטאָרן און ער, משה, זאָל ניט וואַרטן אינדערפרי און גיין צו דער אַרבעט, און זאָל זען זיין אַ געזונטער טאַטע, און פאַרדינען מער געלט: ס׳איז צוגעקומען נאָך אַ מענטשעלע. זי האָט אַרומגע־ווישט די מיילעכלעך פון די קינדערלעך און האָט זיי געזאָגט און דער קינפּעטאָרן אַ גוטע נאַכט, און געגומען אַרויסגיין — — —

משה האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— זאָל אייך גאָט בענטשן, ראַשקע, פאַר אַלעס וואָס איר האָט געטאָן פאַר אונדז. איר זייט ניט אַנדערש ווי גאָט האָט אייך צו אונדז געשיקט. אַ גרויסן דאַנק אייך! ניטאָ ביי מיר קיין ווערטער אייך צו דאַנקען—און האָט זיך צעכליפּעט...

— נע, נע, ניט שיין פאַר אַ מאַנצביל!—האָט זי געזאָגט—זייט אַ מענטש, זייט אַ מאַנצביל!... נו, אַ גוטע נאַכט, צביה, מאָרגן פרי וועל איך קומען—און איז אַרויס פון שטוב.

משה האָט זיך געשטעלט אַקעגן דער ווייב און געשאָקלט מיטן קאָפּ:—ביי יידן, צווישן יידן ווערט מען ניט פאַרלאָרן. גאָט איז אַ פאָטער, אָט איז נאָך אַ נפשל אין הויז—און זיך צוגעבויגן צום נפשל:—אַ שיין מיידעלע, צביה—האָט ער געזאָגט—זאָל זיין מיט מזל! זאָל זי אונדז ברענגען גליק כאָטש אַביסעלע...

ער האָט גענומען אויסבעטן די קינדערלעך און די קינדערלעך האָבן זיך געדרייט אַרום דער מוטער און זיך געוואונדערט פון וואַנען איז דאָס שוועסטערל געקומען? און די מאַמע שרייט שוין מער ניט און גלעט יעדן, יעדן קינד אויפן קעפּעלע און פרעגט זיי:

— איר האָט ליב דאָס נייע שוועסטערל?—האָט זי געפרעגט.—איר וועט זי מאָרגן זען אין ליכטיקייט, וועט איר זען וואָס פאַר אַ שיין שוועסטערל איר האָט.

משה איז געשטאַנען פון ווייטן מיט אַ דינעם שמייכעלע אויף די ליפּן, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, ווי די מוטער רעדט מיט די קינדערלעך, ווי די מוטער גלעט זיי איבער די קעפּעלעך און קושט זיי. אַזוי איז ער געשטאַנען און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַ רואיקער, אַ צופרידענער און שטיל געזאָגט:

— גאָט פאַרזאָרגט אַלעמען אויף דער וועלט, וועט ער מיר אויך פאַרזאָרגן. ס׳איז מיר איצט ליכטיקער די וועלט ווי איידער דאָס טאָכטערל איז מיר געבוירן געוואָרן.

ברוכס שטימע האָט איר דערוואַכט פון טראַכטן.

— ווי איך קום נאָר, שיק איך אַ שיפסקאַרטע—האָט ברוך געזאָגט מיט גאוה!

—ווי איך קום! איר וועט זען, ווי נאָר איך קום!

— איך גלויב זאָלסט גיין צו דער מאַמען—האָט פעסל געזאָגט—זי מוז זיין אומרואיק! גיי אַרויף צו איר, ברוך.

— נו, טאַקע, ברוך—האָט פעסל׳ס מוטער געזאָגט—גיי גלייך! מיר׳ן אַליין איינפּאַקן.

— זי האָט אַ סך עסנוואַרג פאַר דיר געבראַכט—האָט פעסל געזאָגט—ברענג אַהער, וועלן מיר דאָס אַלעס איינפּאַקן.

ברוך האָט אָבער געוואָלט זיין מער לעבן פעסלען ווי גיין צו דער מוטער.

ווען ברוך האָט פאַרלאָזן די הויז, האָבן געוומען אָנקומען חברה מיט פעקלעך עסנוואַרג און אַלערליי מתנות. די הויז איז פול געוואָרן מיט בחורים און מיידלעך. מ'האָט זיך געקליבן גיין באַגלייטן אים צום באַן, נו, האָט מען געבראַכט מתנות!...

— ווי וועט ער דאָס אַלעס קענען טראָגן?—האָט די מוטער געפרעגט.

— מ'וועט שוין זיך אַן עצה געבן—האָט אַ מיידל געענטפערט—מיר'ן שוין ברענגען מיט אַ דראָזשקע, מיר'ן פאָרן אַלע אין דראָזשקעס.

— אָבער מאַכט דאָרטן ניט קיין צופיל טומל—האָט פעסל געזאָגט—זיין מוטער וויל דאָס ניט!

— מיר'ן פאָרן אים באַגלייטן—האָט אַ בחור, איינער פון די קורסן, געזאָגט.

— איך אויך—האָט אַ מיידל געזאָגט!

— איך אויך—האָט אַ צווייטע געזאָגט.

ברוך איז אַריינגעקומען מיט אַ שטרויענע קאָרזינע (קאַסטן) וואָס זיין מוטער האָט אים געבראַכט. דאָרטן איז געווען אָנגעפּאַקט. דערזעענדיק וואָס מען האָט דאָ אָנגעבראַכט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואו וועל איך דאָס אַלץ אַהינטאָן?

— אויפן שיף וועט אַלץ צוניץ קומען—האָט אַ לאַנגע דינע מויד געזאָגט—דאָרטן איז אַלץ אַ סחורה, בעסער ווי דאָס שיף־עסן.

גריגאָראָוויטש איז אַריין און האָט געלאָזט וויסן אַז ער גייט היינט ניט אין גימנאַזיע.. ער פאָרט אויך צום באַן געזעגענען זיך דאָרטן.

ס'איז פול געווען מיט מענטשן, ניט נאָר אין הויז, נאָר אין הויף און אין גאַס פון הויז, איבער אַ הונדערט אין צאָל.

שאָשע, אַז זי האָט דערזען אַזוי פיל מענטשן, איז זי פאַרציטערט געוואָרן. זי האָט געמיינט, אַז ס'האָט חלילה אַ סיבה געטראָפן. זי איז צוגעלאָפן זיך איינ־הערן, וואָס מען רעדט דאָרטן. זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— האָט עפּעס דאָ געטראָפן, חלילה?

—גאָרניט!—האָט דער איינער געענטפערט—אַ חבר פאָרט אָפּ קיין אַמעריקע.

ס'האָט איר פאַרקוועטשט דאָס האַרץ פאַר שמחה און פאַר שרעק—וויפיל פריינט עס האָט מיין זון דאָ! זאָל אים חלילה קיין בייז אויג ניט פאַרשאַטן!...

און אַזוי אַ יעדער דורכגייער פלעגט פרעגן:—וואָס איז דאָ געשען? אַ סיבה חלילה?

שאָשע האָט געבעטן גאָט אַז ברוך זאָל שוין זיצן אין באַן, און האָט געדריקט די הענט צום ברוסט.

דער עולם האָט זיך גענומען פאַנאַנדעררוקן. ברוך איז דורכגעגאַנגען, מיט אים זיין מוטער און פעסל. דער עולם האָט געטראָגן די פעקלעך און די קוישן. זיין האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שליטן־דראָזשקעס און מ'איז געפאָרן צום וואָקזאַל.

## אויפן וואָקזאַל

דער וואָקזאַל איז געווען געפּאַקט. די זון האָט געוואַרעמט און דער פראָסט האָט געברענט. פון די מיילער איז געגאַנגען אַ פאַרע. ס'איז געווען סוף יאַנואַר. די לופט איז געווען שטאַרק און פריי. דער הימל איז געווען בלאָ. אויף דער סטאַנציע

פון וואָקזאַל האָט זיך געררוישט פון די אָנגעקומענע באַנען, פון באַגאַזש. מען האָט אַרויפגעלייגט באַגאַזש און אַראָפּגענומען אַלערליי קאַסטנס און פּעק. די פאַראַ־וויקן האָבן געשיפּעט, געטרובעט. מענטשן אויף אַנדערע באַנען זיינען אַרויף און אַראָפּ. ס'איז געווען אַ צענטראַלע סטאַנציע, וואָס האָט געפירט דורך צוואַנגען אין אַלע געגנטן אין פילע שטעט און שטעטלעך.

פון וויטן האָט זיך דערזען די געשטאַלט פון זלאַטען. זי איז געווען איינ־געטוליעט אין אַ מענערשן מאַנטל. די פיס האָבן זיך קאָם געהויבן. פון מויל האָט איר געשלאָגן אַ קאַלטע פּאַרע און זי האָט שווער געאָטעמט. זי האָט געזוכט מיט אירע פאַרלאָפענע רויטע אויגן. זי האָט געריבן אירע אויגן און זיי פאַר־מאַכט, זיי זאָלן זיך דערוואַרעמען. איר שווערער קערפּער האָט שווער זיך גערירט און געזוכט מיטן קאָפּ אַהער און אַהין.

זיטע האָט אויסגעשריען:

— די מאַמע איז דאָ! די מאַמע—האָט זיך צעוויינט און איז איר בעלאָפן אַנטקעגן.—מאַמע! מאַמינקע, ווארום ביזטו געקומען? אַזוי וויט און אין אַזאַ קעלט?!

זלאַטע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיטען און קאָם געאָטעמט. זי איז צו זיך אַביסל געקומען און אַלץ זיך געהאַלטן אָן איר טאָכטער, אָפּכאַפּנדיק איר שווערן אָטעם.

שאָשע און ברוך זיינען צו איר צוגעלאָפן. פעסל איז אויך צוגעגאַנגען. ברוך האָט זיך אָפּגערופן:

— ווארום האָט איר געדאַרפט קומען צום וואָקזאַל? ווארום? אַזוי וויט גייען אין אַזאַ פראָסט! זאָגט אַליין?!

— איך, איך, האָב ניט געקענט פאַרטראָגן, אַלע פאָרן און קומען אייך באַגלייטן צום באַן און איך זאָל ניט קומען?!...—האָט זי קוים אָבער גיך אַרויס־גערעדט.

— טאָ ווארום האָט איר ניט געזאָגט, אַז איר ווילט אויך פאָרן צום וואָקזאַל? וואָלט מען דאָך אייך גענומען אויפן דראָזשקע—האָט שאָשע אַזש מיט טרערן געזאָגט.—אין אַזאַ קעלט!... קומט אַריין אין בופעט, וועט איר זיך אָנוואַרעמען. איר וועט טרינקען אַ גלעזל טיי, וועט דאָס אייך דערוואַרימען.

שאָשע מיט איר טאָכטער זיטאָן האָבן זי אַריינגעפירט אין בופעט. שאָשע האָט איר צוגעבראַכט אַ גלאָז הייסע טיי מיט אַ זעמל, און זלאַטע האָט זיך מחיה געווען. וואַרשיינלעך, זי האָט נאָך ניט געגעסן...

זיטע האָט אויף איר געקוקט און געוויינט. זי האָט פאַרשטאַנען אַז די מוטער האָט נאָך ניט געגעסן און דערצו נאָך געגאַנגען אַזאַ שטיק וועג צום וואָקזאַל אין אַזאַ פראָסט. זי האָט איר אָפּגעווישט מיט איר נאָזטיכל אירע פאַרלאָפענע רויטע אויגן.

ברוך האָט געבעטן פעסלען אַז זי זאָל אַראָפּנעמען אַ פּעקל פון די עסנוואַרג און נעמען מיט מיט זיך צוריק און זאָל דאָס איגערגעבן צו זלאַטען. ער האָט דאָס אָנגעגרייט פאַר איר און ער האָט פאַרגעסן דאָס איר אָפּצוגעבן, אַזוי זאָל זי זאָגן, כדי זי זאָל זיך ניט פילן באַליידיקט, זי זאָל ניט ליידן קיין בושה.

— אַלע האָבן געקענט זלאַטען, ברוכס באַלעבאָסטע, און אַז מ'האָט זיך דער־וואוסט, אַז זי איז געקומען אַזאַ שטיק וועג ווינטשן ברוכן אַ גליקלעכע נסיעה, און וויסנדיק, אַז זי איז זייער אָרעם, איז איינס־צוויי אין דער גיך צוזאַמענגעקליבן געוואָרן צען רובל און מען האָט עס דערלאַנגט ברוכן, ער זאָל דאָס איר איבערגעבן.

ברוך האָט דערפילט די גוטהאַרציקייט פון זיינע חברים און חברטעס, אַזש ער האָט ניט געקענט אָטעמען. אים האָט פאַרקלעמט דער אָטעם פאַר זייער נאָבעלן טהאָט!

— פעסל—האָט ברוך געזאָגט—גיי רוף זיי אַרויס. באַלד דאַרף אָנקומען די באַן און גיב מיר דאָס פּעקל. איך וועל דאָס איבערגעבן מיט די 10 רובל. איך וועל איר גלייך אַריינזעצן אין אַ דראָזשקע־שליטל און איר אָפּשיקן אַהיים.

פעסל האָט זיי אַרויסגערופן און ברוך האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט אַ שליטל. דער איזוואָשטשיק האָט שוין אויף זיי געוואַרט.

ברוך האָט זי אַריינגעזעצט און זיך געזעגנט מיט איר און אויך מיט זיטען און געבעטן זיטען זי זאָל אָפּפירן די מוטער אַהיים, האָט איר איבערגעגעבן דאָס פּעקל און האָט איר אַריינגערוקט אין מאַנטל־קעשענע דאָס געלט.

זיטע האָט אַלץ באַטראַכט און געשוויגן, און שטיל איז זי צו צו ברוכן און האָט אים אַ קוש געטאָן.

ברוך איז צו צו זלאַטען און האָט איר געגעבן די האַנט און איר אַ קוש געטאָן אויפן באַק, און אַ זאָג געטאָן צום איזוואָשטשיק:

—„פּאָשאָל איזוואָשטשיק"! — די האַרץ האָט אים פאַרקלעמט.

אים איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן ווען דאָס שליטל האָט זיך צעקלונגען און זיי זיינען שוין מער ניט געווען פאַר די אויגן. ברוך האָט זיך גוט געפילט וואָס מען האָט צוזאַמענגעמאַכט די צען רובל. ער האָט אויך עפּעס צוגעלייגט, און ער האָט געפילט ווי ער וואָלט עפּעס אַ גרויס געווינס געפונען...

אַלע האָבן צופרידן געשמייכלט!

ברוך איז צו צו גריגאָראָוויטשן און האָט אים געגעבן די האַנט:

— אַ דאַנק גריגאָראָוויטש פאַרן גוטן, נאָבעלן איינפאַל.

— מיר קענען דאָך זי—האָט גריגאָראָוויטש געענטפערט.

— זעט פאַרדינגט דאָ פאַר איר מיין פּלאַץ! עס שטייט צו לאַנג ליידיק.

— איך וועל אַלעס טאָן, מיין פריינט ברוך! איר זייט אַ וואוילער מענטש, און די פריינט שאַצן אייך אָפּ!

ברוך האָט אים אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך:

— אַ דאַנק! אַ דאַנק!

— איז נאָך ניט צייט די באַן זאָל קומען?—האָט שאַשע געפרעגט און אַ טאָפּטשע געטאָן זיך מיט די הויכע קאַלאָשן וואָס איז אַרום געווען מיט שניי.

— באַלד, באַלד—האָט ברוך איר געענטפערט, האַלטנדיק פעסלען אין אָרעם.

— באַלד, מאַמע!

— ז'איז אַן אויסערגעוויינלעכע פרוי, דיין באַלעבאָסטע—האָט שאַשע פאַר־טראַכט געזאָגט.

— יאָ, מאַמע, אַן אויסערגעוויינלעכע פרוי. ווען איך בין קראַנק געווען, האָט זי מיין שמוץ אַרונטערגעטראָגן און געוואַכט איבער מיר אַ גאַנצע נאַכט! אַ גאַנצע נאַכט האָט זי קאָמפּרעסן געלייגט צו מיין קאָפּ. אַך, מאַמע, וואָרום קומט איר אַזוי שווער אַן דאָס לעבן? אויב ס'איז דאָ אַ גאָט? אויב ס'איז דאָ אַ יענע וועלט? דאַרף זי גלייך אַריין אין גן־עדן!

— יאָ, מיין קינד—האָט שאַשע געזאָגט—גאָט וועט איר באַצאָלן! זי וועט האָבן אַ גליקלעכע יענע וועלט!...

פעסל האָט גענומען אונטערטאַנצן און געקלאַפּט די קאַלאָשן איינע אַן די אַנדערע; האָט געוואָרפן די הענט, ווי די פורמאַנעס טוען ווינטערצייט, ווען זיי

דאַרפֿן זיך דערוואַרימען. ס'איז געווען אַ גרויסער טומל. שאָשע האָט זיך נערוועז אַרומגעדרייט.

— זיי ניט אַזוי אומגעדולדיק, מאַמע — האָט ברוך איר געבעטן — זיי ניט נערוועז, מאַמע!

שאָשע איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן. זי האָט ניט געפֿילט די קעלט.

— אַזוי פֿיל מענטשן, גאָט אין הימל! — האָט זי געזאָגט — זאָל קיין סיבה חלילה ניט טרעפֿן.

כאָלט שוין די באַן אָנקומען! יעדע מינוט האָט זיך איר געצויגן ווי אַ שטונדע. פֿעסל איז געשטאַנען לעבן ברוכן און האָט אים געהאַלטן אין אָרעם, ווי זי וואָלט אים ניט וועלן פֿאַרלירן...

דער עולם האָט זיך גענומען באַוועגן. איינער האָט אויסגערופֿן:

— די באַן קומט אָן!

— אָן דאָרטן, פֿון יענער זייט! — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

די באַן האָט זיך צוגעקייקלט, די פּאַרע אַרויסגעלאָזן, ווי זי וואָלט אָפּגע־אָטעמט פֿריי, און איז געבליבן שטיין, ווי אַן אויסגעמאַטערטע פֿון לויפֿן.

דער עולם האָט זיך גענומען געזעגענען. די וואָס זיינען מיט ברוכן ניט מיט־געפֿאָרן, האָבן זיך גענומען פֿריער געזעגענען, ווייל די קעלט איז געווען אַן עסנדע, אַ ברענענדע. די מוטער האָט זיך געבעטן אַז מען זאָל זיך אָפּגעזעגענען, אַלע דאָ אויפֿן וואָקזאַל, מען זאָל ניט מיטפֿאָרן; שוין צופֿיל געטומלט, ס'איז ניט געזונט, ס'קאָן חלילה, גאָט באַהיט, וואָס געשען, וואָס טרעפֿן!...

— ניין, ניין! — האָט אַ הויכע, דאַרע מויד געשריען — מיר'ן פֿאָרן אַ סטאַנציע. מיר האָבן שוין געקויפֿט בילעטן. און גלייך האָט זי זיך געלאָזן אין וואַגאָן אַריין און צענדליקע נאָך איר האָבן נאָכגעפֿאָלגט.

שאָשע האָט קיין ברירה ניט געהאַט און האָט אויך געקויפֿט אַ בילעט און זי איז אויך מיטגעפֿאָרן. זי איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן פֿון ברוכן. אַלע האָבן גע־זונגען. דער געטומל איז געווען גרויס, און שאָשע האָט זיך געביסן די ליפּן: פּשוט איר האַרץ איז שיער ניט אַרויסגעפֿאַלן פֿאַר שרעק!

— גאָט, גאָט — האָט זי אין זיך תּפֿילה געטאָן: — היט אים אויס ביז, ביז ער וועט זיך זעצן אויפֿן קאַראַבעל (ים־שיף).

ברוך האָט געזען ווי זיין מוטער איז אומרואיק און פֿול מיט שרעק:

— שרעק זיך ניט, מאַמע, דאָס איז ניט האַמליע. דאָ פֿלעגן מיר אַלע מאָל אַזוי אַרומפֿאָרן און זינגען, שטיפֿן, פּונקט ווי איצט, מאַמע.

שאָשע האָט געבראָכן די הענט און פֿאַרקרימט דאָס פּנים צו וויינען.

— ניין, מען דאַרף ניט, מאַמע — האָט פֿעסל געזאָגט — מען דאַרף פֿאַר דעם ניט וויינען. מען דאַרף זיך פֿרייען. ניט פֿילע האָבן אַזוי פֿיל פֿריינט ווי ברוך. און אַליין האָט זיך איר פֿאַרקרימט דאָס פּנים צום וויינען.

שאָשע האָט איר צוגעדריקט צו זיך און האָט זי אַ קוש געטאָן.

צען מינוט האָט צו דער סטאַנציע גענומען און אויף צען מינוט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַראָפּצולאָזן און אַרויפֿצונעמען פּאַסאַזשירן.

מען האָט זיך גענומען געזעגענען מיט ברוכן, מ'האָט זיך געקושט און גע־וויינט. געוויינט האָבן געוויינטלעך דאָס פֿרויען־פֿאָלק. געבליבן איז מוטער מיט פֿעסלען. מיט דער מוטער האָט ער זיך געזעגנט, אָט אַזוי, מיט אַ קוש, מיט אַ פּאָר ווערטער. אָבער מיט פֿעסלען איז ער אַרויף אין וואַגאָן. זי איז געשטאַנען

מיט אים ביזן לעצטן פיף. ער האָט זי געהאַלטן צוגעפּרעסט צו זיך. ער האָט זי ניט געוואָלט אָפּלאָזן:

—אַך ווי שווער מיר איז אָפּצופּאָרן פון דיר. און אַט — —

דער לעצטער פּייף! — —

אַט האָט אימיצער זי אַרויסגעכאַפּט פון זיינע הענט; אַט זעט ער זי—פאַרשווינדט!...

ווען די באַן, נאָכן געזעגענען זיך מיט פעסלען, האָט זיך אָוועקגעלאָזן, פאַר־אויס... ווי געטריבן פון טויזנט רוחות, האָט ברוך שטיל, אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיך גוט אויסגעוויינט. ברוך האָט זעלטן געוויינט, ווען מען האָט אים אַפילו געשלאָגן!...

איינמאָל, אין האַמליע, האָט מען ברוכן אַרעסטירט. מ'האָט אים געשלאָגן מכת־רצח, אָבער ער האָט ניט געוויינט, נאָר היינט האָט אים געפעלט אַ גרויסער טייל... יאָ, אַ שטיק פון זיין האַרץ—פעסל!... מיט זיין מאַמען האָט ער זיך אין דער גיך זיך געזעגנט, איין און צוויי. אָבער ניט מיט פעסלען... ווי ער וואָלט צוריסן אַ גרויסע, אַ דיקע קייט!.. האָט זיך אים אויסגעדוכט.

ברוך איז געזעסן לעבן פענסטער. די באַן האָט זיך געיאָגט איבער פעלדער און וועלדער. די זון האָט זיך געגנומען אַרונטערלאָזן. דער הימל האָט זיך צע־פלאַמט און די זון אַליין איז עפּעס געווען אַזאַ גרויסע, וואָס ער האָט דאָס אַזוינס פריער אין דער שטאָט גאַר ניט געזען. פויערים און פויערטעס זיינען שוין פון דער אַרבעט געגאַנגען מיט זייערע פאַרביקע פעלצלעך און קליידלעך, מיט קאָליר־טע טיכלעך אויפן קאָפּ. זייער געזאַנג האָט פאַרהילכט די לופט. אַלעס אַרום איז געווען איינגעטונקט אין צויבער. די אָפּגעשניטענע פעלדער זיינען געווען אַדורך דעם שניי אין אַלערליי פאַרבן; גלייכע, לאַנגע פּאַסן; געלע, רויטע, רויט־לעכע, ברוינע, פון די פאַרשידענע זריעות. ברוך האָט געזאָגט צו זיך: דעם אָוונט וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן אין מיין לעבן!... קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ביז מיין טויט!

און קוקנדיק אַזוי אין דער פענסטער פון דער לויפנדער באַן איז פאַר אים אויפגעשוואומען, זיין באַקענען זיך מיטן חבר ק. און ווי ער האָט אים מיט ראָט און כמעט מיט טאַט, געהאָלפן געווינען דעם היסטאָרישן גרויסן זאָקן־שטריקער סטרייק אין ווילנע.

## ברוך העלפט פירן דעם זאָקן־שטריקער סטרייק

ברוך האָט זיך באַקענט מיט דעם פירער פון די זאָקן־שטריקער. זיין נאָמען איז געווען ק. ק. איז געווען אַ סטודענט. ער האָט זייער ווייניק גערעדט יידיש. ער האָט פשוט ניט געקענט גוט קיין יידיש. ער האָט גוט געקענט פויליש, רוסיש און דייטש. ער איז געבוירן אין וואַרשע, ביי זייער אַ רייכער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ פאַבריקאַנט. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון געוועב—אַ וועבער־פאַבריק אין לאָדזש און אַ פאַבריק אין אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע. ק. האָט זיך אַגב אַביסל געלערנט אין אַ חדר, וואו מען האָט ווייניק יידיש גערעדט, מען האָט דעם חומש פאַרטייטש אין פויליש. דאָס ביסל יידיש וואָס ער האָט געכאַפּט איז געווען פון זיין באַבען. זי, זיין באַבע, פלעגט צו אים ריידן יידיש און ער פלעגט ענטפערן אין פויליש אָדער אין רוסיש. ק. איז געווען פון די טיפן וואָס מען זעט אין דייטש־לאַנד: אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט בלאָנדע, כמעט ווייסע האָר, אַ גרוי־סער פּנים, עלעגאַנט געקליידעט. הגם ער איז געווען פון די פירער פון די זאָקן־

שטריקער, וואָס מיינסטנס זיינען דאָס געווען יידן און פוילישע—און מיינסטנס פרויען; אויך מענער זיינען געווען אין דעם פאַך. וואָס דאָס איז געווען היימישע אַרבעט, אַרבעט, וואָס מען פלעגט אַרויסנעמען ביי די פאַבריקאַנטן. דאָס הייסט, יעדער אַרבעטער האָט געהאַט אַ מאַשינקע ביי זיך אין דער היים. דער פאַבריקאַנט האָט אים נאָר געגעבן די פאָדעם, אַלעס האָט דער אַרבעטער אייגנס געדאַרפט געבן. און דאָ, איז דער פירער ניט פעאיק געווען צו באַגרייפן, ווי צו איינצאַמען די אַרבעטער אָדער אַרבעטאָרינס. ער האָט ניט געקענט און ניט געהאַט גענוג סטרייק־היטער, וואָס זאָלן קענען היטן יעדן סטרייק־ברעכער, ווייל זיי זיינען געווען צעשפּרייט, אפילו אין די דערבייאיקע שטעטלעך. די פּאָליציי איז געווען אויף דער זייט פון די פאַבריקאַנטן, (ווי פאַרשטענדלעך). און פּראָוואָקאַטאָרן, שפּיאָנען, האָבן ניט געפעלט; זיינען פול געווען צווישן די סטרייקערס. די שפּיאָנען האָבן זיך אַרויסגעשטעלט כמעט ווי אמתע קעמפער, קעמפער־מאַרטירער, מיט שיינע רייד!... זיי פלעגן מאַכן בילבולים אויף ערלעכע, האָרעפּאַשנע, אמת׳ע קעמפער! אָן אַ פאַרוואָס, און מען פלעגט ביי זיי צונעמען די קליינע סטרייק־פאָנדן. און אַזוי זיינען זיי געצוואונגען געווען צו ווערן סטרייק־ברעכער!...

ק. האָט צו אַזאַ צעצווייגטן סטרייק ניט געהאַט די טעאָרעטישע אויסבילדונג אין זיך. אַ סטרייק־פירער דאַרף האָבן, אַ חוץ ווילן און צונג, אויך פאַרשטעלונגס קראַפט. ער האָט געגלויבט אין די שפּיאָנישע ציגנער, בילבול־מאַכער, וואָס זייער צוועק איז געווען, צו צעברעכן דעם סטרייק, דורך פאַרמסרן די ערלעכע קאַמפלוסטיקע אַרבעטער. ק. איז ניט דעם ערשטן מאָל געווען אַ סטרייק־פירער. ער איז געווען אַ פירער אין אַ זאַוואָד, וואו אַלע אַרבעטער האָבן דאָרטן געאַרבעט. אַ סטרייק־ברעכער האָט מען געקענט זען, געוואוסט ווער דער סטרייק־ברעכער איז!

דערקאָנט האָט זיך מיט אים ברוך דורך איינעם אַ סטרייקער, וועלכער האָט זיך באַקלאָגט פאַר אים, אַז דער פירער גלויבט אַלעמען; ער איז אַרומגערינגלט מיט פאַלשע סטרייק־ברעכער, וואָס ווילן פאַרניכטן די אמתע קעמפער! די אמתע סטרייקער! דער אַרבעטער האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט, אַז מ׳האָט ביי אים צוגענומען דעם הונגער־סטרייק־פאָנד אויף פאַלשע עדות זאָגן; אַז ער האָט באַוויזן, אַז דער, וואָס האָט אויף אים דעם בילבול געמאַכט, איז אַליין אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ פאַרקויפטער צום פאַבריקאַנט!... און דער פירער ק. גלויבט זיי!

ברוכן איז דאָס אַריין אין קאָפּ. זיין שרייבערשער אויספיר האָט אויסגעלייגט, אַז דאָ איז אַ מעגלעכקייט, אַז עס קאָן זיין, אַז דאָ אַרבעטן שפּיאָנען. האָט ער געבעטן דעם אַרבעטער, זען אים צוזאַמענברענגען מיט דעם פירער ק. דער פירער האָט זיך ניט געלאָזן, ניט געוואָלט, אָט אַזוי, וואָס איינער, אַבי ווער, ווער קאָן אים? וויל אים זען! איז איינמאָל ברוך געגאַנגען מיט דעם סטרייקער און אָקעגן זיי איז אָנגעקומען דער פירער ק.

— וואָרט צו—האָט דער אַרבעטער אים מיט געוואָלד געהאַלטן פאַרן אַרבל,

— וואָרט צו, „טאָוואַריש" ק. אָט, איז דער יונגערמאַן וואָס וויל אייך זען! דאָס איז דער, וואָס איך האָב אייך געבעטן זיך טרעפן מיט אים. ער איז אַ קלוגער יונגערמאַן, ער האָט שוין סטרייקס געפירט אין זיין שטאָט.

ק. האָט אים אָנגעקוקט און אָנגעקוקט ברוכן. ברוך איז אין זיינע אויגן געווען אַ יינגל. אין דער אמתן איז ער געווען אַ יינגל פון אַ יאָר $17\frac{1}{2}$, אָבער ברוכס אויסקוק, מיט די לאַנגע האָר, מיטן דיגעם צאַרטן פּנים, האָט אים אַ צופּ געטאָן,

האָט ער איז געהייסן קומען צו אים. ער׳ט אים אָנגעגעבן אַן אַדרעס אויף שוביצער גאַס, ער זאָל אים באַזוכן; ער וועט אים אויסהערן!... אפשר האָט ער דאָך פּאַרט וואָס צו זאָגן.

—איך אַרבעט ניט ווייט פון דאָרטן—האָט ברוך געזאָגט. איך אַרבעט אין „באַראָן הירש שול,״ ניט ווייט פון אייך.—איז באַשטימט, חבר ק.?—האָט ברוך געפרעגט.

באַשטימט—האָט ק. געענטפערט, און געגעבן זיי די הענט, דעם אַרבעטער און ברוכן, און איז אַוועק זיין וועג אין געאייל... און פיל מאָל גייענדיק זיי נאָכ־געקוקט פון הינטן.

אַזוי האָט ברוך זיך מיט אים באַקאַנט. צו דער באַשטימטער צייט איז ער אַהין געקומען.

ק. האָט צו אים מיט אַ שמייכל געזאָגט, ווען ער האָט אים געגעבן די האַנט:

—איר קוקט אויס ווי אַ פּאָעט. יאָ, אַזוי ווי אַ פּאָעט! זעצט זיך—האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול.

—יאָ, איך שרייב—האָט ברוך געזאָגט—אָבער איך האָב זיך פיל ניט גע־דרוקט, אַ חוץ מיינע חברים, וואָס פלעגן זינגען מיינע לידער, אין האַמליע, דאָס מערסטע אַרבעטער־לידער. איך קלייב זיך טאַקע אַרויסצוגעבן אַ ביכל לידער.

ברוך האָט אים איבערגעגעבן זיינע טעאָריעס וועגן די מוסרים, מען זאָל זיי אונטערזוכן, זיי זאָל מען נאָכגיין, זיי זאָל מען באַזוכן אין זייערע הייזער, אין זייערע היימען; מען זאָל זען ווי זיי לעבן, מיט וועמען זיי חברן זיך.

ק. האָט דערשמעקט אַז ברוך האָט אים וואָס ענטדעקט! פּשוט, ער האָט אים דעם שליסל צו זיין קאָפּ־ווייעניש דער לאַנגט. אַ טייערע רפואה!...

—איר זייט דאָך אַ וואונדערבאַרער יונגערמאַן; איר האָט דאָך וויזיע פון אַ נביא! איר האָט דאָך אַ קאָפּ פון אַ געניע—האָט דער גרויסער ק. אים צוגעדריקט צו זיך.—אויב אייער טעאָריע וועט זיך אַרויסווייזן ריכטיק, וועט איר ווערן מיין עצה־געבער... מער ווי פון מיינע געלערנטע אַדוואָקאַטן!...

—אָבער איין זאַך וויל איך, אַז איר זאָלט מיין נאָמען ניט דערמאָנען; אַפילו די סטרייקער און אייערע העלפער זאָלן ניט וויסן פון מיר און וועגן מיין איינטייל אין דעם סטרייק. יאָ, רופט מיך ב., ווי איך רוף אייך ק. אָפּגעמאַכט?!

—גוט, אָפּגעמאַכט!—האָט ק. געזאָגט—פון איצט, זייט איר מיין קוזין ב.

—דאָס איז נאָך בעסער—האָט ברוך געזאָגט—אַפילו ניט דערוואַרטעט אַזאַ גוטן איינפאַל.

זיי האָבן זיך צעטיילט, ווי אמתע אייגענע, און די אַרבעט האָט זיך אָנגע־פאַנגען.

צומאָרגנס האָט חבר ק. באַזוכט ברוכן אין זיין ווערקשטאַט, זיך מיט אים אַדורכגעשמועסט, ווי אָנצופאַנגען די אונטערזוכונג. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז נאָר עטלעכע זאָלן וויסן וואָס זיי טוען. ברוך האָט אים געראָטן צו נעמען דעם מאַן, דעם סטרייקער, וועלכער האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט. ק. איז געקומען צו ברוכן אין שוואַרצע גלעזער, ווי ער וואָלט כמעט אַ בלינדער געווען. ער, ק., האָט מודה געווען פאַר ברוכן, אַז ער איז געקומען גאָר אים אונטערזוכן. ער האָט זיך נאָכ־געפרעגט אין קאָנטאָר וועגן אים און האָט גענוג באַווייזט, אַז ער קאָן אים גלויבן, אַז ער קאָן אים געטרויען. דער גרויסער 28־יאָריקער ק. און דער 17½־יאָריקער ברוך זיינען חברים געוואָרן. ביידע האָבן זיך געטרויט.

—מיך פרייט אייער סברה—האָט ברוך געזאָגט.—איך זע אַז איר האָט זיך

אָנגענומען פון מיר. איך טו כמעט דאָס זעלבע, ווי איר האָט געטאָן. איך האָב שוין גענוג געליטן פון שפּיאָנען.

יענעם אָוונט האָבן זיי זיך געטראָפן אין אַ ביר־טראַקטיר. זיי האָבן זיך געזעצט אין אַ ווינקל און מען האָט באַשלאָסן, ווען און ווי צו נעמען זיך צו דער אַרבעט! ברוך האָט פאָרגעשלאָגן: פינף פון די אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרמסרט געוואָרן, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען דעם סטרייק־פאָנד, אַז זיי זאָלן זיין אונדזערע ערשטע שפּיאָנען. זיי, די פאַרדעכטיקע, נאָכשפּיאָנירן און ברענגען באַווייזן וועגן זיך, זיך ריינוואַשן, אַז זיי זיינען ערלעכע, אמתע, איבערגעגעבענע אַרבעטער; געפינען די פּראָוואָקאַטאָרן און די שפּיאָנען, וואָס אַרבעטן פאַר די פאַבריקאַנטן.

אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין געבראַכט פרוכט, רעזולטאַטן! אַרום פינף אַרבעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז זיי פאָרן אַרום מיט אַ פאַרדעכטיקטן פאַרמאַכטן פייעטאָן, וואָס פירן פאַנאַנדער פאַדעם צו די סטרייק־ברעכער, און נעמען צו די פאַרטיקע אַרבעט צוריק צו די פאַבריקן. עטלעכע פּראָוואָקאַטאָרן האָט מען געזען אַריינקומען אין אַ פאַבריקאַנטס הויז. שפּיאָנען איז געוואָרן אַביסל שווער צו כאַפּן. זיי זיינען שוין געוואָרן געניטער, קלוגער, אַז עס קאָן זיין קאָנטער־שפּיאָנען... האָבן זיי זיך מער געהיט. זיי זיינען קיין אַרבעטער ניט געוואָרן אפילו. זיי האָבן זיך אָנגעהערט, מען האָט זיי אויסגעלערנט ווי אָנצוגיין מיט די אַרבעטער; מען האָט זיי פּשוט טעאַטעטיש געמאַכט פאַר זאָקן־שטריקער! ווי זיי וואָלטן ווירקלעך געוואָרן אמתע שטריקער!...

ברוך האָט געראָטן, אַז מען זאָל זיך מאַכן ווי מען ווייסט גאָרניט, און מ׳זאָל אַפילו אָנגיין מיט דער אַרבעט, ווי געוויין. איין מאָל האָט ברוך באַמערקט, אַז דער זעלבער מאָן, וואָס האָט אים אַמאָל נאָכגעקוקט אין רעסטאָראַן, דרייט זיך אַרום צווישן די סטרייקערס. איז אים שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער מאָן איז אַ שפּיאָן, ניט קיין זאָקן־שטריקער. ער האָט זיך פאַרשטעלט זיין פּנים און איז אויף גיך אַוועק. ער האָט געלאָזן וויסן ק. אַז מען זאָל אויסגעפינען וועגן דעם „סטרייקער“! אַז ער האָט אַ גרויסן חשד אויף אים...

מען איז געגאַנגען אויף זיין אַדרעס, וואָס ער האָט אָנגעגעבן אַז ער אַרבעט דאָרטן, דאָס הייסט, אַז ער האָט זיין מאַשינקע דאָרטן, און וואוינט מיט זיין ווייב און דריי קינדערלעך.

אויף דעם אַדרעס האָט מען שוין געפונען אַ פּאָליציי־נעסט, אַ געהיימע הייזל... מען האָט געזען פּאָליציילייט אַריינגיין אַהין און אַרויסגיין פון דאָרט, הגם ס׳איז געווען אַ פּשוט גרויסער רייכער פּאַלאַץ.

ברוך האָט שוין געוואוסט, אַז ער איז אויף זיין צעטל. ברוך האָט געראָטן ק. ער זאָל ניט וואַרטן און פּטור ווערן פון אים, ווייל סוף־כל־סוף וועט ער אים אויך אַרעסטירן, צוזאַמען מיט די טעטיקסטע פון די סטרייק־פירער.

— ווי, וואָס טוט מען?—האָט ק. אים געפרעגט.—ס׳איז אַן ערנסטע שטיקל אַרבעט!...—האָט ער זיך געקראַצט די פּאַטילניצע.

— שיקט אים מיט פאַרטרויטע אַרבעטער, וואָס וועלן איינשטימען צו טאָן די אַרבעט!... איך גלויב איר וועט קיין שוועריקייטן ניט האָבן צו קריגן אַזעלכע. זאָגט אים, אַז מען האָט געפונען אַ נעסט פון סטרייק־ברעכער, וואָס מען האָט געבראַכט אַ סך פאַדעם דאָרטן, און ס׳אַרבעטן אַ סך מאַשינקעס מיט סטרייק־ברעכער, און איבערפאַרנדיק איבער דער ווילייע... ווייטער פאַרשטייט!... פאַרשטייט איר וואָס איך מיין?...

אַזוי איז געטאָן געוואָרן.

פינף אַרבעטער, מיט דעם שפּיאָן, האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע, וואָס אויף „קאָזלע" איז אויך געזעסן אַן אַרבעטער, און ווי מען איז אַדורכגעפאָרן אַ שטילע געסל, האָבן צוויי אַרבעטער אַ צי געטאָן אַ שטריק—נאָר אַ כאָרכל האָט זיך געהערט, און איבערפאָרנדיק אַ בריקל איבערן וואַסער, האָט עפּעס אַ פאַל געטאָן אין דער ווילייע...

---

צומאָרגנס האָט מען געפונען אַ מאַן, וואָס „האָט זיך דאָס לעבן גענומען"... מען האָט געפונען אַ צעטעלע אַז ער איז מיד פון לעבן, און דאָס איז זיין אויסוועג, זיין איינציקער אויסוועג!... „האָב אַ מיאוסן לעבן געפירט!..."

פּאָליציי האָט דאָך געוואוסט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון די סטרייקער, אָדער רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אים דערקאָנט... זיי האָבן געמאַכט אַ שוויג און מען האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ זעלבסטמאָרד.

די פּאָליציי האָט גענומען פאַרפאָלגן די זאָקן־שטריקער און אָפּצוהיטן אַנדערע שפּיאָנען. זייער קוק איז געווען, אַז איינער האָט דאָ אַ טיר צו זיי און אָפענע פענסטער צו זיי... ער קאָן זיי. זיי האָבן זיך געהיט, און יעדן פאַרדעכ־טיקטן האָבן זיי שוין אים נאָכגעפאָלגט, נאָכגעשפּיאָנירט...

ברוך איז איינמאָל אַריין צווישן די סטרייקערס, און דערזעענדיק אַ יונגנ־מאַן מיט לאַנגע האָר, האָט מען אים שוין געהיט, וואו ער גייט און וואו ער שטייט!..

אין אַ חודש אַרום האָט דער סטרייק זיך טאַקע געענדיקט! און קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער ס'האָט דעם סטרייק אין אמתן געוואונען. ס'איז ניט גרינג געווען! אָבער ברוך האָט געהייסן מען זאָל גיסן אַלעם אין די פּעק פון די פּאָדעם, און אויך אין די פאַרטיקע זאָקן זאָל מען טאָן דאָס זעלבע... דאָס האָט באַצוואונגען די פאַבריקאַנטן אַז זיי זאָלן נאָכגעבן די סטרייקערס!... אַזוי האָט דער סטרייק זיך געענדיקט...

געוואוסט האָבן צוויי מענטשן, ווער ס'האָט דעם סטרייק געוואונען: איינער איז דער חבר, וועלכער האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיטן פירער ק., און דער פירער ק. אַליין! און צווישן די באַגלייטער, איצט, היינט, איז טאַקע געווען די צוויי דאַנקבאַרע, און מיטן גרעסטן רעספּעקט צום דאַרן, בלייכן, 17½ יאָריקן ברוכן... האָבן זיי געזאָגט:

— פאָרט געזונט—האָט חבר ק. אים געגעבן די האַנט און אים שטאַרק געדריקט—מיר דאָ וועלן אייך געדענקען; אויך וועלן אייך געדענקען די צען טויזנט זאָקן־שטריקער, וואָס קענען אייך ניט!... שרייבט אונדז, ווי ס'וועט אייך גיין דאָרטן אין דער פרייער אַמעריקע!

ברוכן האָט דאָס אַלעס, די לעצטע ווערטער פון חבר ק. גערירט ביז צו טרערן. זיצנדיק אין באַן האָבן אים טרערן אָנגעפילט די אויגן, און אַ שטילער כליפּ האָט אים אַזש אַ דריק געטאָן אין האַרצן, דאָס ער האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— אוי, מיין האַרץ!...

---

פאַר ברוכן איז די אַרבעט אין די קורסן, דאָס צייכענען, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע און אַלגעבּרע ניט שווער געפאַלן: דער עיקר טריגאָנאָמעטריע. אָט האָט ער אויסגעמאָסטן אַ וואַנט: אַזויפיל און אַזויפיל די לענג אַזויפיל און אַזויפיל די ברייט, און גלייך אויסגערעכנט וויפיל ציגל מען וועט דאַרפן, צום פּונקט. ער האָט אויסגערעכנט וויפיל וואָג ס'דאַרף זיין דער פונדאַמענט אויפצו־

האַלטן אַזויפיל און אַזויפיל עטאַזשן. ס׳איז ביי אים געווען אַ קאָפּ־אַרבעט, און קאָפּ־אַרבעט האָט ער ליב געהאַט; וואָס שווערער, אַלץ געשמאַקער געווען; מער איינגעשפּאַרטער צו דערגיין דעם דנאָ... צייכענען פיגורן האָט ער אויך ליב געהאַט. ער פלעגט נעמען רויטן האָלץ און זיי צוזאַמענגעקלייעט די גרויס פון אַ פּנים און אויסשניצן אַ פּנים. צוזאַמענשטעלן פון שטיקלעך פלעגט ער דערפאַר, כדי ס׳זאָל זיך ניט שפּאַלטן, און אויסקלייבן איין גלייכן קאָליר: פול רויט, ניט ווי געווייינטלעך: איין שטיק האָלץ האָט אַ טונקעלן פאַרב, אַנדערע, פּשוט ווייס; אַזוי פלעגט ער אויסקלייבן איינע און גלייכן.

צוזאַמענשטעלן פאַרבן האָט ער אויך ליב געהאַט; פאַרבן, אַז די זון זאָל ניט אָפּבליאַקעווען. ער האָט ניט נאָר אויסגענומען אין צוזאַמענשטעלן וויסנשאַפטלעך די פאַרבן, ער האָט אויך צוגעגעבן אַ פאַרב, אַ נייעם עלעמענט, אַז דער אינס־טרוקטאָר איז נתפּעל געוואָרן...

עס האָט אים רק געטריבן צו דערפינדן. עפּעס אַליין אויפטאָן! אויף יעדן געביט. הגם ער האָט פיל זאַכן, געגנשטאַנדן, דערפונדן, האָט ער זיך דאָך ניט באַרימט מיט דעם. אויב ער האָט עפּעס דערפונדן, האָט דאָס שוין דערנאָך קיין ווערדע ניט געהאַט ביי אים. אַזוי איז דאָס געווען פון זיין קינדהייט אָן. ברוך האָט אָנגעפאַנגען אַ זאַך, האָט ער שוין אין מוח, אין דמיון, שוין געזען ווי ס׳וועט אויסקוקן פאַרטיקערהייט. פיל מאָל האָט ער ניט אויסגעשליפן, ניט אויסגעפיילט, ווייל ס׳האָט אים געטריבן גיכער צו פאַרענדיקן זיין זאַך, זיין אַרבעט, ווייל אַלעס האָט ער טעאָרעטיש געהאַט, איעדן אינסטאַנץ פאַר זיך פיקס־און־פאַרטיק. דערפאַר האָט ער פיל געשאַפן. ברוך האָט געשאַפן זיינע לידער אויך אַזוי: אָנגעוואָרפן און פאַרטיק. הגם ער האָט עס אָוועקגעלייגט, זאָל זיך דאָס אַדורכ־לופטערן. שפּעטער פלעגט ער עס נעמען איבערהובלען, איבערשלייפן, באַפּוצן, איבערפיילן און ווידער אַוועקלייגן: זאָל עס איבערזויערן. תמיד האָט ער געפונען איבערצובייטן ווערטער, תמיד אַ נייערן גראַם. אַזוי אויך מיט זיינע שניצונגען. אָט דאַכט, האָט ער אויסגעשניצט אַ וואונדער־שיינעם קאָפּ, אָדער אַנאַנדער זאַך, שפּעטער איז אים די נאָז ניט געפעלן געוואָרן, דאָס אויג אַביסל אַנדערש. האָט ער ווידער געשניצט. אַזוי זיין צייכענען. עפּעס אַנדערש; עפּעס וואָס נייעס, וואָס איז ניט געזען געוואָרן. אָריגינאַליטעט—דאָס וואָס ער האָט געזוכט.

דערפאַר האָט ער ליב געקראָגן די קורסן, ווייל דאָרטן לאָזט מען זיך אַנט־וויקלען, טאָן וואָס מען וויל! אַליין וואָס אַרויסברענגען, אַליין דערפינדן, אַליין, אייגענעס שאַפן...

נאָך אַ טאָג אַרבעט אין ווערקשטאַט, מאַסטערסקאַיע, פלעגט ער אויף גיך אָפּכאַפּן זיין עסן און לויפן אין שולע, צו די קורסן. אַז דער אינסטרוקטאָר פלעגט אָנווייזן צו שאַפן אַזאַ מין צייכענונג, האָט ער אימער עפּעס צוגעגעבן, אָדער גאָר אַנדערש באַאַרבעט; אַן אַנאַנדער קאָרניז, אַנאַנדער טיר; עפּעס ניט ווי מען האָט אים געהייסן. אַגב האָט דער אינסטרוקטאָר אַלעס אָנגענומען. עפּעס האָט ער מיט ברוכס אַרבעט געווען צופרידן. ער האָט זעלטן געהייסן אים וואָס איבער־צואַרבעטן.

ברוך, אַז ער פלעגט לייענען אַ בוך, האָט ער קיינמאָל ניט געזאָגט אַז ס׳טויג ניט! ער האָט אין יעדע שלעכטע ווערק געפונען עפּעס וואָס ס׳האָט אים צופרידנ־געשטעלט. צוליב עטלעכע גוטע שורות האָט ער פיל מאָל געלייענט אַ ליד. רייזען איז געווען פון זיינע בעסטע, באַליבטע פּאָעטן. פון רייזענס לידער האָט אויפגעבראַוזט אין אים צו שרייבן, אין זיין קינדהייט. אין חדר נאָך האָט ער שוין

רייזענען ליב געהאַט. ער האָט אויך ליב געהאַט שלום עליכמען. שלום עליכמען האָט ער גרינג פאַרשטאַנען. פרצן—ס'איז אים געווען צו טרוקן פּרצן. ער פלעגט ווייַנען מיט ביטערע טרערן פאַר די לײַדן פון די העלדן און פלעגט לאַכן ביז טרערן פון שלום עליכמס דערציילונגען. אַך, וויפיל טרערן ער האָט פאַרגאָסן לייענענדיק „יאָסעלע" פון דינענזאָן, און „ראַבטשיק" פון שלום עליכם.

## אין ליבאַווע און נאָך אַמעריקע

אין ליבאַווע איז ברוך אָנגעקומען אַלס „נחמיה פּיטאַצקי" און אַזוי האָט ער זיך גערופן ביז ער איז אָנגעקומען אין ניו־יאָרק.

אין ליבאַווע איז אים גראָדע ניט אומעטיק געווען. דאָרטן זיינען פול געווען בחורים און מיידלעך. ער, ברוך, האָט זיך אַרומגעקליבן מיט מיידלעך. ער איז געווען פיין געקליידעט מיט לאַנגע האָר, מיט אַן אינטעליגענטן פּנים; האָט אימער געלייענט ביכער, ווען ס'איז ניט געווען וואָס צו טאָן. אין ליבאַווע האָט מען גע־דאַרפט שטיין פיר טעג. ברוך האָט געהאַט פיל צו עסן. די מוטער האָט אָנגעבראַכט אַלערליי זיסע און זויערע וואַרעניעס,אַלץ וואָס זאָל זיין אויפן וועג צו דערקוויקן דאָס האַרץ; קאָלבאַסע (וואורשט) און „ווענטשינאַ" (קאַרן־ביף) האָבן די חברים געבראַכט; אַ פלעשל בראָנפן האָבן זיי אויך פאַר אים איבערגעלאָזט; אַלערליי צוקערקעס (קענדי) און טערטעלאַך, לעקאַך און אַ האַלבן ראָזעוון גרויסן ברויט; סאַרדינס, געגנדזענע גריוון. אין די פיר טעג וואָס ברוך איז איינגעשטאַנען אין ליבאַווע האָט ער גאָרניט געדאַרפט קויפן אַ חוץ אַ גלעזל טיי אָדער אַ קאַווע.

מיידלעך האָט ברוכן אויך דאָרטן ניט געפעלט, אָבער ניט איינע איז אים אין קאָפּ געלעגן. וואָס מער מיידלעך זיינען דאָרט געווען, אַלץ מער האָט ער געבענקט נאָך פעסלען. ער פלעגט גיין אַלע טאָג אין טעאַטער. ווען ער פלעגט בלייבן אַליין, האָט ער איין זאַך געזען—אירע גרויסע פאַרחלומטע בלויע אויגן!

ברוך האָט, איין מאָל קומענדיק פון טעאַטער, אַזוי געבענקט נאָך פעסלען, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו:

„מיין טייערע פעסל:

היינט געווען אין טעאַטער און זיצנדיק איינינקער אַליין! און דאָדערט שפּילט מען אַ ליבעס־סצענע, דאָס די האַרץ אַזש צעגייט אין מיר. אַך, וואָלט איך דיך וועלן האָבן ביי מיין זייט, צו זען אַזאַ סצענע, ס'איז אַן אמתע סצענע! אַזוי, טייערע, פיל איך אַליין. אַזוי האָב איך געבענקט נאָך דיר. טייערע: ס'איז דאָ פול מיט מיידלעך און ניט איינע קאָן שטילן מיין בענקשאַפט נאָך דיר. שטייסט פאַר מיר ביי טאָג, ביי נאַכט, מיין גאַנצע צייט איז פאַרנומען מיט דיר. דו האָסט צוגענומען ניין־און־ניינציק פּראָצענט פון מיין איך; ניין־און־ניינציק פּראָצענט בין איך דיינער. ס'איז גאָר ניטאָ קיין זאַך, וואָס איך זאָל דיך דורך דעם ניט זען, ניט בענקען נאָך דיר. אַך, טייערע פעסל, נשמה מיינע. איך טראַכט פיל מאָל, ווי קומט עס צו מיר? ווי קומט עס צו אַזאַ מאַטעריאַליסט צו ווערן אַזוי סענטימענטאַל?... איך האָב אָנגעשריבן פילע לידער פון מיין בענקשאַפט, גוטע לידער! איך זאָג דיר, גוטע לידער! נאָר איך וויל דיר ניט שיקן קיין איינציקע פון זיי. כ'וויל ניט, ווי דו האָסט עס מיר אַמאָל געזאָגט: אַז מען קאָן זיך פאַרליבן אין די לידער... דערפאַר וויל איך טאָקע ניט! דערפאַר שיק איך דיר ניט קיין איין־איינציק ליד. איך וויל דו זאָלסט טראַכטן און בענקען פון מיר, ווי איך נאָך דיר. אָט

שטייסטו פאַר מיר, ניט ווי ווען דו האָסט זיך מיט מיר געזעגנט, נאָר ווי איך האָב דיך דערזען צום ערשטן מאָל. אַך, פעסל, ווי דו האָסט פאַר מיר אויפגעשיינט יענע נאַכט. דו האָסט מיר פּשוט ליכטיק געמאַכט מיין לעבן, יענע ערשטע נאַכט, ווען מיין בליק איז געפאַלן אויף דיר. און ס'שיינט נאָך יעדן טאָג ליכטיקער אין מיין נשמה. אַפילו אין פּאָעזיע איז ניטאָ גענוג פראַכט פון ווערטער זיך אויסצעדריקן, ווי ווען איך זע דיך אין מיין האַלוצינאַציע. נשמה מיינע! ווען איך קאָן דיר איצט האָבן לעבן מיר—דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט וואָלט איך געווען. איך וואָלט אויסגעאָנגען פון גליק, מיין אייציקע דו! דו האָסט מיר אָנגעטאָן אַ פאַנצער פון צויבער. טראַכטן פון דיר וועט מיר גרינגער זיין דורכצוגיין אַלע ימען פון דער וועלט. דו וועסט זיין דער שטערן, וואָס וועט מיר באַלייכטן מיין וועג צום ציל... אַך, דו טייערע: חלום, טרוים פון מיר, ווי איך טרוים פון דיר. אין יעדן וואָרט אַ קוש געפין פאַר דיר. זיין געבענטשט, מלאך מיינער.

דיין אייביק־ליבנדער ב ר ו ך."

ווען ברוך האָט אָוועקגעשיקט זיין בריוו צו פעסלען, איז אין זעלביקן טאָג אים אָנגעקומען אַ בריוו פון איר. ער האָט דעם בריוו ניט דערוואַרטעט פון איר. ער האָט ניט געוואוסט באמת, ווי לאַנג ער וועט דאַרפן וואַרטן פאַרן שיף אין ליבאַווע. דער בריוו איז אָנגעקומען אין שיף־קאַנטאָר אויף זיין נאָמען.

ברוך האָט זיך אַליין געלויבט, אַז ער דערפילט, וואָס עס וועט אָנקומען. ער פילט—אַט, למשל—דער בריוו. אים האָט געשטופּט צו גיין אין קאַנטאָר! הגם ער האָט דאָרטן גאָרניט געדאַרפט גיין. אַזוי האָט ער גאַנץ פרי גענומען זיין בריוו און איז אַוועק אין קאַנטאָר און האָט אים אַריינגעוואָרפן אין בריוו־קעסטל. אָט איז ער דורך עטלעכע מאָל דאָס טירעלע וואָס מען פרעגט דאָרטן פראַגן וועגן אַלערליי אָנגעלעגנהייטן. ער האָט שוין גאָר געוואָלט אַוועקגיין, איז פון קאַנטאָר אַרויס אַ יונגערמאַן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר וואָס געוואָלט, מיין הער? איר ווילט אפשר וואָס פרעגן, מיין הער?

— יאָ—האָט זיך ביי ברוכן אַרויסגעכאַפּט—יאָ, אפשר איז דאָ אַ בריוו פאַר נחמיה פּאָטאָצקי? ס'איז מיין נאָמען! איך דערוואַרט אַ בריוו פון ווילנע, פון ווילנע דערוואַרטע איך אַ בריוו—האָט ער צעטומלט געשטאַמלט.

— איין רגעלע—האָט דער יונגערמאַן אים געזאָגט—זעצט זיך צו אַ וויילינקע און איך וועל אַדורכקוקן די בריוו.

ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּאַק בריוו! איינמאָל אַדורכגעקוקט און זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַזאַ נאָמען דאַכט זיך באַמערקט. האָט ער ווידער גענומען איבערקוקן די בריוו און פריילעך זיך אָפּגערופן:

— שיער פאַרזען, שיער פאַרקוקט. יאָ, אָט האָט איר אַ בריוו און טאַקע פון ווילנע. מסתמא פון אַ פריילין, האַ?—האָט ער זיך צעשמייכלט דערלאַנגענדיק אים דעם בריוו מיט זיין ווייסער מאַגערער האַנט, אַ האַנט מיט לאַנגע דינע פינגער.

— יאָ—האָט ברוך זיך גליקלעך אָפּגערופן—יאָ, מיין געליבטע! מיין כלה! און גיך געכאַפּט דעם בריוו און זיך אַוועק אין אַ ווינקל און איבערגעלייענט. זיין הארץ האָט אין אים געטאַנצט פון פרייד! ער האָט דעם בריוו געהאַלטן אין האַנט און האָט זיך געלאָזן אויפן קוואַרטיר.

דער שניי האָט געשקריפּעט אונטער די פיס. דער פראָסט איז געווען שטאַרק. די לופט פון ים האָט געטריבן מיט אַ פּראַסטיקן ווינטל, וואָס האָט נאָך קעלטער געמאַכט די לופט. אַגב איז די זון געווען אין פולן ליכט און אַקעגן זון איז ניט גאָר קאַלט געווען. ס'האָט נאָר דער ווינט אַביסל געגעסן מיט אַ קעלט און רויט געמאַכט די באַקן און געביסן די אויגן.

ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיין בעטל און ווידער גענומען לייענען דעם בריוו: (פעסל פלעגט פאַרבייטן דעם שין אויפן סמך און דעם סמך אויפן שין, כמעט ווי אַלע ווילנער האָבן גערעדט) און ער לייענט:

„ליבער ברוך!

שוין צוויי טעג אַז דו ביזט אַוועק, ברוך, און ביי מיר איז דאָס ווי צוויי חדשים. ס'איז מיר ענג אין שטוב. ס'איז מיר ענג אין די גאַסן. איך אַרבעט ביט! איך קען ניט אַרבעטן! איך קאָן ניט זיצן אויף איין אָרט! איך גיי איבער די גאַסן. איך גיי אין דער וועלט אַריין! נעכטן בין איך צוויי מאָל אַזוי פאַרגאַנגען צום וואגזאַל. כ'ווייס ניט ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפן, צוויי מאָל. די קעלט איז זייער אַ גרויסע דאָ. דו ווייסט ווי קאַלט ס'איז געווען ווען מיר האָבן דיך באַגלייט, און ביי־נאַכט האָט געשאָטן אַ שניי און קעלטער איז איצט ווי געווען און דער שניי איז זייער טיף. אָבער איך האָב ניט געפילט די קעלט און איך האָב ניט געפילט די טיפקייט פון דעם שניי...

ליבער ברוך! ערש איצט פיל איך ווי דו פעלסט מיר. ערשט איצט ווייס איך, אַז איך ליב דיך, אַז איך גיי אויס—נאָר דענקענדיק פון דיר. גאָט! ווי וועל איך אויסהאַלטן אַזוי לאַנג זיין אָן דיר, ברוך, טייערער מיינער, האַרץ מיינער. ברוך, ווי דו וועס קומען, שיק נאָך מיר. שיק נאָך מיר. איך וועל אַרבעטן און אויסצאָלן די שיפסקאַרטע.

טייערער ברוך: היינט איז געווען דיין באַלעבאָסטעס טאָכטער און האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע אין די קורסן בעטן דיר, דו זאָלסט זיי שרייבן ווי דו גייסט נאָר אַריבער דעם גרעניץ. זיי ווילן נאָר וויסן אַז דו ביזט ניט מער אין רוסלאַנד שוין! ברוך, דאָ איז געווען דיין קוזין ק. ער זאָגט אַז דו ביזט זיין קוזין. איך האָב גאָרניט געוואוסט אַז דו האָסט דאָ אַ קוזין, ברוך! האָסט מיר אַלע מאָל געזאָגט אַז דו האָסט דאָ קיינעם ניט אין ווילנע. ער וועט קומען אויך אַ צווייטן מאָל און וועט זיך נאָכפרעגן צי דו ביזט שוין אויפן שיף. דיין מאַמע האָט מיך געבעטן, אויב איך וויל צו זיי פאָרן פאַר אַ פּאָר וואָכן אין האָמליע. הגם איך האָב ניט געזאָגט ניין, וועל איך דאָס ניט קאָנען טאָן! מיין מאַמע האָט שוין געזאָגט אַז זי וועט מיך ניט לאָזן פאָרן אַליין. ליבער ברוך, שרייב איר, אַז איך קאָן דאָס ניט טאָן! איך קאָן ביי קיינעם ניט זיין. דו ווייסט דאָך, ברוך, אַז איך קאָן ניט! דו וועסט דאָס טאָן פאַר מיר, ליבער ברוך, שרייב איר. ווייל איך קאָן דאָס איר אַפילו ניט שרייבן. דו וועסט עס איר בעסער דערקלערן. דו קענסט, ברוך!

די מאַמע לאָזט מיך ניט רוען: משוגע, זאָגט זי, בין איך. ווייל איך גיי אַרום אין די גאַסן, ווייל איך רייד צו קיינעם ניט, ווייל איך קאָן ניט עסן און קאָן ניט שלאָפן. אַך, ברוך, ווי מיר בענקט זיך נאָך דיר! ווען איך האָב דיין שפּראַך, דיין לשון, וואָלט איך דיר אויסגעשריבן אַ בריוו, וואָלסטו וויסן ווי איך פיל, ווי דו פעלסט מיר. מאָרגן וועל איך דיר

שרייבן נאָך אַ בריוו, ווייל איך האָף וועסט נאָך דעם צווייטן אויך דערהאַלטן. זיי געזונט, מיין ליבער.

מיט מיין גאַנצן האַרצן, מיין טייערער ברוך

אייביק דיינע פּעסל׳

ברוך האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל, האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און געבלאָזן דאָס רויך צו באַלקן. זיינע געדאַנקען זיינען געווען מיט פּעסלען. אָט האָט ער זיך געזען אין ווילנע, אָט לעבט ער איבער דעם פאַרגעניגן ווי ער האָט זיך מיט פּעסלען געשוואָרן ליבע—דאַן איז דאָך אויך געווען אַ קאַלטע נאַכט. דער ערשטער שניי דאַכט אים איז דאָס געווען. אַך, אַך! יענע גליקלעכע נאַכט. די קושן, ווי האָניק! אָך דאָס איז דאָך טעם גן־עדן געווען!

ברוך האָט זיך דערמאָנט פון אַן עפּיזאָד וואָס פּעסל האָט אים דערציילט אין שלאָפלאָזע נעכט אָדער אין איינזאַמקייט פלעגט אים קריכן אין קאָפּ, אין דמיון אַריין אַלערליי געשיכטעס, מעשות. אַזוי איז דאָס אימער מיט אים געווען אַלערליי נאַרישקייטן און אַלערליי וויכטיקע עפּיזאָדן. אָבער וועגן פּעסלען האָט ער זיך געגראָבן, פון וואָס צו טראַכטן וועגן איר. ס׳איז אים זיס געווען יעדע איבערלעבונג פון איר. זי, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל פאַרערער—האָט אים גראַדע אויסדערוויילט פון זיי אַלעמען, פאַר איר גליבטן און צוקונפטיקן מאַן.

די שיינע פּעסל איז געליבט געווען פון אַלע בחורים, אַפילו די סטודענטן האָבן זיך צו איר געקלעפּט!

איין סטודענט, אַ יונגער, געזונטער און טאַקע אַ רייכער, איז פּשוט אויסגע־גאַנגען פאַר איר, פאַר איר, פאַר פּעסלען. זי פלעגט אָפּט מיט אים אַרויפקומען צו גריגאָראָוויטשן. זיין נאָמען איז געווען לאַזאַר לעוו. ער איז געווען אַ פּייאַיקער סטודענט און געהאָפּט אָפּצופאָרן אין שווייצאַריע זיך צו לערנען פאַר דאָקטאָר. ער איז געווען אַ לעבעדיקער, אַ וויצלער. זיין לאַנגער נאָז האָט אים געקליידט צו זיינע פּעטע ליפּן און טיפע בלויע אויגן. אימער איז אַ שמייכל געלעגן אויף זיינע ליפּן. אין פאַרנט האָט ער געהאַט צוויי גרויסע ציינער אַרויסגעסטאַרטשעטע און צוויי שאַרפע שלייפן, ווי הערנער, וואָלטן געדאַרפט אַרויסוואַקסן. זיין גאַנצער אויסזען איז געווען עלעגאַנט און איידל דערצויגענער.

הגם פּעסל איז מיט אים אַרומגעגאַנגען, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי ליבט אים ניט אַלס אַ מאַן! ער איז איר געפעלן און זי האָט הנאה צו אַרומגיין מיט אים, פאַרברענגען, אָט, ווי אַ ברודער. יאָ, ווי איר ברודער.

אָבער לעוו, האָט ניט געוואָלט אויפגעבן, און טאַקע דערפאַר האָט ער ניט געוואָלט פאַרלאָזן ווילנע, ביז ער וועט זי איבערגעווינען. ער האָט אָפּגעלייגט צו פאָרן נאָך שווייצאַריע, כדי זיין נאָענטער צו פּעסלען. ער האָט פּשוט ניט געטאָן גאָרניט. ער האָט די קורסן פון גימנאַזיע געענדיקט און האָט געמוזט פאָרן נאָך שווייצאַריע און דאָרטן אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט. מען האָט שוין אים אַפילו אָנגענומען דאָרטן, דאָך האָט ער אָפּגעלייגט. ער האָט זיך געבעטן ביי פּעסלען זי זאָל פאָרן מיט אים אין שווייצאַריע. די געלט וואָס זיינע עלטערן גיבן אים אויף צו לעבן, קאָן זיין גענוג פאַר זיי ביידן און זיי וועלן דאָרטן חתונה האָבן.

פּעסלען האָט דאָס ראָמאַנטישקייט געררייצט. אַגב האָט זי זיך ניט געלאָזן אונטערגעבן: אפשר וועט זיך דאָך באַווייזן דער בחור, וואָס וועט איר אָנצינדן, וואָס וועט איר מיט אַן אמת, וואָס מען רופט ליבע, זי באַצויבערן. אַזוי האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ ראָמאַנטישקייט אין איר מיידלשער האַרץ און פאַר־חלומטער נשמה.

פילע חדשים זיינען אַוועק זינט לעוו האָט איר געמאַכט דעם פאָרשלאַג—ביז, ביז יענע נאַכט, ווען זי האָט זיך געטראָפן אויג אויף אויג מיט ברוכן. ס'האָט איר האַרץ אָנגעצונדן, און שטאַרק צוגעצויגן צו אים...

פעסל איז פון איר יוגנט אָן, מען קאָן זאָגן פון אַ יאָר צוועלף, געווען אַ צוויבערוועזן פאַרן מענלעכן געשלעכט. יעדער יינגל און ערשט־דערוואַקסטער מאַנצביל האָט איר רייץ ניט געקענט ביישטיין. זי, פעסל אַליין, האָט אויך ליב געהאַט דעם מענלעכן מין. זי האָט ליב געהאַט צו זען ווי די יינגלעך דרייען זיך אַרום איר, ווי זיי ווערן אייפערזיכטיק איינער אויף דעם צווייטן. זי האָט זיך געפילט ווי אַ בלום אַרום בינען. יעדער האָט מיט איר געוואָלט גיין שפּאַצירן. פלעגט יעדער קומען פריער, מיט איר אַרויסגיין אין גאַס, אָבער יעדער איז געקומען פריער, זיינען טעלעכע שיין געווען צוגלייך אין דער זעלבער צייט.

איימאָל האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ שבת נאָכמיטאָג אַרום פינף יינגלעך און ס'האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן זיי. האָט פעסלס מוטער געכאַפּט אַ בעזים און האָט זיי צעטריבן און זיי פאַרזאָגט מער ניט צו קומען צו זיי אין שטוב אַריין. פעסלען האָט זי אויסגעטאָן אירע שיך און געהייסן זיצן אין שטוב, ניט גיין אין גאַס מיט די יינגלעך:

— ווערסט נאָך האָבן צייט, אַז בחורים זאָלן זיך איבער דיר שלאָגן. אויף דיינע ליפּן ליגט נאָך דיין מאַמעס מילך. דו ביזט ערשט פון די ווינדעלעך אַרויס, און לויפסט שוין אַרום מיט יינגלעך! וואָס וועט שוין זיין שפּעטער? און האָט איר פאַרפאַרן אַ פּאָר פלאַמענדיקע פּעטש.

פעסל האָט דאַן אָפּגעוויינט אַ גאַנצן טאָג און די מוטער האָט איר ניט געגעבן די שיך; פאַרשלאָסן אין אַ שופלאָד פון קאָמאָד און באַהאַלטן דאָס שליסעלע ביי זיך אין קעשענע. פון פענצטער האָט זי געזען ווי די יינגלעך דרייען זיך אַרום אין גאַס און מען קוקט אין אירע פענסטער אַריין. זי, פעסל, האָט זיך באַהאַלטן הינטער די אויסגענייטע פאָרהאַנגען, האָט געקוקט אויף זיי און פאַרגאָסן ביטערע טרערן. זי האָט זיי יאָ געקענט זען אָבער זיי איר ניט!

— איך וועל באַלד נעמען אַ טאָפּ וואַסער און זיי אָפּגיסן—האָט די מוטער געשריען און איז גרייט זיי געווען טאַקע אָפּצוגיסן.

— ניין, ניין, מאַמע!—האָט זיך פעסל אָקעגנגעשטעלט—ניין, מאַמע, ווערסט נאָך אימיצן אַן אומשולדיקן אָפּגיסן.

די מוטער האָט זיך אָפּגעקילט, באַהערשט און איבערגעטראַכט, אַז פעסל האָט רעכט.

— איך וויל זיי דאָ מער ניט אָנזען, דו הערסט? קיין מאָל מער! ווי הינטלעך נאָך אַ צויגל!... וואָס איז דאָס מיט דיר? אפשר ווילסטו שוין חתונה האָבן—מיידל?!

— איך וועל זיך שעמען צו ווייזן אין גאַס אַריין—האָט פעסל ביטער געקלאָגט.

ווען זי האָט אים דאָס דערציילט, האָט זי זיך צו אים צוגעטוליעט און זיך צעוויינט.

— וואָס וויינסטו—האָט איר ברוך געפרעגט—ס'פאַרדריסט דיר, פעסל?

— אַ, ניין!—האָט פעסל געשמייכלט צו אים און פון אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן טרערן ווי דימענטן געשיינט און זיינען אַרונטערגעפאַלן ווי שיינענדיקע פּערל.—יאָ, ברוך, ווען דו וואָלסט וויסן, פאַר חדשים האָב איך זיך געשעמט צו ווייזן אין גאַס. איך האָב פּשוט ניט געוואָלט גיין איינקויפן עפּעס פאַר דער

מאַמען אין העלן טאָג. נאָר ביינאַכט פלעג איך פאַר אַ ווײלע אַרויסגיין זיך אָפּפרישן אין גאַס.

ברוך האָט געפילט, אַז זי איז נאָך איצט אין זיינע אויגן אַ קינד, אַ ליכטיקע געשטאַלט, און האָט זי דאַן צוגעצויגן און באַדעקט זי מיט קושן. ער האָט דעם בריוו צוזאַמענגעלייגט, ווי עס איז געווען, אין די זעלבע קנייטשן און עס אַריינ־גערוקט אין קאָנווערט.

יאָ, ווי ער וועט קומען, וועט ער זי אַראָפּברענגען. ווי וועט ער קאָנען לעבן אָן איר? עס האָט אים אַזש אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק, אין מוח, אַז זי וועט ווידער ליגן אין זיינע אָרעמס און פילן אירע ליפּן—ליפּן, ווי פייער ברענען זיי—און אירע קושן... זי קוש מיטן גאַנצן מויל, קושט זי! נאַסע, זאַפטיקע קושן!

— הער נחמיה—האָט אים אַמיידל איבערגעשלאָגן זיין טראַכטן—איר גייט אויף אַ שפּאַציר, הער נחמיה? מיר גייען זען, וואָס מען שפּילט היינט ביינאַכט אין טעאַטער. קומט! קומט, הער נחמיה! מיט אייך גיין איז פריילעכער. איר האָט אימער וואָס צו דערציילן. קומט!—האָט זי אים געשלעפּט פאַרן האַנט—אַראָפּ פון בעט, אָט אַזוי, אָט אַזוי. קומט! טראַכטן וועט איר קענען ביינאַכט!

— נו, האָסט נאָך אים ניט אַראָפּגעשלעפּט, חוהלע?—האָט אַ צווייטע מיידל זיך באַוויזן.—גיב אים אַ קיצל, יאָ, אַ קיצל. ער האָט מורא פאַר קיצלען.

ברוך האָט זיך גלייך אויפגעהויבן. ווען ער האָט דערזען די צווייטע מויד האָט זיך געלאָזן צו אים:

— איך גיי, איך גיי!—האָט ער אין דער גיך איר ניט געלאָזן צוגיין צו אים.

ער האָט גענומען זיין הוט און מאַנטל און איז מיט זיי אַוועק.

---

מען האָט געהייסן ברענגען דעם באַגאַזש און לאָזן זיך צום שיף. ברוך האָט געהאַט צוויי קאַרזינעס און ער האָט עס געדאַרפט שלעפּן אַ היבש וועג ביזן שיף. הגם ס'איז געווען אַ גרויסער פראָסט, אָבער דער ים איז נאָר געווען געפראָרן ביים ברעג.

ברוך האָט זיך גוט אַריינגעחזרט זיין נייעם נאָמען, זיינע נייע יאָרן און זיין נייע שטאָט, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. ער האָט זיך אַליין געפרעגט זיין נאָמען, און געענטפערט, למשל אַזוי:

— ווי הייסט איר?

— נחמיה פּאָטאָצקי!

— וואו געבאָרן?

— רעטשיצע, מאָליווער גובערניע!

— ווי אַלט?

— צוויי־און־צוואַנציק יאָר!

— מאַמעס נאָמען?

— רחל; טאַטע?—זיידל!

אַזוי האָט ער פילע מאָל איבערגעפרעגט זיך און אַליין זיך געענטפערט.

ברוך איז נשתונם געוואָרן פון דער גרויסער שיף. ער איז געגאַנגען מיט שרעק, טאָמער פאַלט ער אַריין אין אַ פראַגע, ווייל ס'איז ניט זיין פאַרפאַרט געווען. אָבער ברוך איז אַדורך בשלום, אַריין אין פערטן קלאַס, גאַנץ טיף אַרונטער... אַרום פאַרנאַכט האָט זיך די שיף גערירט; צוויי קליינע שלעפּשיפן האָבן אַרויסגעפירט זי צום ים אַריין און די שיף האָט זיך געלאָזן גיין, ווי אַ שטאָט, האָט אים געדוכט, איבערן ים . . .

ברוך האָט ווייניק געגעסן פון שיף־אַכילה. ער האָט געהאַט זייער אַ סך שפּייז. עס וואָלט אים געקלעקט פאַר זיין גאַנצער נסיעה. די ערשטע עטלעכע טעג האָט ער זיך גאָרניט געוויזן צום טיש עסן. ער האָט נאָר אַמאָל געכאַפּט אַ הייסע קאַר־טאָפל און טיי. טיי פלעגט ער טרינקען מיט זיינע צוקער־געבעקס וואָס זיין מוטער און די פריינט האָבן אים געבראַכט. ער האָט געהאַט אַ סך פישן, סאַרדינס, גע־פּרעגלטע געגנדזענע גריוועגס און נאָך כלערליי מאכלים.

ער האָט געהערט פילע יידן האָבן זיך באַקלאָגט אַז מען גיט ניט עסן, אַז זיי הונגערן, איבערהויפּט אין דריטן און פערטן קלאַס.

עסן האָט מען געגעבן אויפן שיף—אַ גוטע, גוטע קרענק! פלייש, וואָס האָט פּשוט געשטונקען. דאָס איינציקע וואָס מען האָט געזען, איז געווען קאַרטאָפל מיט הערינג, וואָס האָט אויסגעברענט דאָס האַרץ, האַרט ווי לעדער איז דער הערינג געווען. אַלץ וואָס מען האָט געגעבן עסן איז נאָר גוט געווען פאַר פּויערים, פּאַליאַקן, אָרימע דייטשן און חזרים; זיי האָבן אַלעס געגעסן. הגם זיי האָבן אויך זיך באַקלאָגט, אַז אַלע טאָג גיט מען נאָר איין זאַך צו עסן: קאַרטאָפל מיט הערינג, אַ ברעקל פעטע פלייש מיט קרויט, טיי אָן צוקער, קאַפע שוואַרצע, אָן צוקער. די יידן האָבן דאָס ניט געקענט איבערטראָגן. אַלעס איז געווען ווי אַ שווערע וואָג פאַר ברוכן. ער אַליין האָט ניט געליטן פון שיף קראַנקהייט, אָבער אַלע באַקאַנטע מיידלעך האָבן געהאַלטן אין איין ברעכן מיט דער גאַל... פּשוט מיט די צינגער אַרויס. ברוך האָט זיי געגעבן פון די זויערע וואַרעניעס. ס'האָט זיי אַביסל יאָ געהאָלפן. ס'האָט זיי דערקוויקט דאָס האַרץ. ברוך האָט געהאַט „קאַלבאַס" אַ שטיקל, האָט ער זיי עס צעטיילט צו שטיקלעך. אין איין וואָרט, ס'איז אים גאָר־ניט איבערגעבליבן. ברוך האָט שוין דערפילט, אַז ער דאַרף אָנקומען צו די קאַרטאָפל און שווערע, געזאַלצענע, האַרטע הערינג.

איינמאָל האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג מען זאָל שיקן אימיצן צום קאַפּיטאַן בעטן, אַז ער זאָל זען מען זאָל עפּעס אַנדערש וואָס געבן עסן, אַ חוץ די קאַרטאָפל מיט הערינג, וואָס מען האָט דאָס מיינסטע געגעבן צו עסן, קענען די יידישע פּאַסאַ־זשירן ניט עסן! אַגב מען קען דעם הערינג ניט פאַרטראָגן! מען זאָל בעטן ביים קאַפּיטאַן ער זאָל צולאָזן אַ שטיקל פלייש, אַ שטיקל פרישע ברויט, אַ שטיקל צוקער צו דער קאַפע, אַביסל מילך צו פאַרווייסן די קאַפע. אין איין וואָרט, מיר שטאַרבן פון הונגער! ווער האָט מען טראַכטן זאָל באַזוכן דעם קאַפּיטאַן? און וועמען האָט מען געפונען? האָבן אַלע גענומען שרייען:

—„נחמיה פּיטאַצקי" זאָל גיין!—דאָס הייסט ברוכן.

ברוך האָט זיך געקווענקלט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אָנפאַנגען פרעגן. ער קוקט אויס יינגער ווי דער פּאַספּאָרט זיינער. אָבער ברוך האָט שוין אויך ניט געקענט פאַרטראָגן דאָס עסן. דאָס ברויט אין האַרט געווען ווי האָלץ. וואָלט מען דאָס געקענט טרינקען מיט טיי, איז ניט געווען קיין צוקער. די בולבעס (קאַרטאָפל) פלעגט מען דערלאַנגען מיט הערינג, וואָס פלעגט צוברענען די האַרץ, אַזוי האַרט און געזאַלצן איז געווען דער הערינג. איז ברוך געגאַנגען צום קאַפּיטאַן. ער האָט ניט געקענט העלפן! דער קאַפּיטאַן האָט אים אויסגעהערט און פיין געענטפערט, אַז מען וועט אָנפאַנגען געבן בעסער עסן.

דעם ערשטן טאָג האָט מען דערזען אַ שטיקל צוקער. אויך האָט מען געגעבן קרויט באָרשטש מיט קאַשע, מיט שטיקלעך פעטע פלייש, וואָס ס'האָט אויסגעקוקט ווי חזיר. די עלטערע מענטשן האָבן ניט געגעסן, זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער איז דאָס חזיר!... הגם פאַר די יידן האָט מען געזאָגט אַז ס'איז כשר עסן. אַזוי איז

אַוועק צוויי־דריי טעג און מען האָט ווידער אויפגעהערט געבן צוקער, און ווידער די האַרטע ברויט.

ברוך האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די האַרטע ברויט. דער עיקר וואָס מען האָט אויפגעהערט געבן אַביסל מילך צו פאַרוויסן די ביטערע קאַווע. מען האָט זיך ווידער איינגעזאַמלט צו האַלטן אַ פאַרזאַמלונג און מען זאָל ווידער גיין צום קאַפּיטאַן.

ברוך האָט ניט געוואַרט און איז אַוועק אַן אַ וואָרט צום קאַפּיטאַן. ברוך האָט ניט אַנגעקלאַפּט און איז אַריין: פאַר אים זיינען געזעסן צוויי מיידלעך האַלב געקליידעט, ביידע יידישע, טאַקע פון דריטן קלאַס! און מען האָט געגעסן מיטן קאַפּיטאַן אַ טייערן מאָלצייט. ברוכן איז אַדורך דער ריח איז נאָז אַריין פון דעם געדעמפּטן טייערן פלייש...

— וואָס ווילסטו ווידער?—האָט דער קאַפּיטאַן האַלב שיכור אים געפרעגט. זיינע אויגן האָבן געקאָכט מיט רציחה. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיין פּנים איז רויט געוואָרן און די הענט האָבן זיך אים געביילט, און געקוקט, און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

— מען האָט אויפגעהערט געבן צוקער און מען גיט ווייטער האַרטע ברויט, הער קאַפּיטאַן—האָט ברוך שטיל געזאָגט, און געקוקט אויף די מיידלעך...

— הער זיך נאָר איין, דו — האָט דער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטאָן—ווילסט איך זאָל דיך שמידן אין קייטן? גיי בעסער אַוועק און מער וויל איך דיר ניט אָנזען, ניט אָנקוקן דאָ! דו הערסט?!

ברוך האָט דערהערט: „שמידן אין קייטן", האָט ער זיך שטיל אַרויסגערוקט און האָט שוין געגעסן די קאַרטאָפל, געשוויגן און געליטן... יאָ, געליטן און געשוויגן...

אין ברוכן האָט געריסן דאָס האַרץ, וואָס ער קען זיך ניט שטעלן קעגן דעם קאַפּיטאַן.

— אַזאַ סוואָלאָטש—האָט ער צו זיך געזאָגט נאָך יעדן עסן—ער עסט דאָס בעסטע און מיר דאַרפן הונגערן. אָ, ווען ער האָט אַ מאַכט זיך צו שטעלן אים אַנטקעגן! יאָ, ברוך האָט געוואוסט, אַז דער קאַפּיטאַן אויף דער שיף האָט דעם כוח, נאָך מיט מער מאַכט ווי דער צאַר ניקאָלאַי. האָט ער זיך געגעסן דאָס האַרץ אין זיין אָנמעכטיקייט, און פאַרביסן מיט קאַרטאָפל...

---

די שיף איז געווען אַן אַלטע, מען האָט געזאָגט, אַז זי איז אַמאָל געווען געזונקען און מען האָט זי אַרויסגעצויגן און פאַרריכט. ברוכן האָט דאָס ניט געשמעקט: אַ געזונקענע שיף. שוין צען טעג אַז מען פאָרט. מען האָט געזאָגט אַז די שיף וועט דערגרייכן ניו־יאָרק אין פינף טעג אַרום... און ס'איז שוין אַריבער צוויי מאָל פינף!

נאָר פלוצים איז געוואָרן אַזוי קאַלט אויפן ים און וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם הימל. יעדער וואָלקן איז פשוט געלעגן כמעט אויפן שיף. די לופט האָט געשטיקט, און פלוצים האָט מען אונדז געהייסן אַראָפּגיין אין אונדזער פערטן קלאַס. ברוך און עטלעכע מיידלעך האָבן געוואָלט יאָ זיין אויפן דעק. די כוואַליעס האָבן די שיף געוויגט און בליצן האָבן געשניטן דורך דער שוואַרצער נאַכט און דורכגעשניטן די דיקע וואָלקנס. אָבער מען האָט קיין סכנה ניט געזען. האָט מען זיך איינגעטוליעט אין די קאָלדרעס און מען איז געזעסן אויף די צונויפגעלייגטע שטולן, גערעדט און גערעדט, ביז מען איז פאַרדרימלט געוואָרן. נאָר

פלוצים האָבן מיר זיך גענומען קייקלען מיט די שטולן אַרונטער צו די פאַרענטשן. ווען ניט די פאַרענטשן וואָלטן מיר אַריינגעפאַלן אין ים אַריין. ברוך האָט זיך אָנ־געכאַפּט אָן די אויבערשטע פאַרענטשע פון ערשטער קלאַס קאַיוטע און, אַז די שיף האָט זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט, איז ברוך געבליבן הייגען אין חלל. איז דאָס ניט גענוג געווען, האָט זיך אַ מיידל אָנגעכאַפּט אָן זיינע פיס און האָט אים שיער ניט אַרונטערגעשלעפּט מיט איר צוזאַמען אין ים אַריין. נאָר צום גליק האָט די שיף זיך געלייגט אויף דער צווייטער זייט און ברוך איז געפאַלן מיטן קאָפּ צום פאַרענטש. ער האָט געהייסן אַלעמען זיך האַלטן אָן פאַרענטש פון דער ערשטער קלאַס קאַיוטע און זיך שאַרן אַרונטער צו די טרעפּ, ביז מירן קענען אַרונטער אין אונדזער קאַיוטע פון פערטן קלאַס.

אָבער גרינג איז אונדז דאָס ניט אָנגעקומען: די שיף האָט זיך געוואָרפן ווי אַ קליין שיפעלע אויפן ים. אָט איז זי געשטאַנען מיטן נאָז אַרויף און אָט מיטן נאָז אין דעם וואַסער טיף; אָט איז זי געלעגן אויף איין זייט, און אָט אויפן צווייטן זייט. מיר האָבן געמיינט, אַז אָט טאָ און זי וועט זינקען, דער ים וועט זי פאַר־שלינגען. אַזוי האָט אונדז גענומען אַ היבשע צייט אַרונטערצוגיין אין פערטן קלאַס.

די ווייסע שטורעמדיקע כוואַליעס האָבן באַדעקט דעם דעק פון שיף, ווייס ווי מילך האָט זיך געזען פון דעם אָפּשיין פון די קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך און זיי פלעגן זיך אַריינקייקלען אין ים אַריין. בייזער און בייזער זיינען די כוואַליעס, איינע נאָך דער צווייטער געקומען און פאַרשוואונדן.

אַזוי האָט דער שטורעם אָנגעהאַלטן אַ טאָג און צוויי נעכט. קינדער האָבן געוויינט, מאַמעס האָבן געציטערט. אויף די טישן האָט קיין זאַך ניט געקאָנט איינשטיין. אַלץ פלעגט אַרונטערפאַלן צו דער פּאָדלאָגע און צו די ווענט פון שיף. טעלער און גלעזער זיינען צעבראָכן געוואָרן. פלוצים איז די שיף געבליבן שטיין. די אַנקערס האָבן גענומען קלאַפּן, און דער קאַפּיטאַן האָט געגעבן אַ באַפעל מען זאָל זיך אַרומבינדן, אַרומגאַרטלען מיט די רעטונגס־גאַרטלען. די שיף האָט געטרובעט מיט אַ געוואַלדיקן רעווען. אַנדערע שיפן האָבן געענטפערט מיט אַן ענלעכן רעווען און טרובען. דער קאַפּיטאַן האָט געבעטן מיר זאָלן זיין רואיק. די שיף וועט בלייבן שטיין צוליב דעם גרויסן טומאַן, און דער שטורעם האַלט אין פאַרשווינדן..

ווייבער האָבן געשריגן און געוויינט; מענער האָבן זיך אָנגעטאָן די רעטונגס־גאַרטלען און מען איז געשטאַנען צווישן די בעטן אין גרויסע רייען ביז די טרעפּ אַרויף צו דער טיר. די כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן ביז אַריבער דער שיף און פלעגן אַ פליוך טאָן איבער גאָר דער שיף. און אַזוי איינע נאָך די אַנדערע און זי געוואַשן אין די געזאַלצענע וואַסער.

די אַרבעטער אויפן שיף אין דעם גרעסטן שטורעם האָבן געקראָכן אויף די זעגלען, פאַרריכטן די ריסן וואָס דער שטורעם, דער ווינט האָט אָפּגעפּליקט, אָפּגעריסן. ברוך האָט אויך אָנגעטאָן דעם רעטונגס־גאַרטל און דערביי זיך געטראַכט: וואָס האָט דער גאַרטל פאַר אַ ווערדע אין אַזאַ שטורעם? ווען די שיף וואַרפט זיך ווי אַ שפּענדל. ער האָט אַפילו קיין שרעק מער ניט געפילט: זאָל זיין וואָס וועט זיין, איך בין ניט איינער! איין מיידל איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. וואו ער איז געגאַנגען איז זי אים נאָכגעגאַנגען: פּשוט ווי זי וואָלט זיין ווייב געווען אָדער זיין געליבטע.

— אויב מען וועט דאַרפן שפּרינגען אין וואַסער—האָט זי געזאָגט צו ברוכן — וועלן מיר האַלטן זיך איינער אָן דער אַנדערער, יאָ, הער נחמיה?...

— יאָ—האָט ברוך געזאָגט, כדי זי זאָל אים איצט ניט נודיען און צורו לאָזן.
— געדענקט־זשע, אָפּגעמאַכט?...
— אָפּגעמאַכט—האָט ברוך געענטפערט!

די שיף האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, פּשוט זיך גע־לייגט אויף דער זייט. די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעלייגט, זיינען אַרויסגעפאַלן פון די בעטלעך. ברוך האָט זיך געהאַלטן אָן אַן אייזערנעם שטאַנג ביי די טרעפּ, און די מיידל האָט זיך אָן אים שטאַרק געהאַלטן, ווי ער וואָלט געווען שטאַרקער פון שטאַנג. שלאָפן יענע נאַכט האָבן נאָר געקענט קינדער און אַלטע פרויען, אָדער אַנדערע, וואָס האָבן מיט די גאַרטלען אויף זיך, געכאַפּט אַ דרימל און אַלע ווײַלע זיך אויפגעוועקט מיט שרעק ווען די שיף האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון די בעטן. יאָ, יענע נאַכט, האָט ברוך געטראַכט, וועל איך אַ לאַנגע צייט געדענקען צו דערציילן. ברוך האָט שטייענדיק, אָנגעשפּאַרט זיך אָן דעם אייזערנעם שטאַנג און געכאַפּט אַ דרימל. ער האָט געפילט, אַז דער שטורעם וועט אים ניט לאָזן שלאָפן, אַז ער מוז זיך האַלטן מיט אַלע קרעפטן אויף די פיס. דאָך האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און געפילט אַז ער דרימלט, אַפילו געחלומט!.. אַלץ שטייענדיק!...

שטייענדיק אַזוי, האָט זיך ברוך דערמאָנט אַז די זעלבע מיידל פאַרן שטורם איז געזעסן מיט אים אויף איין שטול. ער איז געזעסן אָנגעלייגט אָן ווענטל און זי פון פאָרנט האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן זיין ברוסט. ער האָט זי אַרומ־גענומען און געפילט אונטער איר מאַנטל שטאַרקע האַרטע בריסט. זי האָט זיך ניט געוועהרט, הגם ער האָט זי שטאַרק געדריקט צו זיך.

אין ברוכן האָט אַ ברען געטאָן... ער האָט פאַנאַנדערגערוקט פון אויבן דעם מאַנטל און האָט דערפילט איר בלוזקע, און שטאַרקער, ממשותדיקער האָבן די די בריסט זיך געפילט: אַזוינע פולע, קיילעכדיקע, וואַרעמע. זי האָט זיך אַביסל געדרייט, ניט באַקוועם, נאָר ברוך האָט זי שטאַרקער צו זיך געדריקט. זי האָט זיך ווידער שוין ניט געוועהרט און ער האָט געגלעט איר אויבערשטן גאַנצן טייל פון איר קערפּער. ער האָט איר געדריקט אונטער די פּאַכוועס, דעם האַלדז, אונטער דער גאָמבע. ער האָט געפילט אַזוי רואיק ביז זיי זיינען אַנטדרימלט געוואָרן.

אים האָט זיך געחלומט, ער האַלט לעבן זיך פעסלען. ער רעדט מיט איר. ער קושט זי. ער פילט, ער איז פאַרזונקען אין אַזאַ גליק אין אַזאַ צוזאַמענגיסונג... מיט איר, מיט פעסלען...

דאָס פלעגט תמיד טרעפן מיט ברוכן, ווען ער פלעגט זיך טרעפן אין חלום מיט אַ פרוי... ער פלעגט אויסלײַפערן פון זיך זאָמען, אָדער ווי מען רופט עס אין טעכנישע געשלעכט־טערמינען: פּאָלוציִאַציעס. דאָס האָט זיך געצויגן ביז די שיף האָט זיך גענומען קייקלען און וואַרפן, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ברוך האָט זיך אינדערפרי אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין און איז אָפּגע־שלאָפן ביז מיטאָג צייט. פילע פרויען, וואָס האָבן זיך צוגעלייגט, זיינען אויך אַריינגעשלאָפן, און אַנדערע האָבן אַריינגעשלאָפן ביז שפּעט, ביז וועטשערע צייט!

די מענער האָבן זיך אויסגערוט בייטאָג, האָט מען שוין געשפּילט אין קאָרטן; אַנדערע האָבן געקוקט אויף די שפּילער, ווי זיי שפּילן, ביז די ליכט פון שיף איז אויסגעלאָשן געוואָרן און זיי זיינען געגאַנגען אין זייערע בעטן.

ברוך איז די נאַכט, נאָכן אויסשלאָפן זיך, מער ניט געקענט איינשלאָפן ביזן שפּעטן נאַכט אַריין. ער האָט פון אַלץ איבערגעטראַכט. פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין יוגנט אָן, ביז ווילנע און פעסלען... פעסל איז אין זיין זכרון געווען, טאָג און

נאַכט! אַך! וואָלט זי איצט לעבן אים געווען אנשטאט די דאָזיקע מיידל, וואָס הייגגט זיך אָן אים; אַך, ווי גליקלעך ער וואָלט זיך געפילט! אַפילו שטאַרבן מיט איר וואָלט זיס געווען דער טויט!... ער האָט זיך געוואָרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. ער האָט געוואָלט איינשלאָפן, כדי ער זאָל אויפהערן טראַכטן און זיך אויפעסן דאָס האַרץ פון בענקשאַפט! ברוך פלעגט איינדרימלען, נאָר די „סירענע" פון דער שיף פלעגט אים אויפוועקן. אַזוי איז ער געלעגן ביז ער איז גוט אויס־געמאַטערט געוואָרן און ער איז איינגעשלאָפן.

## נאָכן שטורעם

דער הימל האָט זיך גענומען אויסלייטערן. שטערן נאָכן שטורעם האָבן זיך באַוויזן; גרויסע פינקלדיקע, ליכטיקע שטערן, ווי קליינע לבנהלעך. עס האָט געוואָרפן מיט שטראַלן אויף דער אויסגעמאַטערטער שיף!...

ס'איז געווען בלאָ און קלאָר דער הימל, אַז אַפילו אַ וואָלקנדל האָט זיך אָנ־געזען, אַזוי קלאָר איז דער הימל געוואָרן. די שיף איז געגאַנגען אַזוי שטיל, מען האָט נאָר געהערט די „געדערים" פון דעם פאַראָוויק, ווי ער האָט געאַרבעט, ווי אַ האַרץ וואָלט ריטמיש געקלאַפּט. די מאַטראָסן האָבן גערייניקט די דורך דער נאַכט אָנגעוואָרפענע שטולן, אַרומגעווישט; די ווענט פון ערשטן קלאַס קאַיוטעס, געוואַשן; די פּאָדלאָגע פון דעק, געשקראַבעט, אָפּצעוואַשן דאָס ים־וואַסער, וואָס האָט געשמעקט ווי פאַרטריקנטער זאַלץ און ריח פון פיש...

ברוך האָט אין זיך געפילט אַ רייצונג, אַ וויברירונג. עס האָט פון אים עפּעס געמאָנט, וואָס האָט אים געהונגערט! ער האָט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט. ער האָט געפילט, אַז דאָס גאַנצע צעטרייסלונג, נאָך דאָס שרעקלעכע איבערלעבונג פון שטורם, האָט זיין גוף און נשמה פאַרלאַנגט אַן אָפּקילונג, אַ באַרואיקונג. ער איז געגאַנגען מיט דער מיידל אויפן דעק פון שיף און זי האָט זיך ליבלעך געדריקט צו אים ווי אַ געליבטע, ווי אַ ווייב וואָלט זי שוין מיט אים געווען, זינט יענער נאַכט... זי האָט אים געהאַלטן פאַרן האַנט און געדריקט זיינע פינגער, געפלאָכטן פינגער אין פינגער. עס האָט אים געשרפּהט אין די בלוטן, אַ שווינדלע־ניש איז אַדורך זיין מוח. די מיידל האָט נאָר געזוכט צו גיין אין די איינזאַמסטע ערטער פון „דעק", פון שיף, מיט אים. זי איז מיט אים פאַרגאַנגען כמעט ביים סוף עק־שיף. ס'איז דאָרטן געווען אַ גרויסער ראָד פון דיקע שטריק, אַזוי דיק ווי אַ פויסט זייענען די שטריק געווען. זיי האָבן זיך געזעצט דאָרטן. זיי האָבן זיך קאָם אָנגעזען אַקעגן דעם גרויסן פּאַק שטריק. מען וואָלט זיי אַפילו ניט אָנגעזען, ווען ניט די בלויע קלאָרע נאַכט מיט די ליכטיקע שטערן. זיי זיינען דאָרט געזעסן אַ היבשע צייט. ברוך האָט זיך מיט איר שוין מער דערלויבט, ווי אין דער נאַכט פון שטורם... ער האָט איר געזאָגט, אַז ער בענקט נאָך אַ פרוי, אַז דאָס איז זיין פיזישע נויטוועדיקייט. זי האָט זיך געטוליעט צו אים און געשוויגן. זי האָט איר פּנים געדריקט אָן זיין פּנים, ווי זי וואָלט פון אים פאַרלאַנגט ער זאָל זי קושן...

ברוך האָט מיט קיינעם צופיל ניט גערעדט וועגן פּעסלען. ער האָט די בענק־שאַפט באַגראָבן אין זיך.

— ס'איז אייך קאַלט, נחמיה? — האָט זי אים געפרעגט. — מיר איז ניט קאַלט.

— האָט זי זיך געטוליעט צו אים און שווער געאָטעמט.

ברוך האָט זיך אָפּגעשפּילעט זיין פּאַלטאָ, האָט איר אויך פאַנאַנדערגע־שפּילעט איר מאַנטל און האָט איר בוזעם געדרוקט צו זיין ברוסט.

מיט זיין פאַלטאָ האָט ער זי גוט אַרומגעדעקט, זי זאָל זיך ניט פאַרקילן, ווייל זי האָט אַ חוץ דעם מאַנטל געהאַט בלויז אַ דינע בלוזקע. אירע בריסט האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. ער האָט געהערט איר האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער. ער האָט געפילט זיין בלוט שטאַרצט פון די אויגן. ער האָט געגלעט איר פולן, קיילעכדיקן קערפּער...

ווי דער שטייגער פון ברוכן, ניט צו רופן ביים נאָמען מענטשן, האָט ער זי אויך ניט גערופן ביים נאָמען:—קומט! איר גייט עסן? איר גייט אויפן דעק?

— איר אָטעמט שטאַרק! איז אייך קאַלט?—האָט ער זיך צו איר געווענדעט.

זי האָט אים געענטפערט:

— וואָרום רופט איר מיר ניט ביים נאָמען, ברוך? איך האָב אַ נאָמען! ווייסט איר כאָטש ווי מען רופט מיך?

— איך ווייס—האָט ברוך געענטפערט—איך ווייס: לאהלע!...

— יאָ, לאהלע! טאָ וואָרום רופט איר מיך ניט ביים נאָמען? רופט מיר לאהלע!

— האָט זי זיך גענומען פעסטשען און אים אָפּגעקנעפּלט זיין רעקל און אים אַרומ־גענומען אַרום זיין וועסט און זיך צו אים געטוליעט, געדריקט.

— יאָ, לאהלע—האָט ברוך געזאָגט—איך בין היינט צו היציק, מירן גע־דאַרפט איצט גיין צו אונדזער „קרוזשאַק" מיט זיי פאַרברענגען, ס'קאָן עפּעס טרעפן נאָך!...

— איך וויל נאָר זיין מיט אייך; ווער קימערט זיך פאַר זיי? תמיד ווילט זיך מיר זיין מיט אייך... לעבן אייך...—און האָט אים געקושט אין מויל.

אירע נאָסע ליפּן האָבן אים אַ ברען געטאָן און די הענט האָבן זיך אַ רוק געטאָן אונטער'ן קלייד... אַ וואַרימע גליטשיקע פליסיקייט האָבן זיינע הענט באַ־רירט. אין מוח האָבן זיך גענומען דרייען ווי קאַלירטע רעדער. איר קערפּער האָט געברענט און זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים ווי אַ פּיאַווקע און ניט אָפּגעלאָזן זיינע ליפּן; פּשוט געזויגן זיינע ליפּן!...

ער האָט דערזען אירע נאַקעטע ליטקעס און ווידער האָבן די הענט געאַרבעט אין איר פליסיקייט און דער ריח פון פרויען־לייב האָט אים גערייצט... זי האָט אים ניט אָפּגעלאָזן און זיך נאָר געדריקט צו אים. ער האָט שוין מיט די הענט איר הוילן רונדיקן קערפּער אַרומגענומען, און זי האָט ניט נאָר זיך קעגן אים ניט געוועהרט, נאָר פּשוט ווי זי וואָלט זיך געבעטן... מיט ברענענדע קושן.

נאָר פּלוצים האָט זיך ברוך אַ הויב געטאָן און זי אויך אַ שטעל געטאָן, און זיך פאַרקנעפּלט דעם פאַלטאָ. זי איז געשטאַנען ווי פאַרלאָרן, האָט ער איר מאַנטל אויך פאַרקנעפּלט און זי גענומען אין אָרעם און אַ זאָגט געטאָן:

— קומט! מירן גיין צו די אַנדערע. זיי וועלן שוין ריידן סיי ווי סיי...

פאַר ברוכן איז אין דער לעצטער רגע פעסלס פּנים דערשינען. ער האָט זי געזען אין איר גאַנצער פּראַכט, פּונקט ווי אין חלום יענע נאַכט!...

---

לאהלע האָט זיך דאָך ניט פאַרלאָרן פון ברוכס פּלוצימדיקער האַלטונג, און זיי זיינען געאָרעמט צוגעקומען צו דער גרופּע, וואָס זיי פלעגן מיט זיין צוזאַמען פאַרברענגען.

ברוך איז אַרומגעגאַנגען אויפן דעק. די מיידל האָט אים אָבער ניט אָפּגעלאָזן, געגאַנגען ביים זייט. עס זיינען געגאַנגען נאָך מיידלעך; מען האָט פריי, געמיטלעך גערעדט פונם שרעקלעכן שטורעם, פון די שרעק, ווען דער קאַפּיטאַן האָט גע־

הייסן אַנטאָן די גאַרטלעך. איינע האָט אַזש אַ שוידער געטאָן און געמאַכט פילע אַזוי צו פילן, צו שוידערן!...

— קומט, זעצט זיך צו חברה—האָט ברוך געזאָגט—צוזעצט זיך און איך וועל אייך וואָס דערציילן: מיינע אייגענע איבערלעבונגען. ס'וועט זיין אינטערע־סאַנט, אַז מען וועט פאַרשווינדן אין אַנדערע וועלטן!

ברוך האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, און איינעם נאָכן צווייטן. וואָס מער ער האָט גערויכערט, האָט ער בעסער זיך געפילט. ער האָט זיי דערציילט מעשות, פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַלע האָבן זיך צו אים צוגעהערט מיט ערנסט און רעספּעקט; ווייל ער האָט פאַר זיי געמאָלן, ווי זיי וואָלטן געהערט לייענען אַ בוך. ברוך האָט פאַר זיי דערציילט פון די קאַמפן מיט די קאָזאַקן און סאָלדאַטן. ער האָט עס אויסגעמאָלן ווי זיי וואָלטן געשטאַנען און אַליין עס צו־געזען די קאַמפן, די שרעק און די געשפּאַנטקייט... ס'זיינען אמתע זאַכן געווען, אמתע פּאַסירונגען... קיין זאַך ניט אויסגעטראַכט. ער האָט נאָר גענומען די פראַגמענטן, וואָס האָבן געהאַט עפּאָס... ער האָט יענעם אָוונט געמאַכט אַלעמען צו פאַרגעסן די נעכטיקע אימה, די נעכטיקע שרעק... און די צוהערער האָבן אים האַרצלעך געדאַנקט פאַר מאַכן זיי פאַרגעסן פון זייער זאָרג, פון זייער אימה, וואָס זיי האָבן די עטלעכע טעג איבערגעלעבט.

אונטן, אין דריטן קלאַס, האָט מען שוין פאַרלאָשן די עלעקטרע, נאָר קליינע לעמפּלעך האָבן געברענט אין די לאַנגע קאָרידאָרן און דורכגאַנגען. ברוך האָט זיך דורכגעשטופּט צו זיין בעטל און זיך אַריינגעוואָרפן ווי אַ שטיק האָלץ. ער האָט זיך אַפילו ניט אויסגעטאָן. ער האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. נאָך עטלעכע צי, האָט אים דער אויפזעער, דער וועכטער, געהייסן פאַרלעשן, ווייל ער קאָן איינשלאָפן און ס'קען נאָך ווערן אַ פייער, האָט ער צו אים געזאָגט.

נאָך די פרישע ים־לופט איז ברוך איינגעשלאָפן.

---

ס'איז אָנגעקומען דער לעצטער טאָג, ווען די שיף וועט דאַרפן אַריין אין די אַמעריקאַנער וואַסערן, האָבן זיך אַלע אַרומגעשאַרן, אַרומגעראַזירט, זיך פיין אויסגעפּוצט. די מיידלעך האָבן זיך אָנגעפּוידערט, זיך צוגעפאַרבט, באַשפּריצט זיך מיט אָ־דע־קאָלאָן.

ס'איז צוגעפאָרן אַ קליין שיפל מיט אַ דאָקטאָר, אָדער צווי דאָקטוירים. מען האָט אונדז אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן. די דאָקטוירים האָבן אויף זיי געקוקט גלייך אין די אויגן. אויב אימיצער איז זיי ניט געפעלן געוואָרן, האָט מען אים געשטעלט אָן אַ זייט, מיט אַ צעטעלע אָנגעהאַנגען, האָט מען שוין געוואוסט אַז דאָ שמעקט מיט צרות!...

— וואָס איז דאָס?—האָט ברוך געפרעגט ביי אַ מאַטראָס, וואָס איז אים אַדורכגעגאַנגען—ווער זיינען די מענשטן? וואָס קוקן זיי? וואָס ווילן זיי?

— זיי קוקן איבער די פּאַסאַזשירן, אויב זיי האָבן ניט „טראַכאָמע״—האָט דער מאַטראָס געענטפערט.—מיט „טראַכאָמע״ שיקט מען צוריק. אַמעריקע לאָזט ניט אַריין טראַכאָמניקעס.

ס'זיינען צוגעפאָרן צווי קליינע שלעפּ־שיפן און אַריינגעפירט אונדזער שיף ביז זי האָט זיך צוגערוקט צום דאָק. די שיף האָט אַרויסגעלאָזן אַ סירענע, אַזש ס'האָט פאַרציטערט די לופט.

ברוך איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געקוקט אויף דער גרויסער סטאַטוע מיטן פאַקל אין דער האַנט. ער וועט אויסשניצן אַזאַ סטאַטוע, האָט ער געטראַכט.

ער האָט קאָם געקענט כאַפּן די לעצטע ווערטער, וואָס איז געשריבן אין לאַטיינישע אותיות: „אַי עם ליבערטי״! ער האָט ווידער געפרעגט אַ מאַטראָס:—קענט איר מיר אפשר דערקלערן וואָס מיינט דאָס: „אַי עם ליבערטי״?

דער מאַטראָס איז געווען אַ רוסישער, נאָר ער איז שוין ניט איינמאָל דאָ געווען, האָט ער אים דערקלערט דעם באַדייט אין רוסיש: „אַי עם ליבערטי״ מיינט: „איך בין פרייהייט״! דאָס איז אין ענגליש: „אַי עם ליבערטי״!. ברוך איז אים מקנא געווען, וואָס ער פאַרשטייט ענגליש.

אונטן, אויפן דאַק, איז אַ פּעדלער געשטאַנען מיט אַ פּושקאַרט באַנאַנעס און האָט צו אים געוואונקען אויב ער וויל עפּעס קויפן? ברוך האָט אים געפרעגט אין רוסיש:—וואָס איז עס? ווי עסט מען דאָס?

דער מאַן אונטן, דער פּעדלער אויפן דאַק, האָט אים געענטפערט אין רוסיש, און האָט איינע אָפּגעשיילט און אַ ביס געטאָן.

— איך האָב ניט קיין אַמעריקאַנער געלט! וויפיל רוסישע געלט דאַרף איך דיר געבן?

— דריי פּאָר אַ גריוועניק! צען קאָפּיקעס—האָט דער פּעדלער געזאָגט, און געוויזן צען פינגער.

ברוך האָט אים אַראָפּגעוואָרפן צען קאָפּיקעס און דער פּעדלער האָט אים אַרויפגעוואָרפן דריי באַנאַנעס, געלע און רייפע. די פּאַסאַזשירן האָבן דערזען ברוכן עסן די באַנאַנעס, האָבן זיי זיך אָנעם געטאָן צום פּעדלער און אין צוואַנציק מינוטן איז די פּושקאַרט געווען אַ ליידיקע. ברוך האָט געשריען צום פּעדלער:

—איך האָב דיר אַ גוטן „פּאַטשאַטאָק״ געמאַכט!... מען האָט דיר אויסגע־ליידיקט! אויס געשעפטסמאַן געמאַכט פון דיר!

— אַ גרויסן דאַנק דיר—האָט דער פּעדלער אים צוריקגעשריען.—דו זאָלסט ניט דאַרפן פּעדלען... זאָלסט האָבן גליק אין דער גאָלדענער מדינה! זיי געזונט, מיין פריינט!... און נאָך פון ווייטן האָט ער צו אים געפאָכעט מיט האַנט:— גוט ביי! ...

ברוך איז געשטאַנען און געקוקט על ארבע פינות העולם, אויף אַלע פיר זייטן פון אַרום. ער האָט געזען דאָס הויכע „זינגער בילדינג״ פון איין זייט; ער האָט געזען די ברוקלין בריק, פון אַ צווייטער זייט; ער האָט געזען דעם ים פון אַ דריטער זייט און אין אַ פערטער זייט—שיפן, שיפן, דאַקס און מענטשן, ווי זשוקעלעך האָבן פון ווייטן זיך געאיילט אַהער און אַהין—ניין, ווי מוראַשקעס!.. באַוועגנדע פינטעלעך!...

ער האָט געזען אונטן אויפן דאַק מיט שטופּוועגעלעך, שוואַרצע און ווייסע מענער, וועלכע האָבן געדעדט און געאיילט, געריסן שטיקער פון דער שיף, וואָס איז צו זיי אַראָפּגעלאָזן געוואָרן פון די שלעפּ־באַלקנס, וואָס האָט אויף גרויסע הוקעס געהאַלטן אייזערנע נעצן אָנגעפילט מכל המינים סחורות. עס האָבן די שלעפּ־באַלקנס זיי הויך געהויבן און זיי אַראָפּגעלאָזן צום דאַק, וואו מען האָט עס אין דער גיך אויפגעכאַפּט אויף די שטופּ־וועגלעך און מען האָט אָפּגעלייגט יעדער זאַך צו זיין פּלאַץ, צו זיין ווינקל.

ער האָט געזען דעם געיעג, דעם לויפן, דעם כאַפּן, אַזש עס האָט אים אַ ציטער געטאָן: אַט אַזוי אַרבעט מען דאָ, האָט ער ביי זיך געטראַכט. וואָרום איז דער געאייל? דער שוויס פאַרגאָסענער?...

עס זיינען אַרויף אַרום צען איטאַליענער אויפן שיף, יונגע, נאָך כמעט אין זיין עלטער, מיט רידלס אין די הענט און ס׳האָט זיך אַן עפּן געטאָן אַ גרויסע

איבער־טיר און אינעווייניק פול מיט האַרטע, שוואַרצע, גלאַנציקע קוילן. די צען האָבן זיך צעטיילט אין פינף. די ערשטע פינף זיינען אַריין אין דער עפענונג און געגראָבן די קוילן און געשאָטן אַרויפצו; די אַנדערע פינף האָבן זיי געשאָטן אין אייזערנע, גרויסע, פירעקיקע קאַסטנס, אין די באַלקן־שלעפּערס. ווען ס׳פלעגט ווערן אָנגעפילט, האָבן זיי ערגעץ אונטן אַרונטערגעלאָזן אין הילצערנע באַר־דזשעס, און זיי אויסגעשאָטן מיט אַ טראַסק!

ברוך האָט געזען דעם געיעג, ווי איינער טריבט דעם צווייטן; די אונטערשטע וואַרפן אַרויף, מוזן די אויבערשטע גלייך אויפכאַפּן און אַריינוואַרפן אין אייזערנע קאַסטנס. עס האָט געשווינדלט אין זיינע אויגן פון קוקן פון אויבן אַרונטער און פון אונטן אַרויף. אים האָט געדוכט אַז די בעלי־מלאכות וועלן מאַרגן קראַנק ווערן פון איבעריאָג־אַרבעט.—גאָט: ווי לאַנג לעבן די מענטשן דאָ, אַז מען אַרבעט אַזוי שווער? ס׳איז אים שווער געוואָרן אויפן האַרצן: וועט ער דאָ אויך דאַרפן מלאָכהנען אַזוי שווער? ער וועט דאָך לאַנג ניט לעבן! ער האָט זיך גאָר אָפּגעווי־וואוינט פון דער „שוואַרצער אַרבעט״; ער האָט זיך צוגעוואוינט צו וועגן און גלעטן יעדן ברעקל שטיקל האָלץ.

— אַך, אַך!—האָט זיך אַ קרעכצל אַרויסגעריסן פון אים. ווי ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט און די קורסן. וואָס פאַר אַ שם ער האָט זיך געמאַכט, און אַזוי פיל פריינט.—ווי גליקלעך איך וואָלט געווען איצט, זיצן, שפּאַצירן מיט פעסלען, עס האָט אים אַריבערגעטראָגן די האַלוציניאַציע. ער האָט זיך ווידער געזען אין ווילנע. אָט גייט ער אויף ברייטער גאַס. פעסל טוליעט זיך צו אים; אירע בלויע ליכטיקע אויגן מיטן זאַפּטיקן שמייכל דערדריקן זיין האַרץ פון פרייד און גליק!

דער דייטש, דער אינסטרוקטאָר, האָט אים באַגעגנט און האָט זיין הוט אַרונ־טערגענומען פאַר פעסלען און זיך פאַרנייגט.

„קראַסיוואַיאַ דזשעווויצאַ וואַשאַ״(איר האָט אַ שיין מיידל)—האָט ער אים אַמאָל געזאָגט.

ער ווייסט, דער דייטש האָט פיינט יידן, הגם ער איז אָנגעשטעלט ביי דער יידישער געזעלשאַפט אַלס אינסטרוקטאָר. אָבער ער האָט דאָך ליב געהאַט גוטע אַרבעטער הענט... און ער איז אַזאַ גוטער בעל־מלאָכה— גוואַלד, גוואַלד! איך האָב דאָך אַ פאַלש פּאַספּאָרט! וואָרום האָב איך ניט געקענט אַוועקפאָרן אין אַ ווייטער שטאָט? גוואַלד, גוואַלד! אָבער די שפּיאָנען! אַך, אַך! איך האָב דאָך געקענט מיט פעסלען ערגעץ אין רוסלאַנד, טיף רוסלאַנד אַוועקפאָרן. און דאָ האָט ער זיך איבערגעלייגט:—האָבן זיי מיר אין ווילנע ניט דערקאָנט? אַך, בלוט־הינט! שפּיאָנען!...

— דאָ איז דאָך גאָר אַ מאָדנע וועלט! ווען ביי אונדז וואָלטן מענטשן אַזוי געאַרבעט, וואָלט מען דאָך אַרומגעגאַנגען אין גאָלד. הגם מען וואָלט גיך אַוועק אויף יענער וועלט. ער האָט דאָס געזאָגט צו איינעם פון די פּאַסאַזשירן, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים און אויך געקוקט ווי מען יאָגט זיך:

— אַזוי אַרבעטן וועט מען לאַנג ניט לעבן! ווי דענקט איר?—האָט ברוך אים געפרעגט.

— לעבן טאַקע דאָ ניט לאַנג די מענטשן אין אַמעריקע: זיי שטאַרבן דאָ צו 45-40 יאָר!—האָט דער מאַן געענטפערט.—דאָס איז אַמעריקע!... איך בין שוין דאָ איין מאָל געווען און בין געפאָרן צוריק. נאָר וואָס קאָן איך זיך העלפן? מען לאָזט מיר ניט וואוינען אין דאָרף, ווייל איך בין אַ ייד! איז ניטאָ קיין אַנדער ברירה, קיין אַנדער אויסוועג. דאָ לעבט פאָרט דער ייד פרייער, קיין „קראָמע יעוו־

רעיעוו" איז דאָ ניטאָ! בין איך געקומען צוריק אַהער! אַט אַזוי ווי איר זעט!...

דער ייד וואָלט געקענט פירן אַ שיינעם יידישן לעבן אין דאָרף, און דער עיקר אין רוסלאַנד, וואָלט מען געקענט אָפּהיטן די יידישקייט, יידישע יום־טובים, שבתים, אָן הו־האַ, ווי דאָ. מען ווייסט ניט פון שבת, פון יום־טוב; מען ווייסט ניט אַז ס'איז דאָ אַ גאָט מיט געזעצן, וואָס מען וועט טייער באַצאָלן פאַר אונדזערע זינד!

— טאַקע, דער עיקר בין איך צוריקגעפאָרן, ווייל איך האָב ניט געוואָלט אַרבעטן שבת און יום־טוב... וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? אַרבעט, אַרבעט, אַרבעט! אַלע טעג פון וואָך—כמעט דאָס זעלבע. זונטיק? וואָס האָט דער ייד מיטן זונטיק? וואָס זיינען מיר, גוים? און מען אַרבעט זונטיק אויך! מען האָט פאַרן זונטיק קיין דרך־ארץ אויך ניט! מען אַרבעט, מען האַנדלט; כאַפּ־לאַפּ; גיך רייך ווערן וויל מען! וויפיל מענטשן קענען רייך ווערן? עס קאָנען אַלע רייך ניט זיין! אַלע געלטגייציק! נאָר געלט און געלט! דערפאַר שטאַרבט מען דאָ אָן יאָרן—האָט ער מיט כעס זיך צעשפּיגן.

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט דאָ? וואָס איז אייער מלאכה דאָ געווען?

— אַ וועסטנמאַכער—האָט דער רויטער מאַן געענטפערט—ניט קיין גאַנצער וועסטנמאַכער, נאָר אַן אַפּרייטאָר, אַ שטעפער! די פאַרשאָלטענע פּראַנטלעך געשטעפט!... אַלע אַרבעטן שבת און איך האָב ניט געוואָלט אַרבעטן שבת, ניט געוואָלט אַרבעטן פסח, סוכות! אין דער היים געווען אַ גאַנצער בעל־מלאכה: געמאַכט קאָסטיומען, פּאַלטאָס (מאַנטלען), פוטערלעך; געלעבט אין רחבות; געהאַט אַ בהמה, מיט פרישע מילך, מיט קעז, פוטער, שמעטענע, געהאַט הינער און אייער; געוואוסט אַז איך בין אַ מענטש! איצט, וואָס קאָן איך זיך העלפן? געלאָזן ווייב און קינדער מיט מיין אַלטער מוטער, און זיך געלאָזן ווידער אין דער גאָלדענער מדינה, ווי מען רופט עס ביי אונדז! וועל זוכן מאַכן מיין אייגן קרעמל: פאַרריכטן קליידער, פּרעסן, אַבי ניט אַרבעטן ביי יענעם; זיין מיין אייגן באַלעבאָס, אָבער שבת וועל איך ניט אַרבעטן! איין מאָל פאַר אַלע מאָל—ניט!...

— פאַרדינט מען כאָטש גוט, ווי מען זאָגט?!

— אַז ס'איז דאָ אַרבעט פאַרדינט מען, אַרבעט מען טאָג און נאַכט, „ביזי"! דריי חדשים אין אַ יאָר איז דאָ אַרבעט און 9 חדשים שפּייט מען אויס די לונגען! מען לייט, מען באָרגט, מען קומט דורך!.. אָבער גיט מיר דאָס דאָרף, בין איך אייך אַלץ מוחל. קריכן אויפן פינפטן „פלאָר"־שטאָק, נאָך אַ שווערן טאָג מלאכה, אין פאַרשטיקטער היץ; שלאָפן ביים צווייטן אויף אַ סאָפּקע אָדער אַ צונויפגעלייגט בעטל; זיין אַ באָרדער, אַ קוואַרטיראַנט... אַך פאַניע גנבו! ווי גוט ס'איז צו לעבן אין דיין דאָרף—האָט דער געלער ייד געגלעט זיין באָרד און מיט כעס אַ שפּיי געטאָן!

ער הערט ווי מען רופט: „דריטער, פערטער קלאַס, זייט גרייט!"

דער ערשטער און צווייטער קלאַס זיינען אַראָפּ פון שיף גלייך אויפן דאַק. זייערע באַקאַנטע און אייגענע האָבן זיי באַגעגנט, מיט פרייד, אומארמונג און קושן.

ברוך איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, ווי אַ קינד אויף אַ יריד. מען האָט גענומען אַרונטערלאָזן דעם פערטן קלאַס, ניט אויפן דאַק נאָר אין גרויסע צימערן, וואו ס'זיינען געשטאַנען אַלערליי בעאַמטע, אויפזעער, פּאָליציאַנטן. ער האָט זיך ניט געוואָלט שטופּן, ער האָט זיך ניט געאיילט. אַך, ווען ער קען קומען צוריק קיין רוסלאַנד? ווען ער וואָלט ניט מורא געהאַט, וואָלט ער געפאָרן צוריק! ער האָט אַראָפּגעשלעפּט זיינע צוויי קאָרזינעס און האָט זיך געשטעלט וואו מען האָט אים געהייסן שטיין אין ריי.

ער האָט געזען ווי מען פרעגט, ווי מ'הייסט עפענען דעם באַגאַזש. די „טאַמאָזשנע" בעאַמטע ריען, זוכן, צי ס'איז עפּעס דאָרטן ניטאָ קיין „קאָנטרע־באַנד"! ברוכן איז שווער געווען אויפן האַרצן. אים האָט געשראָקן דאָס האַרץ. ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס. אים האָט געשראָקן אַמעריקע!... אים האָט געשראָקן דער געאייל, דער מענטש אַרבעט ווי אַ מאַשין!... ער איז געווען צעטומלט!...

פּלוצים האָט מען אים אויסגערופן. ער האָט גענומען זיינע צוויי קאַרזינעס. מען האָט אים עפּעס געפרעגט; דער „דאָלמעטשער" (איבערזעצער) האָט פאַר אים גערעדט. אַלץ איז געגאַנגען גלאַט. ער האָט צוגענומען זיין פּאַספּאָרט און האָט געוואָלט אויפהויבן זיינע קאַרזינקעס, ווי פּלוצים—ער ווייסט ניט פון וואַנען—איז צוגעקומען אַ מאַן אין אַ סורטוק מיט אַ צעלינדער־הוט, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און אים אַ צייכן געטאָן מיט ווייסן קרייט, און גלייך האָט מען אים אָפּגעשטעלט אָן אַ זייט!

שטייט ברוך אַ פאַרלאָרענער, קוקט אויף אַלעמען אַ צעטומלטער, ניט וויסנ־דיק פאַרוואָס האָט מען אים פאַרהאַלטן?... אַן אומרואיקייט האָט אים אַדורכגענומען. ער האָט געפילט ווי אַ שווערע וואָג האָט זיך אויף אים אַוועקגעפּעלצט. די ליכטיקע זון פון די גרויסע פענצטער האָט אים וואַרים געגלעט. אים האָט זיך געדוכט אַז מ'האָט אים פאַרמסרט און ער איז פאַר דעם פאַרהאַלטן געוואָרן. אפשר האָט דער קאַפּיטאַן פון שיף דאָס געטאָן? און אפשר—האָט אים געשטופּט אין זיין מוח—אַ שפּיאָן?! זיינע געדאַנקען און זיינע אויגן האָבן זיך אויף יעדן געלייגט. ער האָט געזוכט אַ פּנים, וואָס ס'וועט זיך אים לאָזן דערקאָנען, נאָר אַלע זיינען פאַר אים פרעמד געווען. אַ צעטומלטער, מיט צעשראָקענע בליקן, האָט זיך געצויגן די מינוטן און שעהען. זיין האַרץ האָט אים פאַרקוועטשט, און אַ ניט־גוטקייט צו ברעכן! אַ שוואַכקייט, אַ חלשותדיקייט, אַז קאָם די פיס האָב אים געהאַלטן. די קני האָבן זיך געבויגן. ער האָט געפילט ער וועט אומפאַלן!... אָט, אָט, אָט!...

די שווערע נסיעה האָט אים אויסגעמאַטערט. ער איז געווען הונגעריק און אַנטמוטיקט. ער האָט גענומען אַרומטראַכטן, וואָס מיט אים האָט אין גאַר אַ קורצער צייט געטראָפן. אַך, וואָס ער האָט אַדורכגעלעבט, זינט מען האָט אים אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט פון די אַנדערע!

דערווייַלע האָט מען געהייסן דעם דריטן און פערטן קלאַס שטעלן זיך אין ריי און עטלעכע שוואַרצע מענער האָבן געשטופּט וועגעלעך מיט טאַרטן, „פּאַי", און שוואַרצע קאַווע אָן צוקער. מען האָט דערלאַנגט שטיקלעך „פּאַי" מיט אַ טעפּעלע ביטערע קאַווע. ברוך איז זייער הונגעריק געווען, איז ער זייער צופרידן געווען צו כאַפּן אַ כזית. ער האָט אַ טרונק געטאָן די שוואַרצע ביטערע קאַפע, האָט ער זיך פאַרקרימט און זיך דערמאָנט אָן דער שיף... דער „פּאַי" איז געווען האַלב־רוי, פּשוט טייג, אַז אַפילו דער הונגער האָט אים ניט געקאָנט דאָס מאַכן צו עסן! האָט ער אַויסגעקאַלופּעט די עפּל (דאָס איז געווען „עפּל־פּאַי") און אַביסל דערקוויקט דאָס הונגעריקע האַרץ.

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, מען האָט נאָך עטלעכע פון די מיטפאָרער צו־געשטעלט צו זיין זייט. עס איז אים גרינגער געוואָרן, וואָס ער האָט דערזען נאָך עטלעכע נאָענט צו אים. ער האָט אַ פרעג געטאָן איינעם לעבן זיך:

— וואָרום שטעלט מען אונדז ביי דער זייט?—וואָס באַטייט דאָס?

— ניטאָ קיין מזומנים צו וויזן!—האָט איינער אַ געזונטער יונג מיט אַ רויטער באָרד אים געענטפערט.

— איך האָב פופציק רובל—האָט ברוך געענטפערט—דאָס איז דאָך 25 דאלער! ניט?!

יענער האָט אים אָנגעקוקט:

— דאָס איז זייער מאָדנע, דאָס פאַרשטיי איך ניט!—האָט דערזעלבער מאַן מיט דער רויטער באָרד אַ זאָג געטאָן און אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס, ווי איינער וואָלט זאָגן: ס'איז עפּעס ניט גלאַט מיט דעם יונג! אַ חלוש!

דערווייל האָט זיך מער און מער געמערט מענטשן ביי זיין זייט. נאָר גלייך האָט מען אים אַ רוף געטאָן אין אַ צווייטן צימער. ברוך איז מיט וואַקלדיקע טריט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַריין אַהין. איינער האָט אים געהייסן אַרונטערנעמען זיין הוט און ער איז צו צו אים, האָט אַ הויב געטאָן זיינע לאַנגע האָר און האָט גענומען אַריינקוקן דאָרטן...

—„אָ־קיי"—האָט ער אַ זאָג געטאָן—„גאָ אַהעד!"

ברוך האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, וואָס דער מאַן רעדט.

איינער וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, האָט אַ זאָג געטאָן צו ברוכן:

— ער הייסט אייך גיין, יונגערמאַן.—גייט אַרונטער, איר זייט „אָ־קיי"!...

דאָ האָט זיך באַוויזן אַ מאַן פון דער „אייד סאָסייעטי" („האַיאַס") און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— האָט איר ווער זאָל אייך אַרונטערנעמען? האָט איר אַן אַדרעס, וואו צו פאַרפאָרן, יונגערמאַן?

— יאָ—האָט ברוך אַ זאָג געטאָן און געוויזן דעם מאַן דעם אַדרעס.

— קומט מיט מיר—האָט דער מאַן געזאָגט—און שפּעטער וועלן מיר אייך אָוועקפירן צום אָרט וואו אייער אַדרעס איז, צו וועמען איר פאָרט, פאַרשטייט איר?

ברוך האָט אים באַטראַכט. ער געדענקט, מען האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך ניט לאָזן פאַרנאַרן. פאַראַן אַסך שווינדלער אין „קעסל־גאַרדן", וואָס נאַרן אויס ביי די עמיגראַנטן די לעצטע פעני, וואָס זיי פאַרמאָגן. נאָר ער האָט דערזען, אַז ס'איז מיט אים דאָ נאָך מענער און פרויען, האָט ער זיך געלאָזן גיין מיט זיי אַלעמען.

מען האָט אים געבראַכט אין „האַיאַס" „אייד־סאָסייעטי". דאָרטן זיינען שוין פול געווען מיט הונדערטער מענטשן. מען האָט זיי געגעבן איבערבייסן, און צו אָוונט־צו האָט אַ מאַן אים אָפּגעפירט צו דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס, וואָס ברוך האָט אים געגעבן.

ברוך איז געווען ווי צעטומלט פון אַזויפיל מענטשן, פון אַזויפיל וועגענער, פון עלעווייטער און פון טומל פון די פעדלערס אויף ברום סטריט. דאָס איז געווען שבת־צו־נאַכט. דער אַדרעס איז אויך געווען אויף ברום קאָרנער עלען סטריט. ס'איז געווען זייער אַ הייסער, ווי יוני טאָג. שטיקענד איז געווען אין גאַס. מענטשן זיינען געשטאַנען אויף די טרעפּ פון די אַריינגאַנגען. קינדער האָבן זיך געשפּילט אויפן טראָטואַר. ס'איז געווען געטומל. מיידלעך מיט בחורים זיינען געשטאַנען אין די אַריינגאַנגען פון די ערשט־פאַרמאַכטע געשעפטן. מען האָט געשפּאַסט, מען האָט זיך געקושט.

ברוך מיטן מאַן זיינען אַריין אין „האָל", אַריינגעקוקט אין די בריוו־קעסטלעך צו געפינען דעם נאָמען, צי איז עס דאָרט, און זיינען גלייך גענומען אַרויפשטייגן די טרעפּן, אַרויף, אַרויף, ביזן פינפטן עטאַזש (שטאָק)... דער מאַן האָט אָנגעקלונגען. אַן עלטערע פרוי איז אַרויס, האָט זיי אָנגעקוקט, באַטראַכט דעם גרינעם ברוכן, און אַ זאָג געטאָן:

— אַ גרינער, אַ יאָ? און ווער זייט איר, יונגערמאַן?

דער מאַן פון האַיאַס האָט אים געפרעגט אויפן נאָמען, וועמען ער זוכט. די פרוי האָט אים געענטפערט: ער איז נאָך ניטאָ פון דער אַרבעט, ער וועט באַלד קומען.

— קען ער דאָ וואַרטן ביז דער מאַן וועט קומען? ווייל איך האָב נאָך פילע פלעצער וואו צו גיין. נאָר שרייבט אונטער אַז איך האָב צוגעשטעלט די סחורה!

— האָט ער געלאַכט.

— מיט פאַרגעניגן — האָט זי געזאָגט. און אַז זי איז געבליבן מיט ברוכן אַליין האָט זי געזאָגט:

— זעצט זיך, יונגערמאַן, זעצט זיך. מענדל וועט באַלד קומען פון דער אַרבעט. ער שטייט דאָ ביי מיר „לאָזשי." יאָ, שוין באַלד צוויי יאָר. צוויי יאָר באַלד! אַ פיינער יונגערמאַן, ביז גאָר!

ברוך קוקט איר אָן: וואָס מיינט זי „לאָזשי"? נאָר ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מיינט „קוואַרטיר." ער האָט באַטראַכט די פעטע קורצע פרוי, אַזאַ גוט־מוטיקע מיט לאַכנדיקע אויגן, איר קיילעכדיק פנים ווי אַ לבנה, פון פעטקייט זיינען אירע קליינע ליפּן אָפּגעשטאַנען ווי ביי אַ קינד.

— פון וואַנען קומט איר, יונגערמאַן? אַ לאַנדסמאַן?!

ברוך האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס'איז אַ לאַנדסמאַן, נאָר פון וואַנען ער קומט, האָט ער געענטפערט:

— איך קום פון ווילנע! יאָ, איך קום פון ווילנע!

— דאָס הייסט מענדלס ווייבס אַ קרוב? אַ? — האָט זי געזאָגט — ווי רופט מען אייך? ווי הייסט איר?

— ברוך איז מיין נאָמען — האָט ער גיך געענטפערט — און ווי איז אייער נאָמען? מעג איך אייך פרעגן?

— שימקע איז מיין נאָמען — האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפערט, — איך קום פון ריגע, פון ריגע קום איך! וואָרום טראָגט איר אַזוינע לאַנגע האָר? — האָט זי אים געפרעגט — ס'איז דאָך אַזוי הייס, און היינט איז אַ הייסער טאָג — האָט זי פאַר־ענדיקט — פונקט ווי זומער, פונקט ווי אין דזשולאַי!

— נו, פרויען טראָגן דאָך נאָך לענגערע האָר ווי איך, מוז דאָך זיי נאָך הייסער זיין — האָט ברוך קלוג מיט אַ וויץ געענטפערט.

— איר זייט גערעכט, ברוך, איך זייט אַ קלוגער יונגערמאַן. איר געפעלט מיר, איר געפעלט מיר זייער. איר קוקט אויס ווי אַ שרייבער, ווי אַ פּאָעט — האָט זי פאַרענדיקט.

אין הויז זיינען אַריינגעקומען אירע צוויי טעכטער פון דער אַרבעט. די מוטער האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר ברוכן.

ברוך האָט זיי געגעבן די האַנט און זיי געזאָגט אין רוסיש: „איזדראַסוואויטע" און זיך פאַרנייגט פאַר זיי ווי אַ „דזשענטלמאַן" — „איזדראַסטוואויטע"!

סיידין איז ברוך זייער געפעלן געוואָרן, הגם זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס „איזדראַסוואויטע" מיינט, האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מיינט „האַו דו יו דו"! ברוכן איז זי אויך געפעלן געוואָרן. מאַרטאַ, די עלטערע, איז אין אויסקוק געווען שענער, העכער, נאָר סיידי איז געווען איידעלער, אַ דינע, מיט אַ לאַנגן אינטע־ליגענטן פנים, מיט בלויע גרויסע אויגן, מיט אַ קליין מיילכל, ווי ביי איר מוטער און האָט אימער דעם שמייכל געטראָגן אויף די ליפּן. אין קאָנטראַסט, מאַרטע, די עלטערע שוועסטער, האָט שטרענג, ביייזלעך געקוקט אויף אייך. ברוך האָט

געוואָלט מיט איר פאַרפירן אַ שמועס, האָט ער אָנגעפאַנגען דברן אין רוסיש. זי האָט אים גלייך אָפּגעשטעלט, זאָגנדיק אַז זי רעדט לאַטוויש אָדער יידיש.

— גוט—האָט ער געזאָגט—זאָל זיין יידיש. אין דער זעלבער צייט איז אַריינ־געקומען זיין אומבאַקאַנטער פריינט, מענדל. ברוך האָט זיך פאַר אים פאַרגע־שטעלט. ברוך האָט אים פון דער היים ניט געקענט. זיין ווייבס שוועסטער, דאָס איז געווען זיין מיידל, פעסל, וואָס איז מיט אים אַרומגעגאַנגען און האָט אים געגעבן אַ בריוו מיט זיך. ער האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו.

מענדל האָט געלייענט דעם בריוו און ברוך איז געשטאַנען קעגן אים שטייף ווי אַ שטעקן, געקוקט אויף זיין פּנים, וואָס פאַר אַ ווירקונג ס'האָט געמאַכט דער בריוו אויף אים? ווען מענדל האָט געענדיקט לייענען, האָט ער נאָכאַמאָל אים געגעבן די האַנט, ברוכן, און אַ זאָג געטאָן:

— עס פרייט מיך אייך צו קענען, יונגערמאַן, וועלקאָם אין אַמעריקע, ווי זאָל איך אייך רופן?

— ברוך!—האָט ער געענטפערט—ברוך אַרקין איז מיין נאָמען.

— „יעס״, ברוך—האָט מענדל געזאָגט.—די ערשטע זאַך קומט אַרונטער־האַקן די האָר. דאָ טראָגט מען ניט אַזוינע לאַנגע האָר, און מיר וועלן אַוועק אין אַ טערקיש־באַד, זיך גוט אויסשוויצן, פאַרגעסן „פאַניען״...

— גערעכט, האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט—גערעכט, אַרונטער מיט די האָר. אין דר'ערד מיטן רוס!... דאָ איז אַמעריקע!...

— מיסעס שימקע—האָט מענדל געזאָגט—איך דענק, אַז איר וועט האָבן נאָך אַ „באָרדער״!

— זייער אַנגענעם, האָט אונטערגעכאַפּט סיידי—ס'איז דאָ אַ בעטל, אַ יאָ, מאַמע?—האָט זי געפרעגט—ס'איז דאָ ?

— מיר'ן שוין אַדורכקומען, האָט שימקע געענטפערט.

— קומט, ברוך—האָט מענדל אים גענומען אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַרונטער אין „צערולניע״ (באַרבער שאָפּ). אַרום צען אַזייגער איז מענדל אַריינגעקומען מיט ברוכן אין הויז, האָבן זיי ברוכן כמעט ניט דערקאַנט. ער האָט פיל, פיל יינגער אויסגעקוקט נאָך די אַרונטערגעשאָרענע האָר, אין אַ נייער אַמעריקאַנער אויבערהעמד מיט אַן אַמעריקאַנער „דורבי־העט״.

— „לוק, מאַ״—האָט זיך סיידי אָפּגערופן צו דער מאַמען—„לוק עט דהי גרינהאָרן, הי״ז אַ רעגולער יענקי. לוק עט הים ! ״

ברוך האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי רעדט, נאָר ער האָט געוואוסט אַז זי רעדט וועגן אים. ער האָט געשוויגן. ער איז צו צום שפּיגל, זיך נאָכאַמאָל נאָכ־געקוקט. ער האָט אויסגעקוקט ניט מער ווי זעכצן יאָר.

— ברוך—האָט מענדל אים גערופן אויף „דו״—ווילסט זיך גיין אויסרוען? קענסט זיך גיין לייגן שלאָפן. ס'איז שוין אויסגעבעט פאַר דיר!

— וואָס מאַכט איר זיך נאַריש—האָט סיידי זיך אַריינגעמישט—ס'איז ערשט צען אַזייגער. ער דאַרף מאָרגן ניט גיין אַרבעטן! מיר קענען נאָך זיצן אַ שעה אָדער צוויי!

— איך וועל זיצן מיט אייך, ווי לאַנג אַלע וועלן זיצן—האָט ברוך געזאָגט, און זיך געזעצט אויפן ראַנד פון „לאַנדזש.״

— אַזוי איז פיין, אַזוי איז שיין—האָט שימקע געזאָגט.—ער וועט זיך גיך אויסגרינען. איר'ט זען, ער'ט זיך גיך אויסגרינען!... גיכער ווי איך—האָט זי געלאַכט.

— וואָרום ניט? — האָט מענדל געזאָגט — וואָס דענקט איר, ער איז ווי אַ „נאַש בראַט״, וואָס ווייסט גאָרניט? ברוך איז אַן אינטעליגענטער מענטש, הגם ער איז אַ בעל־מלאָכה. ער וועט נאָך קענען שרייבן ביכער אין ענגליש, ווי ער שרייבט אין רוסיש און יידיש!

— איז ער אַ שרייבער אויך? — האָט סיידי פאַרוואונדערט געפרעגט.

— יאָ, איך שרייב. — האָט ברוך באַשיידן געזאָגט. זייערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. זי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי זיך געלייגט שלאָפן.

ברוך שלאָפט די ערשטע נאַכט אין אַמעריקע. אַ נאַכט פון שרעקלעכע חלומות.

## ברוך האָט שווערע חלומות

אָבער ניט לאַנג איז ברוך געשלאָפן, הגם ער איז מיד געווען. ברוך, אויף אַ נייעם פּלאַץ, האָט די ערשטע נאַכט ניט געקענט שלאָפן. ס'איז שוין פון אימער ביי אים געווען אַזאַ חולאת. ער האָט געמוזט אַריינשלאָפן צוויי־דריי שעה, דער־נאָך האָט ער זיך געוואָרפן פון איין זייט אויפן צווייטן, ביז ער האָט זיך אָפּגעגעבן צו זיינע טרוימען, צו זיינע געדאַנקען; דאָס הייסט, בעסער געזאָגט, ער האָט ניט געוואָלט טראַכטן. ער וואָלט בעסער געוואָלט זיך אויסרוען. די קאָפּ איז אים שווער געווען. אין פראַנט צימער זיינען אַלע פענסטער געווען פאַרמאַכט, און אַ היץ האָט זיך געטראָגן פון דעם גרויסן קוילן־אויוון פון קיך. ער האָט געפילט ס'פעלט אים אָטעם, נאָר, דאָך האָט ער ניט געוואָגט צו עפענען אַ פענסטער. ער איז די ערשטע נאַכט אין אַ נייער, פרעמדער הויז — האָט ער זיך ניט געוואָלט צו באַלעבאָטעווען, און געצויגן אין זיך די שווערע לופט.

פאַר אים איז אַדורך זיין גאַנצער לעבן זייט ער געדענקט זיך. עפּיזאָדן נאָך עפּיזאָדן זיינען ווי טייכן, פעלדער און פעלדער געשוואומען געשווינט פאַר זיינע אויגן; פרילינגס, ווינטערן און זומערס; אַלע זיינע ליבעס און קאַמפן; זיסע, גוטע צייטן; שווערע און ביטערע צייטן; געלעכטער און טרערן...

ער דערמאָנט זיך ווען זיין טאַטע האָט אים אָפּגעגעבן ביז די לעצטע קאָפּיקע. ער האָט דאָס גאָר קיינמאָל פון זיין טאַטן זיך דערוואַרטעט. ער איז דאַן געקומען בעטן ביי דער מאַמען אויף הוצאות־הדרך. אָט שטייט ער פאַר אים, זיין טאַטע, אַ בלייכער פאַר שרעק. מען האָט אים געמאַטערט. זיין שוואַרצע באָרד האָט זילבערנע האָר גענומען אין זיך איינוועבן. ער האָט דאָס צום ערשטן מאָל געזען אויף אים. ער האָט געפילט אַזאַ רחמנות־ליבע צום פאָטער, וואָס ער האָט צו אים גאָר קיינמאָל ניט געפילט. ס'איז אים גאָר פרעמד געווען — אַ בענקשאַפט צו זיין פאָטער. אָבער איצט האָט ער געפילט, אַז זיין טאַטע האָט אים ליב געהאַט. יאָ, ער דערמאָנט זיך, זיין טאַטע האָט אים אַמאָל געזאָגט, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, אַז זיין האַרטקייט איז געוואָרן איבער זיין מוטער. זי, זי האָט אים האַרט געמאַכט; זי האָט אים אימער באַליידיקט פאַר די קינדער אין די אויגן. יאָ, ער געדענקט עס. ער געדענקט אויך, אַז זיין מאַמע פלעגט אימער אָנרעדן אויף זיין פאָטער, אַז ער גיט אין הויז גאָרניט; אַז זי דאַרף אַרבעטן — גיין פאַרדינען...

— אַך, האָט ער צו זיך געזאָגט — וואָס קריכט מיר אַזוינע זאַכן אין קאָפּ? און האָט אַריבערגעוואָרפן די געדאַנקען צו די מיידלעך... אָט זעט ער רחלען, אָט זעט ער מאַשקען. צו מאַשקען האָט ער גאָר קיין געשלעכט־געפיל ניט געהאַט.

איצטער דערמאָנט ער זיך, ווי זי האָט זיך אויסגעטאָן פאַר אים. אָט זעט ער זי איצט, ווי ער האָט זי דאָן געזען, אָבער אָן אַ ברעקל געשלעכט־פאַרלאַנג. עפּעס אַזאַ רחמנות האָט ער געפילט צו איר!—ווער ווייסט, וואָס מיט איר איז געוואָרן? האָט זי זיך פון זומפּ אַרויסגעראַטעוועט? האָט זי זיך געקענט באַהערשן? אפשר יאָ? יאָ, אויב זי האָט ניט געהאַט קיין שלעכטע צייטן, קיין שרויכלונגען, איז מעגלעך, אַז זי זאָל דערשווימען אויף טרוקענעם באָדן... אָך, וואָס האָט מיט מיר זייט דאַן פּאַסירט!... וואָס איך האָב דורכגעלעבט? דורכגעלעבט און זיך געראַטעוועט פון דער תליה—אפשר?!

אָט שטייט פאַר אים ליובא, ווי ער פלעגט מיט איר אַרומגיין אויפן בירזשע; ווי זי פלעגט אים לערנען... ווי טיף ער פלעגט זיך פאַרטיפן אין יעדן וואָרט, וואָס זי פלעגט פאַר אים ריידן.—תמיד וועל איך איר געדענקען—האָט ער געטראַכט. זי האָט מיר מיין מוח געעפנט; זי האָט מיר וויסנשאַפט געגעבן. דערפאַר וועל איך זי רעספּעקטירן. די חלומות וואָס איך האָב געהאַט וועגן איר, איז פון אַדמיראַציע. ס'איז אַפּנים אַלעס קינדעריש געווען! יאָ! חלומות!

רחלע איז פאַר אים איצט געשטאַנען. ער האָט אויף איר רחמנות געהאַט, ווייל זי האָט געליטן איבער אים, און אפשר ליידעט זי נאָך אַצינד? ווער ווייסט? אַזאַ טייער מיידל איז זי געווען. אַזאַ לעבעדיקע. אָבער ער ווייסט, ער האָט זי ניט געליבט! ער ווייסט עס, ער פילט עס. ווען פּעסל קומט אים ניט אונטער, וואָלט ער אפשר זי אַראָפּגעבראַכט; און וואָלט ער זי אַראָפּגעבראַכט, אשפר, וואָלט ער מיט איר געהייראַט? יאָ, ער וואָלט מיט איר חתונה געהאַט. ער וואָלט דאָך געדאַרפט האָבן אַ פרוי און מיט רחלען וואָלט ער דאָך ניט געקענט—ניט געטאָן!...

אָך, ווען ניט דער שפּיאָן! וויפיל ער האָט דורכגעליטן: הונגער, שרעק, עלנט און נויט! אָבער ער האָט דאָך ליב ווילנע מער ווי זיין געבוירן־שטאָט—האָמליע! אין האָמליע איז ער דאָך געווען באַרימט, באַליבט, ביי אַלע מיידלעך, אָבער ווילנע—דאָס איז דאָך, וואָס גאָר אַנדערש; דאָ איז ער שוין דאָך אַ מענטש—אַ מאַן! און פּעסל איז פאַר אים אויפגעשוואומען ווי אַ ליכטיקער שטערן. אירע אויגן האָבן אים געברענט. ער האָט גאָר פלוצים אָן אַלעס פאַרגעסן. זי איז פאַר אים געשטאַנען אין איר גאַנצער פּראַכט!— זי איז גאָר אָן אויסערגעוויינלעכע באַשעפעניש: גאָט האָט אין איר אַריינגעגעבן אי חן און שיינקייט. ס'איז פאַר אים ווידער אַדורך די גאַנצע באַגעגעניש; די ערשטע נאַכט ווען ער האָט זי דערזען.
— אָך, מלאך מיינער, ווי אַ מלכה איז זי דאַן פאַר אים געשטאַנען; ווי אַ צויבער־בלום האָט איר שמייכל אים צעברענט. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט פאַר פאַר־געניגן. ס'איז ווערט אַלע קאַמפן, אַלע שווערקייטן, אום זי צו באַזיצן. די שווערסטע אַרבעטן, די שווערסטע ליידן ווערט ניט שווער זיין צו דענקען—אַז זי איז מיינע.

—אָך—האָט ער צו זיך געזאָגט—און אין די פאַר שעה שלאָף האָב איך פיל דורכגעזען אין חלום. שווער איז מיר געווען דער חלום מיטן שפּיאָן. איך קאָן ניט פאַרשטיין—האָט ער ווידער צו זיך גערעדט—איך האָב דאָך אים אָוועקגעלייגט מיטן ערשטן זעץ, מיטן ערשטן קלאַפּ. ווי קומט עס, דאָס אין חלום האָט ער מיך שיער דערוואָרגן! מיט שווער מי האָב איך ביי אים צוגענומען זיין רעוואָלווער און האָב אים דערשאָסן. אָך, ווי האָט זיך דאָס מיר געקענט אָנפלאָנטערן? איך האָב דאָך אים ניט דערשאָסן אין דער ווירקלעכקייט. עפּעס איז דאָ וואָס איבער צו אינטערפּרעטירן. איך דאַרף דאָס פאַרזיכטיק פּותר־חלום זיין. נו, זאָל דאָס זיין לטובה. און די קאָזאַקן? די קאָזאַקן האָבן מיר באַשאָסן מיט קוילן

ווי אַ רעגן וואָלט געגאָסן. איך האָב פשוט די קוילן געכאַפּט מיט די הענט; מיט די הענט, ווי זיי וואָלטן ניסעלעך געווען. דאָס געפעלט מיר. יאָ, האָט ער געזאָגט; ווי ניסעלעך האָב איך די קוילן געכאַפּט. אָבער, ווער קען דאָס פּותר־חלום זיין?—האָט ער צו זיך געזאָגט.—איך דאַרף פאַר דעם צייט, צו קענען אַנאַליזירן, פּותר־חלום זיין. אַזוינע חלומות דאַרף מען צולייגן זיי, ווי קאָרטן, און איבער־טראַכטן, איבערלייגן זיך, איידער, איידער מען איז פּותר אַזאַ חלום. איך מוז באַזיצן אַ שטאַרקע קראַפט, אַ שטאַרקן ווילן, דאָס איז קען זיך שטעלן קעגן טויט און באַזיגן אַזוי גרינג דעם טויט. איך בין שטאַרקער פון טויט! איך וועל איבערטראָגן אַלע שוועריקייטן, אַלע געפאַרן, דאָס דער טויט וועט מיך ניט קענען באַזיגן. אַזוי קאָן איך דאָס פּותרן; אַזוי איז די לאָגישע אויסטייטשונג פון אַזאַ חלום.

## ער ווערט אַטאַקירט פון דער „רויטער גוואַרדיע“!

אַ וואַנץ האָט אים אַ ביס געטאָן, אַזש ער האָט דאָס גוט דערפילט. ווי ס'ווייזט אויס איז דער מאַטראַץ פול געווען מיט דער בלוטיקער חברה. זיי האָבן דעשמעקט נייע פלייש, האָבן זיי זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן. פון גאַז־לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אַ קליין פייערל אין „האלכל,“ האָט ער אַראָפּגייענדיק פון בעטל דערזען אַ גאַנצן „אַטריאַד“ מיט וואַנצן. זיי זיינען אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער, ווי אויס־געמושטירטע סאָלדאַטן און מען האָט געזוכט זיין לייב. ס'האָט זיי געשמעקט דאָס „גרינע“ לייב, וואָס ס'האָט נאָך אַביסל רויטע היימישע בלוט געהאַט. ברוך האָט שוין אין בעט זיך ניט געלייגט. ביים זייט איז געשטאַנען אַן אָרעם-שטול, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און זיך גאַנץ גוט געפילט. ער האָט געזען די קליינע בלוט-זויגער האָבן אים אַרומגעזוכט; ווען זיי קאָנען שפּרינגען, ווי די פליי, וואָלטן זיי אויף אים אַרויפגעשפּרונגען אין שטול אַריין. זיינען זיי אַזוי אַרומגעלאָפן אויפן ווייסן ליילעך, פון ליילעך אויפן ווייסן קישן, און פון קישן אויפן ליילעך. ברוך האָט גענומען פילאָזאָפירן:

— יעדע זאַך, יעדע באַשעפעניש האָט איר מקום אויף דער אַדמה. איינער איז באַשאַפן פאַרן צווייטן. למשל: אַ לעמעלע, פאַרן וואָלף, פאַרן מענטש—פאַר חיה און מענטש. אַ פיש—פאַר אַ גרעסערן פיש, פאַרן מענטש, פאַרן פויגל; אָבער אַ וואַנץ, אַ לויז, אַ פלוי—ווער האָט פון זיי אַ נוץ? זיי זיינען נאָר באַשאַפן צו דאַקוטשען, צו וועמען זיי טשעפּען זיך צו. צי ס'איז פאַראַן אַנדערע שרצים, איב־זעקטן, וואָס האָבן פון זיי הנאה?... ס'מוז זיין! נאָר מיר אַזוינע זיינען ניט באַקאַנט, וואָס איך זאָל קענען צוגלייכן, ווער ס'זאָל זיך מחיה זיין מיט זיי...

## ברוך בליקט אַריין אין זיין קינדהייט

ער איז געזעסן אַזוי און געקוקט. פאַר אַ ווײַלע האָט זיין מוח רו גענומען. אָבער ברוך האָט קיינמאָל אומזיסט קיין צייט ניט פאַרלאָרן. זיין מוח האָט אימער געזוכט מלאכה—טראַכטן! האָט ער זיך אָנגעלייגט גאַנץ געמיטלעך אין שטול, האָט אויסגעצויגן זיינע פיס. אַ רואיקע צופרידנהייט איז דורך זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט צוגעמאַכט זיינע אויגן, אָבער ניט צו שלאָפן. שלאָפן האָט ער ניט געקענט. האָט ער זיך ווידער איבערגעגעבן צו זיין וואַך־חלומות. ווידער האָבן די געדאַנקען זיך צעלאָזן, ווי קריַיס אין טייך ווען פרילינג קומט: אַ שטיקל דאָרט אַ שטיקל דאָ. אָבער ביסלעכווייז האָט דער קוויל פון געדאַנקען גענומען זיך אויספּלאָנטערן

און ברוך איז רואיק געזעסן און געצויגן געדאַנקען־פֿאָדים פון קנויל, און האָט זיך אַוועקגעלאָזן ווידער אין זיין היימשטאָט, וואו זיין וויגעלע איז געשטאַנען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, די פאָרשטאָט פון האָמליע, האָט געהייסן: „ניי־אַמעריקע." ער געדענקט נאָך, אַז קאָם, קיין פולע דריי יאָר איז ער דאָן ניט אַלט געווען; זייער הויז איז געשטאַנען אין וואסער. „קליאַטקעס," צוויי ברעטער די ברייט, האָבן זיך געצויגן ביזן טרוקענעם באָדן. אויף קלעצער, ווי אַ דאַך, האָט דער טראָטואָר זיך געצויגן. ער געדענקט, ער איז איינמאָל אַריינ־געפאַלן און זיין טאַטע האָט אים קאָם געראַטעוועט. ער האָט זיך אויסגעגליטשט. ער געדענקט, אַז דער טאַטע האָט אים דערנאָך גוט אויסגעפּאַטשט אין זיין הינטער־חלק, פאַר גיין אַליין איבער די „קלאַדקעס". יאָ, ער געדענקט אויך, אַז זיין ברודער האָט אים ווינטערצייט אַרויפגעזעצט אויף אַ שטול און האָט זיך גע־גליטשט מיט אים אויפן פאַרפרוירענעם טייך! אַך, ווי ס'איז דאַן קאַלט געווען!... ער האָט זיך געבעטן ביים ברודער ער זאָל אים אַהיים נעמען. ער האָט שיער אָפּגעפראָרן זיינע פיסלעך. די מאַמע האָט געשריען אויף זיין ברודער, ווארום ער האָט אים געגומען זיך גליטשן. אָט זעט ער איז האלוציע, דעם טייך, אָ, ווי ווייט זיינע אויגעלעך האָבן קאָם געזען דעם סוף פון טייך. אַך, וויפיל קינדער האָבן זיך דאַן געגליטשט. דאָס איז געווען שבת. יעקב משה, דער קצב, האָט זיך אויך געגליטשט. ער האָט געהאַלטן זיין זון אויף די הענט און האָט מיט אים קונצן געמאַכט. אָט האָט ער אים געהאַלטן אויפן קאָפּ און אַמאָל אויפן אַקסל. אַך, יענע גליקלעכע קינדערשע פרייד, יענע גליקלעכע טעג!...

ער האָט זיך דערמאָנט, דאָס איז געווען פאַר פסח, אָדער ערב־פסח. דאָס אייז האָט געגומען צוגיין, די זון האָט געוואָרעמט. לעבן זייער הויז האָט מען געשאָטן וועגענער ערד. דאָס האָט מען געגומען פאַרשיטן דעם טייך, די בלאָטע. „ניי־אַמעריקע" האָט זיך געגומען פאַרבויען. מ'האָט געפירט וועגענער מיט קלעצער—גאַנצע בערג מיט קלעצער, הויך, הויך. פאַר אים האָט דאָס דאַן אויס־געקוקט ווי אַ הויכער באַרג. דער טרעגער האָט דאַן אַריינגעבראַכט צוויי גרויסע פעק מיט מצה אויף אַ קאַראָמעסל. ער געדענקט: דער טאַטע האָט דעם מאַן באַ־צאָלט און דער מאַן האָט אים געוואונטשן אַ גוטן פסח. דער טאַטע האָט אָפּגע־בראָכן אַ שטיקל מצה און האָט דאָס אים געגעבן. אַך, וואָס פאַר אַ טעם דאָס האָט געהאַט: טעם גן-עדן! דער טאַטע האָט די מצה אַרויפגעלייגט אויפן קליידער־אַלמער אין דריי רייעס און האָט עס פאַרדעקט מיט אַ טישטעך. אין שטוב איז ריין געווען. די פאָדלאָגן איז געווען באַשאָטן מיט זעגעכץ. די מאַמע און זיין שוועסטער זיינען געקומען פון מאַרק, געבראַכט פיש, אַן עוף און פלייש. אין הויז האָט אַזוי גוט געשמעקט. ווייַן האָט דער טאַטע געבראַכט נאָך מיט אַ טאָג פריער. דער טאַטע האָט אים געגעבן אַ לעק וויין. אַך, ווי געשמאַק דאָס איז געווען. צום סדר איז ער איינגעשלאָפן. אויף מאָרגן, נאָכן ערשטן סדר, בייטאָג, האָט אים דער ברודער געגומען צו זיינע חברים. מען האָט געשפּילט אין ניס, אין אַ היטל. ס'איז דאַן נאָך קאַלט געווען, האָט מען געשפילט אויבן, אין דער ווייבערשער שול. זיין ברודער האָט אָנגעוואונען פולע קעשענעס מיט ניס און אַ פאַר גראָשן מזומן אויך. אָט זעט ער אַלץ דייטלעך, פאַר די אויגן.

— אַך, שטותים—האָט ער צו זיך געזאָגט—וואָס טראַכט איך פון דאָס?! וואָס קריכט מיר אַזוינע זאַכן אין מוח? און ווידער ניט ווילנדיק ציט זיך דער פאָדעם פון קנויל:

אָט זיצט ער ביי דער מומע אַלגען, דאָס הייסט, צוגאַסט אין מען אַהין געקור־

מען. די גאַנצע משפּחה: זיין ברודער, שוועסטער, ער און טאַטע־מאַמע—מען עסט אַלע גוטע זאַכן. אויפן טיש איז מכל טוב. די מומע אַלגע איז אַ רייכע, זייער אַ רייכע! איז דער טיש באַדעקט מיט יאַדערלעך, איינגעמאַכץ, כרעמזלאַך, ביס איינ־געוויקלט אין פלוימען, טאָרט און מאַנדל־טאָרט, אַלערליי פּרוכטן, וואָס ביי זיי זעט מען דאָס נאָר זומער. ער גייט צו אַלע ווילע, דאַ צום טאַטן, דאַ צו דער מאַ־מען, מען זאָל אים געבן. און ער האָט אַלעס געוואָלט פאַרזוכן. ער וואָלט עס אַלעס אויפגעגעסן.

* * *

— פוי, זאָל דאָס נעמען—האָט ער שטיל געזאָגט—וואָס קריכט דאָס מיר אין מוח אַזוינע נאַרישקייטן? ער וויל זיך פאַרטומלען. ער קוקט אויפן בעט צי די חיהלעך זיינען שוין אַוועק אין זייערע לעכער. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. ער האָט זיך אויסגעצויגן, נאָר שלאָפן האָט ער ניט געקענט. הגם דער קאָפּ איז געווען שווער. ער האָט זיך געריבן אין די שלייפן, און ווידער האָבן די געדאַנקען זיך גענומען וועבן; ווידער די פאָדים פון קנויל האָט זיך געצויגן. ווי עפּעס אַ טומאַן, אַ וואָלקן, האָט זיין מוח פאַרצויגן און האָט אים געטראָגן אַהין, וואו ער האָט קיין שליטה ניט געהאַט. עס האָט זיך געוועבן, אָן זיין ווילן, אָן זיין הסכמה. אָט זעט ער דאָס שיכעלע וואָס ער האָט אויפגעגנייט. אַזאַ קליין שיכעלע. און ווען דער שוסטער האָט זיך אַרויסגעקליבן פון זיי און דער קירזשנער האָט זיך אַריינגעקליבן, מאַכט ער זיך אויף אַ היטעלע, אַזאַ קיילעכ־דיקע היטעלע—אַ וואַרעמע. אָבער מער פון אַלעס האָט ער ליב געהאַט דאָס פידעלע. וואָס פאַר אַ וואונדער דאָס איז געווען? אַ פידעלע! אַלע, קיינער האָט ניט געגלויבט אַז ער האָט דאָס געמאַכט. דער סטאָליער האָט זיך געוואונדערט!

— צום טייוול—האָט ער מיט כעס זיך איבערגעדרייט, ווען די וואַנצן זיינען אים ווידער באַפאַלן. ער איז אַרויס פון בעט און האָט זיך ווידער געזעצט אין שטול אַריין. ער וואָלט געוואָלט שלאָפן! דער קאָפּ איז שווער, נאָר דער שלאָף קומט ניט! אין הויז איז וואַרעם, און איצט, האָט ער געטראַכט, זיצנדיק אין שטול, אין די אונטערוועש: ס'איז דאָ ווי זומער. ביי אונדז ברענט איצט די קעלט, אַוודאי 40 גראַד! ברוך האָט געוואוסט, אַז אין אַמעריקע איז דער קלימאַט וואַרעמער ווי אין רוסלאַנד. ער האָט אַפילו געוואוסט, אַז אין קאַליפאָרניע איז כמעט גאָר זומער, אַ גאַנצן יאָר, ווי אין קרים. אין קרים איז אויך וויניק ווינטער. ברוך האָט פון אַלעס דאָס געוואוסט, ווען ער איז נאָך געווען אין יוגנן־בונד. ליובאַ האָט אים פון אַלץ דערציילט און געלערנט. ברוך פילט ער דרימלט איין. ער פילט אַזוי לייכטט, זיס. ער פילט אַז ער וועט באַלד איינשלאָפן. ער לאָזט ניט צו צו זיך קיין טראַכטן—שלאָפן! שלאָפן!

## אַ צווייטער שרעקלעכער חלום

ווי ער האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער גענומען חלומען. פאַר אים איז דערשינען ווידער קעסל־גאַרדן. ווידער האָט מען אים פאַרהאַלטן. מען האָט אים פאַרהאַלטן אויפן באַפעל פון קאַפּיטאַן. ער האָט דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע, אַז ער, „נחמיה פּיטאַצקין" (זיין אמתער נאָמען איז: ברוך אַרקין). ער האָט דער־הרגעט אַ „שפּיאָן". מען פירט אים צוריק אויפן שיף; מען טוט אים אָן שווערע אייזערנע קייטן, מען וואַרפט אים אַריין אין אַ נאַסער, קאַלטער קאַיוטע, לעבן דעם רודער. דאָס בעטל, דאַכט אים, איז באַקאַנט. אויך דאָרטן לויפן אַרום וואַנצן און אַ צוגאָב דערצו, קריכן אַרום לייז ווי מוראַשקעס. זיי זיינען נאָך עקלדיקער

ווי די וואַנצן. עס עיפּושט מיט שימל אין דער קאַיוטע, וואו מ׳האָט אים אַריינ־געוואָרפן. מען האָט אים באַפרייט איין פוס און איין האַנט. איין פוס און איין האַנט האָט מען געהאַלטן אויף דער זעלבער קייט. יעדע ווילע קוקט מען אַריין אין דער פירעקיקער לאָך, וואָס איז געווען אויסגעפלאָכטן אַ גראַדע. ער האָט געפרעגט דעם מאַטראָז:—ווען גייט אָפּ די שיף נאָך רוסלאַנד?

— ניט דאגה זיך—האָט דער מאַטראָז אים געענטפערט—דער קאַפּיטאַן וועט דיך ברענגען צוריק, וועסטו זיין ניט מער ווי אַ סקעלעט, אַ שאָטן; וועסט זיך ווינטשן דעם טויט בעסער, ווען ער וועט זיך צו דיר נעמען. ער האָט ניט קיין האַרץ, דער קאַפּיטאַן. ער שמייסט, ער שלאָגט. ער וועט דיר געבן די שווערסטע אַרבעט, און עסן—קדחת! „ס׳איז דאָ אַ ברייטע טיר אַריינצוגיין, אָבער זייער אַ שמאָלע טיר אַרויסצוגיין״!...

ברוך האָט געפילט, ווי זיך צו נעמען דאָס לעבן: וואָס טויג אים זיך מאַטערן? מען וועט דאָך אים סיי־ווי־סיי הייגען! וואָרום ליידן, מאַטערן זיך? יאָ, ער האָט באַשלאָסן, אַז די שיף וועט נעמען גיין, ווען מען וועט אים געבן אַרבעט, וועט ער גאָר אַריינשפּרינגען אין ים אַריין. שווימען קען ער ניט, וועט ער איינס־צוויי זינקען, אָדער אַ גרויסער פיש וועט אים פאַרשלינגען. בעסער און גלייכער איידער אַריינצופאַלן צו די זשאַנדאַרן און די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן מיך מאַטערן. אַזוי איז געשען. די שיף איז אָפּגעגאַנגען פון די אַמעריקאַנער וואַסערן, האָט דער קאַפּיטאַן באַפוילן מען זאָל אים געבן וואַשן די דעק, מען זאָל אים געבן שקראַבען די ווענט פון די קאַיוטעס. איבערטראָגן די דיקע שטריק פון אַנקער. די אַרבעט איז געווען אַ שרעקלעכע. עסן האָט מען אים געגעבן באַזונדער, ניט מיט די אַלע אַרבעטער.

איינמאָל איז געקומען דער קאַפּיטאַן און האָט זיך גענומען בינדן און טשעפּען צו ברוכן. ער האָט אים גענומען שמייסן מיט אַ גראָבן רימען. ברוך איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, אַ פאַרבלוטיקטער, מיד, אָן כוחות. ער האָט שוין געדענקט: זאָל ער אים דערהרגענען, און זאָל שוין נעמען אַ סוף. די ליידן, די יסורים האָבן פון אים דאָס גאַנצע מוט אָפּגענומען. ער וואָלט וועלן שפּרינגען אין וואַסער, היט מען אים. דער קאַפּיטאַן ווייסט, אַז ער וואָלט וועלן שפּרינגען אין ים אַריין. אָבער ער וויל מאַטערן, היט מען דעם קרבן, ער זאָל זיך דאָס לעבן ניט נעמען.

איינמאָל האָט ברוך דערזען אַ קליין לוקסוס־שיפל אויפן ים, ניט ווייט פון זייער גרויסער שיף. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, מיט די גאַנצע כוחות, און האָט זיך אויסגעדרייט פון זיינע היטער און איז אַריינגעשפּרונגען אין ים אַריין. ער קאָן דאָכט ניט שווימען, אָבער ער שווימט! ער פילט אַז ער שווימט ווי אַ פיש: גיך, גיך! ער זעט פון הינטן עס יאָגן אים מאַטראָזן אויף די קליינע רעטונגס־שיפלעך, אָבער ער איז פלינק. ער האָט אונטערגעטוקט זיך, אָנגעכאַפּט פון אַהינטן דעם רודער פון אַ שיפל און זיך געהאַלטן אָן שיפל, און אַזוי ביז דאָס שיפל איז געשוואומען פאַרביי די קליינע לוקסוס־שיף. ברוך האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער קליינער לוקסוס־שיף, האָט זיך אַריינגעכאַפּט און זיך פאַרבאַהאַלטן אין דער קליינער רעטונגס־שיפל, וואָס איז אויבן געווען איבערגעדעקט מיט אַ לייוונט, אַז וואַסער זאָל דאָרטן ניט אַריין. ער האָט געהערט ווי די מאַטראָזן האָבן גע־פרעגט דעם קאַפּיטאַן פון דער לוקסוס־שיף, צי זיי האָבן ניט געזען אַ מענטשן שווימען, אָדער געבעטן הילף? דער קאַפּיטאַן האָט געענטפערט:—ניין! האָבן די מאַטראָזן באַשלאָסן, אַז ער האָט זיך דערטרונקען און זיי האָבן זיך צוריקגע־קערט צו זייער גרויסער שיף.

די יאַכטשיף האָט זיך געטראָגן נאָך פּאָרט אין ניו־יאָרק. די גרויסע שיף האָט זיך געלאָזן נאָך רוסלאַנד. ס׳איז געווען אויפן צווייטן פרימאָרגן, דאָס הייסט, אויפן צווייטן טאָג איז ברוך אַראָפּגעשפּרונגען פון שיף, און דער גאַנצער געטומל האָט מער ניט גענומען ווי איין שעה. ברוך, ליגנדיק אין רעטונג־שיפל, האָט ניט געקענט פאַרשטיין: ווי האָט ער געקענט שווימען? ער ווייסט, אַז ער קאָן ניט שווימען, און דאָ, האָט ער זיך אַפילו אונטערגעטוקט אונטער דער שיפל מיט די מאַטראָזן און האָט זיך אַנגעהאַלטן פון הינטן, ביז ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער יאַכטשיף. אַפילו אין חלום האָט ברוך געזוכט דעם פאַדעם: ווי קומט עס? ווי קומט ער צו קענען שווימען? אפשר חלומט זיך דאָס אים?—האָט ער צו זיך געזאָגט. ער שטעלט אַרויס זיין קאָפּ פון דער קליינער רעטונגס־שיפל, ער זעט, ס׳איז וואַסער, ס׳איז דער ים. ער טאַפּט זיך די הענט, די פיס—זיי אַרבעטן; אַפילו עסן ווילט זיך אים. זאָגט ער צו זיך: ווי קען דאָס זיין? ווי קאָן דאָס זיין אַ חלום?

ער האָט דערזען אימעצן קומען צום רעטונג־שיפל, האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז געלעגן שטיל. ער האָט געהערט אימעצן אַדורכגיין און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אָן שיפל. פאַר שרעק האָט אים גענומען דרייען אין בויך און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. ער הערט מענטשן אַרומגיין, נאָר זיי ריידן ענגליש. האָט ער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיי ריידן. ער פלעגט גאַנץ אָפט אַרויסשטעלן די קאָפּ. ער האָט געזען פילע שיפן פאַרבייגיין. פון איין שיף האָט ער געהערט ריידן רוסיש, פון אַ צווייטער, דייטש.

— אָך—האָטער צו זיך געזאָגט—כאָלטן דאָ די מענשטן קענען ריידן רוסיש אָדער דייטש, וואָלט ער מיט זיי געקענט זיך אַדורכשמועסן, דערציילן זיי זיין לאַגע. יעדער מענטש וואָלט מיט אים רחמנות געפילט...

שפּעט אין דער נאַכט האָט די שיף זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ דאָק. זיי זיינען אַלע אַרויס, אַחוץ עטלעכע הענט זיינען געבליבן. ס׳האָט געשמעקט מיט פייכטקייט און קעלט. ס׳איז געווען טונקל. ברוך האָט זיך שטיל אַרויסגעשלייכט, אָן די שיך, אין וואָלענע שקאַרפּעטן, מיט די שיך אין האַנט. ס׳איז אַלץ נאָס געווען נאָך, און ער האָט זיך געטרייסלט פון קעלט און הונגער.

אויפן דאָק האָט ער דערזען די גרויסע זינגער־געביידע. אויבן האָבן געברענט טויזנטער לעמפּעלעך און ליכטיק געמאַכט פאַר אַ גרויסן שטח אַרום. ברוך האָט אָנגעטאָפּט אין זיין אונטערהעמד, און דערפילט די עטלעכע גאָלדענע מטבעות, די פּופציק רובל, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער פאַררוקט אין אַ פאַלד פון העמד. ווען מען האָט אים אַרעסטירט האָט ער געזאָגט אַז ער האָט גאָרניט, אַחוץ קליינגעלט. ער איז אַרויס פון דאָק און איז נאָכגעגאַנגען איינעם פון די אַרונטערגעגאַנגענע. די אַנדערע, די איבעריקע, זיינען אַריין אין אַ הויכן אויטאָמאָביל, וואָס אַ קוטשער האָט אויף זיי געוואַרט, און זיי זיינען פאַרשוואונדן. אָבער איינער פון זיי איז אַוועק אין אַנאַנדער ריכטונג, אויף אַנאַנדער דרך, און ער איז אים נאָכגעגאַנגען ביזן פּאַרק, וואו יענער איז אַראָפּ אין סאָבוויי. דאָ איז ברוך צעמומלט געוואָרן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק. די וואַסער פון טייך האָט נאָך קעלטער די לופט געמאַכט און ער האָט זיך געטרייסלט. אים האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און ער איז אַנדרימלט געוואָרן. ער האָט געפילט, אַז אימיצער וועקט אים. דער פּאָליציימאַן האָט אים געוועקט האָט זיך אים געדוכט. פאַר שרעק האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

לעבן אים איז געשטאַנען מענדל און אים געוועקט.

— וואָס איז מיט דיר, ברוך—האָט מענדל אים געטורכעט, ווארום שלאָפסטו ניט אין בעט? וואָס טרייסלט דיך אַזוי? און דו אָטעמסט ווי אַ ווילדער אָקס!

ברוך האָט אויפגעריסן די אויגן, ער איז געווען אינגאַנצן באַגאָסן פון שוויס. דערזעענדיק לעבן זיך מענדלען, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און צוגע־דריקט צו זיין האַרץ:

— מענדל, מענדל—האָט ברוך שטיל אַרויסגערעדט—מענדל, אַ דאַנק פאַר אויפוועקן מיך!

— ס'האָט זיך דיר עפּעס שווער געחלומט, ברוך?

— זייער שווער, איר האָט מיר אַ ניי לעבן געגעבן, מענדל!

— ווארום שלאָפסטו ניט אין בעט?

— די וואַנצן! — האָט אים ברוך געוויזן אויף טעלעכע צעקוועטשטע וואַנצן.

— אַך, מענדל, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן חלום איך האָב אַדורכגעלעבט!

— ס'וועט זיין צום גוטן—ענטפערט אים מענדל—מיר חלומט זיך פיל מאָל אַז איך בין טויט, אַז איך בין אויף יענער וועלט!...

— אַך, אַך, אַזאַ חלום, אַזאַ שרעק; ווי איז דאָס מעגלעך? און אין חלום האָב איך געטראַכט, אפשר איז דאָס אַ חלום? אַך! אַך! אַזאַ חלום!—האָט ער זיך פאַרדעקט די אויגן.

— ווילסטו אפשר גיין שלאָפן מיט מיר?—האָט אים מענדל געפרעגט.

— איך וועל ניט גיין שלאָפן מער היינט—האָט ברוך געענטפערט—איך וועל ניט צומאַכן מער מיט אַן אויג. שוין צוויי מאָל האָט זיך מיר היינט געחלומט. נייך, איך וועל ניט גיין שלאָפן היינט מער!

— טאָ קום, וועסטו מיר דערציילן, וואָס סע הערט זיך אין ווילנע, וואָס סע מאַכט די שוויגער, דער שווער? דו ווייסט, מיין ווייב איז ניט אין ווילנע, זי איז אין לידע. זי וואוינט מיט מיין מוטער. ס'איז אַ קליין שטעטל, לידע.

— פריינט מענדל—האָט ברוך געזאָגט—נאָך דעם שרעקלעכן חלום, וואָלט איך אַביסל געוואָלט זיין אַליין. וועט איר ניט בייז זיין אויף מיר, מענדל? איך וויל אַביסל איבערטראַכטן, מיין אָטעם אָפּכאַפּן. איך וויל פּותר־חלום זיין זיך. איך בין אַביסל אַבערגלויבעריש מיט חלומות...

— געמוזט זיין אַ שווערער חלום! איך פאַרשטיי. אָלרייט—האָט ער אים געזאָגט.—ס'איז שוין באַלד פינף אַזייגער „עניהאָל"—האָט ער גענוצט ענגלישע ווערטער.—„אָלרייט"—האָט ער ברוכן אַ גלעט געטאָן די האָר און איז אַוועק אין זיין צימער, מיט אַ לאַנגן גענעץ.

---

ברוך האָט אויפגעשוידערט, ווען ער איז געבליבן אַליין.—ווי איז דאָס מעג־לעך, אַזוי אמתדיק דורכצומאַכן אַ חלום? אַזוי פּינקטלעך: די קלעפּ האָבן דאָך מיר ווי געטאָן, דאָס בלוט איז דאָך רויט געווען, וואָס ס'האָט זיך געגאָסן פון מיין פּנים. איך בין דאָך נאָכגעגאַנגען דעם מאַן, געזען דעם אויטאָמאָביל פאַר־שווינדן. גוואַלד, אין עטלעכע מינוטן האָב איך אַזוי פיל דורכגעמאַכט, דורכגעלעבט!

ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן, דאָס העמד איז אויף אים נאָס געווען. דאָס איז פון שוויס. דערפאַר האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין אין וואַסער. ער האָט זיך ניט געקענט קאָנצענטרירן, אַזוי האָט אים צעטרייסלט דער חלום. ער האָט ממש ניט געקאָנט טראַכטן קלאָר. ווי אין אַ טומאַן איז אים געווען פאַר די אויגן און אין מוח האָט זיך געדריידלט אומקלאָרקייט...

— גוואַלד, איך וועל אַראָפּ פון זינען! כאַלט איך גיין מיט מענדלען—האָט ער געטראַכט.

מענדל האָט זיך ווידער באַוויזן און שטיל צו אים געזאָגט:

— קום אין קיך אַריין, ברוך. מירן עפּעס כאַפּן אין מויל אַריין. איך קאָן שוין אויך ניט שלאָפן מער.

ברוך האָט זיך דערפרייט און איז מיט אים אַוועק אין קיך, דערכאַפּן מיט עפּעס דאָס האַרץ.

נאָכן צובייסן און נאָכן אַדורכשמועסן זיך האָט אים מענדל אַריינגעבראַכט אַ „וואָטערמאַן פאָונטען־פּען" און האָט צו אים געזאָגט:

— נאַ, ברוך, איך האָב די פּען געפונען און האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ „מזלדיקע", ווייל איך האָב אין מיין לעבן קיין זאַך ניט געפונען, קיין מאָל אין מיין לעבן—וואָס אַ פּעני איז ווערט ניט געפונען. נו, זאָל דאָס דיר ברענגען הצלחה און מזל אין דיין שרייבערשער קאַריערע—און האָט עס אים דערלאַנגט.

ברוך האָט אים באַדאַנקט און אַ פּרואוו געטאָן צו שרייבן. ס'איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, נאָר ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען קיין פאָונטען־פּען, האָט ער געבעטן, אַז ער, מענדל, זאָל אים וויזן ווי אַנצוגיין מיט דעם דאָזיקן אוצר. און מענדל האָט זיך צעלייגט ווי אַ מעכאַניק, ווי ער וואָלט עפּעס גרויסעס דאָ באַוויזן, און אַ זאָג געטאָן:

— אַז מען ווייסט ווי, ווי דו זעסט, איז דאָ גאָר קיין חכמה ניטאָ, פאַרשטייסט?!

ברוך האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, און האָט עס גלייך גענומען איבער־טאָן און האָט זיך פאַרגאָסן מיט טינט. אַגב, דערנאָך האָט ער שוין געוואוסט ווי אומ־צוגיין מיטן פאָונטען־פּען.

— איך ווייס, ברוך,—האָט מענדל געזאָגט—דו גייסט היינט שרייבן פּעסלען אַ בריוו. גיב איר איבער מיין גרוס, אויך דעם שווער און דער שוויגער אויך, און זאָג איר, פּעסלען, אַז איך האָף אין קורצן זי צו זען דאָ אין אַמעריקע. אָ, יע, שרייב איר, אַז איך האָב שוין גערעדט מיטן אַגענט וועגן שיפקאַרטעס פאַר מיין ווייב און קינד.

— יאָ, מענדל, איך וועל אַלעס טאָן ווי איר הייסט. אַ גרויסן דאַנק פאַר דער פּען. איך וועל איר שרייבן וועגן דער פּען אויך, וואָס איר האָט מיר געשאָנקען. נאָכאַמאָל אַ דאַנק, מענדל!

ס'איז שוין געווען אַרום האַלב נאָך זעקס. ברוך איז אַוועק צו זיין בעטל און מענדל צו זיין פּלאַץ. מענדל איז געשלאָפן אין עסצימער אויפן „לאָנדזש" (סאָפקע).

די באַלעבאָסטע, שימקע, האָט זיך שוין באַוויזן אין קיך. זי האָט שוין גענומען צוגרייטן פאַרן טאָג עסן, דאָס הייסט, פאַרן זונטיק. מענדל איז גלייך איינגע־שלאָפן און ברוך האָט זיך גוט געפילט נאָכן איבערבייס און ער איז אויך אַנט־דרימלט געוואָרן.

ברוך האָט ניט געוואָלט איינשלאָפן. ס'איז שוין ליכטיק געוואָרן, האָט ער געדענקט. ער וועט שרייבן אַ בריוו צו פּעסלען, ווייל אַלע שלאָפן איצט, דאָס הייסט, אַ חוץ שימקען, די באַלעבאָסטע, וואָס האָט זיך שוין גענומען צו איר אַרבעט. זי האָט שוין געקלאַפּט, כאָטש ניט שטאַרק, מיט די דעקלעך פון דעם שוואַרצן גרויסן אויוון, וואָס פון אויבן איז געווען אַזאַ „באָילער", אַן אייזערנער קעסל, וואָס סע פלעגט געבן הייסע וואַסער פאַר מאַכן אַ באָד, ווי אויך צו וואַשן די געשיר, די טעפּלעך, און פאַרן אַלגעמיינעם בויך: פאַר וואַשן די הענט, געוויינט־לעך, איז שוין דאָס הויז געווען אַביסל מאָדערן: דער אָפּטרעט אין הויז, דאָ וואו

ס'איז געווען דער באַד־צימער, איז דאָרטן שוין אויך געווען אַ „וואַש־באַסין" און דער אָפּטרעט (טאָילעט). ברוך האָט דאָס אַלץ באַמערקט, ווען מענדל האָט מיט אים גערעדט, ווען זיי האָבן אין מויל געכאַפּט אַ ביים. ברוך האָט גיך צו דאָס אַלעס באַקוקט, מיט זיין אַרכיטעקטאָרישן געדאַנק, האָט ער שוין ביי זיך אין דמיון דאָס שוין אויסגעצייכנט, וואָס דאָ און דאָרטן וואָלט ער איבערגעמאַכט, איבערגעשטעלט, מער באַקוועמלעכקייט געמאַכט, אַלעס איז לייכט דאָ, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף די דינע ווענט פון די מויערן. אָבער ס'איז פּראַקטיש, האָט ער געטראַכט; צו וואָס טאַקע אַזוינע שווערע פונדאַמענטן און אַזוינע שווערע ווענט, וואָס זעצן זיך טיף אַרונטער. פון איין בנין אין רוסלאַנד קען מען דאָ מאַכן צוויי און אָפּילו דריי. אין אַלגעמיין, האָט ער ווייניק געקענט באַטראַכטן אין איין אָוונט. די פענסטער איז ניי געווען. אין דער היים מאַכט מען צווייענדיקע פענסטער, וואָס עפענען זיך אויף זאַוועסעס. ער האָט זיך באַשלאָסן, ער וועט דאָ פאַרזעצן אין די נאַכט־קורסן, דאָס הייסט, ער וועט ווייטער גיין שטודירן אַרכיטעקטור, באַקענען זיך מיט דער אַמעריקאַנער אַרכיטעקטור. מ'האָט אים געזאָגט, אַז אין „קופּער יוניאָן" לערנט מען אַרכיטעקטור און סקולפּטור־אַרבעט. אָבער דערווייל וועט ער גיין זוכן אַרבעט, צו קענען מאַכן אַ לעבן און אַראָפּברענגען פעסלען וואָס גיכער. דאָס האָט ער אַלץ געטראַכט, דרימלענדיק. ער האָט מיט געוואַלד געעפנט די אויגן, ער זאָל ניט איינשלאָפן, ווייל אינדערפרי ווילט זיך להכעיס שלאָפן. ער איז צו צו שימקען און האָט איר געפרעגט:

— וועל איך אייך ניט שטערן אויב איך וועל פאַרנעמען אַ שטיקל ווינקל פון טיש? איך וויל שרייבן אַ בריוו אַהיים און אין ווילנע. איצט שלאָפן אַלע, וועט מיר קיינער ניט שטערן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, ברוכקע—האָט זי אָפּגעווישט מיט אַ האַנטוך דעם טיש פון עס־צימער און האָט אים צוגערוקט אַ שטול און צו אים געזאָגט:

— איך וועל דעם טיש גאָרניט נוצן ביז איר וועט ניט פאַרטיק ווערן. איך וועל אַרבעטן אין קיך, ס'איז דאָרטן גענוג פּלאַץ פאַר מיין אַרבעט.—און איז אַרויס צו איר אַרבעט אין קיך.

ברוך האָט געבראַכט שרייב־פּאַפּיר מיט קאָנווערטן און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין קאָפּ איז פול געווען מיט געדאַנקען, דאָס ער האָט פּשוט ניט געהאַט קיין ווערטער ווי אָנצופאַנגען. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעפאַנגען שרייבן און ס'איז אים ניט געפעלן געוואָרן. געשריבן דאָס ערשטע בריוו האָט ער צו פעסלען. צו די עלטערן וועט ער שפּעטער שרייבן. ביי אים איז פעסל בילכער געווען ווי איידן איינעם. ער האָט שוין עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר אָנגעפאַנגען און ס'איז אים ניט געפעלן געוואָרן. ער האָט אָוועקגעלייגט די פען און זיך פאַר־טראַכט. ער האָט זיך נערוועז געפילט, וואָס אים פעלן ווערטער. אין קאָפּ איז פול און ער וויל שרייבן קורץ און שאַרף. ער האָט מיטן ערשטן בריוו אַסך באַשרייבן געוואָלט, אָבער קורץ פון אויבן אויף—נאָר אַלעס, אַלעס.

ער איז אַריין אין פראָנטרום, ער האָט געפילט ער איז מיד, די אויגן פּשוט פאַרמאַכן זיך.

שימקע איז אַריין אין פראָנטרום, דערזעענדיק ברוכן אין בעטל:

— וואָס איז דער מער, ברוכקע, ניט אויסגעשלאָפן זיך?

— גאָרניט, כמעט, געשלאָפן! די וואַנצן—האָט ער אָנגעוויזן אויפן ליילאַך.

— איך וועל היינט אויסשפּריצן דעם מאַטראַץ און דאָס בעטל—האָט זי גע־זאָגט—איר'ט ביינאַכט שלאָפן ווי אַ מלך.

— איך קאָן ניט שרייבן, דער קאָפּ איז צעטומלט, שווער ווי בליי, עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט מיט אַ וואָרט — און האָט זיך אויסגעצויגן אין בעטל און די אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט.

שימקע האָט געקוקט ווי ברוך איז גלייך איינגעפאַלן און האָט אַ קוק געטאָן אויפן מאַן, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון שלאָפצימער:

— ער איז דאָך נאָך גאָר אַ ייִנגל! קוקט אויס ווי אַ ישיבה־בחור; ס'אַראַ איידעלע הויט ער האָט. איך וועל אים שוין „פּאַפּראַווען״ — האָט זי צום מאַן געזאָגט און איז אַוועק אין קיך.

ווי ס'ווייזט אויס האָבן די וואַנצן מורא געהאַט פאַר טאָג־ליכט, ווייל איצט זיינען זיי געלעגן אין זייערע שפּאַלטן און ברוך איז געשמאַק געשלאָפן.

דער עולם איז איינער נאָכן צווייטן אויפגעשטאַנען. אַלע זיינען אַריין אַ קוק טאָן אויפן גרינעם. יעדן האָט זיך געשמייכלט פון זיין געשמאַקן שלאָף.

שימקע האָט צו יעדן באַזונדער געקומען אָנזאָגן, מ'זאָל זיין רואיק, ווייל ברוך איז ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט — איבער די וואַנצן.

איר צו הילף איז געקומען מענדל, ווי אַן עדות, אַז ער האָט געזען ברוכן אין אָרעם־שטול זיצן — אין שרעקלעכע חלומות.

די מיידלעך האָבן אַלע ווילע אַריינגעוואָרפן די אויגן אין פראָנטרום און סיידי האָט גאָר אָנגעקוואָלן ווי ער שלאָפט.

— ס'אַראַ איידעלן פּנים ער האָט — האָט זי געזאָגט צו מענדלען.

— זיין מיידל איז אַ שיינע — האָט מענדל געזאָגט — זי איז גאָר אַן אומגעווינלעכע שיינהייט!...

— אַז ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, מוז זי זיין אַן אויסערגעווינלעכע מיידל — האָט סיידי געזאָגט.

— נו, גענוג קוקן אויף אים — האָט שימקע געזאָגט — לאָזט אים שלאָפן. גייט אַלע אַרויס פון פראָנטרום — און האָט זיי פאַמעלעך געשטופּט פון צימער.

כמעט פאַר וואָרעמעס האָט זיך ברוך אויפגעכאַפּט און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט פאַרשלאָפן כמעט אַ האַלבן טאָג, האָט ער זיך שטאַרק געערגערט.

— מענדל — האָט ער געזאָגט — וואָרום האָט איר מיך ניט אויפגעוועקט?

— שימקע האָט ניט געלאָזן — האָט ער זיך פאַרענטפערט — איך האָב דיך געוואָלט אויפוועקן. נו, שימקע: דו ביזט שוין ביי איר ווי אַ נייער זון, פון הימל איז איר אַרונטערגעקומען.

סיידי האָט זיך אַריינגעוואָרפן, ווי זי האָט דערהערט ברוכן ריידן:

— אַי האָט איר שיין געשלאָפן — האָט זי צו ברוכן געזאָגט — ווי אַן אומשולדיק ייִנגל.

שימקע איז אַריינגעקומען, האָט אַלעמען פאַנאַנדערגעשטופּט און גענומען ברוכן פאַרן האַנט:

— קומט ברוכקע עסן, און איר לאָזט אים צורו. זאָל ער אָפּעסן פריער און דערנאָך וועט איר מיט אים שמועסן. ער האָט נאָך קיין אָנבייסן ניט געגעסן. — סיידי — האָט זי געזאָגט — גיי אין דיין צימער און זיי דאָרטן ביז ער וועט אָפּעסן, דו הערסט?!

— אָ־קיי, מאַמע — איז סיידי זינגענדיק אַוועק אין איר צימער.

— און איר, מענדל, זעצט זיך ניט לעבן אים, איר לאָזט אים אויך צורו, אַלע! — האָט שימקע געזאָגט בייזלעך.

— אָ, שימקע — האָט מענדל אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט — איך וועל אים דעם אַפּעטיט ניט צונעמען, איך וועל אים נאָך מער אונטערמונטערן ער זאָל זיך ניט שעמען.

— וואָרום זאָל ער ניט זיצן לעבן מיר? — האָט ברוך געזאָגט. — איר ווילט אַלעמען צוטרייבן פון מיר? וואָס בין איך אַ קיניג? אָדער אַ פּרינץ?

— ביי מיר, ברוכקע, זייט איר אַ פּרינץ! יאָ, אַ פּרינץ! — איז זי צו צו אים און האָט אים אַ גלעט געטאָן אין באַק. — אַ פּרינצל! . . .

---

פון מענדלען האָט מען זיך דערוואוסט, אַז פעסלס חתן איז געקומען נאָך אַמעריקע. מענדל האָט אָפּגערופן פילע קרובים, וואָס ער האָט געוואוסט פון זיי. נו, האָבן זיך אַלע אַריינגעלאָזט, איינע נאָך די אַנדערע, צו זען ברוכן. אין הויז איז געוואָרן פול, אַז מ'האָט פשוט ניט געהאַט זיך וואו צו זעצן. יעדער האָט פאַרוואָרפן ברוכן מיט פראַגן. ברוך האָט ניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט ער איז. וואָס מער מענטשן עס זיינען געקומען, אַלץ מער האָט זיך ברוך געפילט עלנטער. מיט וועמען ער האָט געוואָלט פאַרברענגען, האָבן גערעדט ענגליש; אַנדערע וואָס זיינען דאָ געבוירן געוואָרן און אַנדערע, וואָס האָבן זיך אַמעריקאַניזירט, האָבן גענומען זיך אויספיינען פאַר ברוכן, אַז זיי זיינען שוין ניט קיין גרינע. דערהויפּט די מוידן. איז ער געזעסן אַזוי און געקוקט אויף אַלעמען. צייטנווייס מיט אַ האַלב־שמייכעלע, ווי צו ווייזן, אַז ער פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ, אַז ער וועט אויך אַמאָל קענען ענגליש... דערהויפּט איז אים געפעלן געוואָרן אַ מיידל, אַ שטילע, וואָס איז געשטאַנען און געקוקט אויף אים און געשוויגן... ברוך איז צו איר צוגעגאַנגען און איר געפרעגט:

— וואָרום קוקט איר אויף מיר די גאַנצע צייט?

— „דזשאָסט לייק דהאַט!" — האָט זי פאַרשעמט געענטפערט.

— איר ווייסט דאָך אַז איך בין אַ גרינער, איך קאָן קיין ענגליש ניט!

— איך ניט קען „דזשואיש" — האָט זי געענטפערט.

איר מוטער איז צו צו ברוכן און האָט צו אים געזאָגט:

— דאָס איז מיין טאָכטער, לילי, זי קאָן ווייניק יידיש, אָבער זי פאַרשטייט וואָס מען רעדט אין יידיש.

— טעל הים מאַמאַ — האָט לילי געזאָגט — אַי וויש אַי וואוד ספּיק יידיש נאַו!

— מיין טאָכטער פאַרדריסט, וואָס זי קען ניט ריידן קיין יידיש. זי וואָלט מיט אייך זייער געוואָלט ריידן — האָט זי צוגעגעבן אירע אייגענע אַ פּאָר ווערטער.

— מיר פאַרדריסט, וואָס איך קאָן קיין ענגליש ניט — האָט ברוך געענטפערט און געשמייכלט צו לילין.

סיידי איז צוגעקומען און געזאָגט צו ברוכן:

— דאָס איז מיין קוזינע, לילי, זי איז דאָ געבוירן געוואָרן, אַן אַמעריקאַנקע! אַ שיינע מיידל, אַיאָ?!

— זייער, זייער „פּרייאַטנאַיאַ"! — האָט ער געענטפערט אין רוסיש.

— וואָס מיינט דאָס — האָט סיידי געפרעגט — „פּרייאַטנאַיאַ"?

— גאָר אַן אַנטיקל — האָט ברוך אויף איר שמייכלענדיק געקוקט.

לילי האָט אַראָפּגעלאָזן איר אויגן און איז רויט געוואָרן. זי האָט געוואוסט וואָס סע מיינט אַן „אַנטיקל."

— זעט, לייצע, ווי זי „קראַסנעיעט"!—האָט ברוך אויף איר אָנגעוויזן.

— זי פאַרשטייט יידיש, נאָר זי קען ניט ריידן—און זי האָט זיך געווענדעט צו לילין:—זעסט לילי, איז ניט גוט אַז מען קען ריידן יידיש? יידיש רעדט מען אומעטום, וואו מען קומט, איבער דער גאַנצער וועלט רעדט מען יידיש, דאָס הייסט, יידן ריידן אומעטום יידיש!

מענדל איז צוגעקומען צו ברוכן און האָט אים פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז טאַנטע זלאַטקע, פּעסלס לייבלעכע מומע.

— ס'פריידט מיך צו קעמען פּעסלס צוקונפטיקן מאַן. נאָך גאָר אַ יונג ייִנגל— און האָט אים געגעבן די האַנט.—אַהאַ! אָבער אַ האַנט האָט ער פון אַ מאַן!— האָט זי געלאַכט.

ברוך האָט זיך געפילט ניט באַקוועם פון די ווערטער: „אַ יינג ייִנגל." ער האָט זיך געפילט נידעריק ווי אַ ייִנגל. ער איז רויט געוואָרן, נאָר, אַז זי האָט געזאָגט אַז ער האָט אַ האַנט פון אַ מאַן, האָט ער גרינגער געפילט. ברוך, נאָך פון קינדהייט אָן האָט תמיד געוואָלט אויסזען עלטער ווי ער איז. נאָך אין „פאַר־איין" פלעגט ער מיט אַ בליישטיפט שוואַרצן זייַנע נאָר וואָס שפּראָצנדיקע בלאָנדע וואָנצעלעך, כדי ער זאָל אויסקוקן עלטער.

— און ווען גייסטו אַראָפּברענגען דיין כלה, מיין צוקונפטיקער פלימעניק? איך האָף אַז דו וועסט ניט פאַריבל האָבן פאַר דוצן דיך. איך האָב שוין אייניקלעך ווי דו.

— איר קענט מיך דוצן!—האָט ברוך גיך געענטפערט.

— איך דוץ אים אויך—האָט מענדל געזאָגט.

—„סאָ", ווען גייסטו זי, פּעסלען, אַראָפּברענגען? איך האָב זי איבערגעלאָזן אַ מיידעלע פון צוויי יאָר, ווען איך האָב פאַרלאָזן ווילנע. אַזאַ שייִנינקע מיידעלע געווען, ווי אַ קוקלע שיין!

— זי איז איצט אויך אַ קוקלע, נאָר אַ גרויסע קוקלע!—האָט ברוך געזאָגט מיט אַ זיסן טעם.

— ער איז אין איר שטאַרק פאַרליבט—האָט סיידי אַריינגעוואָרפן אַן אייפער־זיכטיקן בליק צו ברוכן.

מען האָט זיך געזעצט איינע אויף דעם צווייטנס שויס, דאָס הייסט, מיידלעך, ווייל ס'האָט געפעלט פּלאַץ אין דעם גרויסן עס־צימער. שימקע האָט אָנגעשטעלט פיסטאַשקעס, מאַראַנצן (אָרענדזשעס) און האָט צוגעגרייט טיי. מענדל האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַר אַלעס באַצאָלן. ער האָט דאָס אַרויפגעבראַכט די פיסטאַשקעס און מאַראַנצן און קליינע קיילעכדיקע טערטעלעך. שימקע האָט זיך געבייזערט אויף מענדלען, ווען ער האָט געזאָגט אַז ער וועט איר באַצאָלן פאַרן טיי און צוקער און אַביסל וואַרעניע האָט זי אויך געשטעלט אויפן טיש.

— איך גלייך ברוכן, האָט זי געזאָגט, און זאָגט מיר ניט „באַצאָלן"!...

— אָ־קיי, שימקע, ווי איר ווילט! אָבער בייזערט זיך ניט אויף מיר. פון מיין זייט, אויב איר ווילט, הגם, ער איז ניט אייער גאַסט גיט זיי עסן אַפילו!

— איך וועל, איך וועל!—האָט שימקע געענטפערט—אויב זיי וועלן, וועלן עסן שפּעטער.

— פאָלגט מיך און טוט דאָס ניט—האָט מענדל זיך געבעטן—איר האָט געצנוג אַרבעט אָן זיי אויך, שימקע.

— ברוך וועט שוין האָבן וואָס צו באַשרייבן—האָט סיידי אַ זאָג געטאָן צו די אַרומיקע, דאָס זיי זאָלן וויסן אַז ברוך איז אַ שרייבער.

— איז ער אַ שרייבער—האָט די טאַנטע זיך אָפּגערופן?—יאָ, ברוך?! איך שרייב אויך, האָט זי שוין פאַר אים זיך באַרימט: אין „וואַרהייט" גייט שוין דריי חדשים מיינער אַ ראָמאַן. נו, וועט זיין נאָך אַ שרייבער אין אונדזער משפחה. גאַנץ פיין!

זי האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער קומט, צי איז ער אפשר אַ ווילנער געבוירענער?

— ניין—איך בין געבוירן אין האָמליע. איך האָב זיך געלערנט אין ווילנע.

אַזוי איז אַוועק אַ פּאָר שעה. ס'איז שוין געקומען דער אַלטער און דער זון פון דער אַרבעט.

— וועט איר אפשר מיט אונדז עסן וועטשערע—האָט שימקע זיך געווענדעט צו אַלעמען און שאַרף געקוקט אויף מענדלען.

— קינדער, אַהיים!—האָט די קלוגע מומע אַ זאָג געטאָן—מיר האָבן דאַנקען גאָט ביי אונדז אויך אַנגעגרייטע וועטשערע. וואָס וועלן מיר טאָן מיט אונדזערע „סאַפּערס"?

— ווי איר ווילט—האָט זיך מענדל אַריינגעמישט—געוויס האָט איר אייגענע „סאַפּערס", נאָר בעטן מעג מען אייך—האָט ער שוין כיטרע געקוקט אויף דער שמייכלענדער שימקע, וואָס איז געווען פון אים איצט צופרידן.

אַזוי האָט מען זיך געזעגנט און די „טאַנטע" האָט איינגעלאַדן ברוכן זי צו באַזוכן און מען וועט זיך ליטעראַריש אַדורכשמועסן. איר קערפּער איז געווען קאַרגע זעקס פוס הויך און האָט געמוזט וועגן איבער צוויי הונדערט פונט. זי האָט אַ דריי־גאָרנדיקע געמבע געהאַט און האָט גערעדט מענעריש שאַרף מיט זעלבסטווירדע. זי איז נאָך גראָ ניט געווען, מיט שאַרפע בלויע אויגן, כמעט אַן קנייטשן—צוליב איר פעטקייט. ווען זיי זיינען זיך צוגאַנגען, האָט ברוך פרייער אָפּגעאָטעמט. אים האָט פאַרדראָסן וואָס שימקע האָט געהאַט אַ סך אַרבעט צוליב זיי, און מענדל האָט זיך אָפּגערופן:

— און איר האָט נאָך געוואָלט זיי איינלאַדן צו עסן. איך וואָלט זיי אַרויס־געטריבן אויב זיי וואָלטן געוואַגט...

— אַ קלוגע אידענע די טאַנטע—האָט ברוך געזאָגט—אַ קלוגע אויך — —

— דו מיינסט זי וואָלט געקומען? איך האָב איר געזאָגט אַז דו ביזט אַ שרייבער, דערפאַר, פאַרשטייסטו, איז זי געקומען. אַזוי בלאָזט זי פון זיך...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט ביינאַכט, איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן, האָט ברוך אַרויסגענומען זיין טאָג־בוך און האָט אויפגעשריבן די פּאָר שורות:

„טייערע פעסל! היינט האָבן מיך פילע מענטשן באַזוכט, אַלע דיינע קרובים. ס'איז דאָ געווען אַזויפיל שיינע מיידלעך, אָבער מיין מוח און מיינע אויגן זיינען אָנגעפילט מיט דיר. דו שיינסט פאַר מיר ווי אַ ליכטיקער שטערן, און דיין פּנים פאַר מיר איז ווי די שענסטע פרילינג־בלום!..."